This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

9-124

סאָוועטיש

5

1991

היימלאַנד

442

שאָלעם-אליכעם

(1916—1859)

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש־קינסטלערישער
כוידעש־זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

מײַ

1991

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאלט

צו שאָלעם־אלייכעמס 57־ער יאָרצײַט

כאַיםביידער. קימאט א מישפּאָכע־כראָניק (וועגן שאָלעם־אלייכעמס עטלעכע פעקלעך נים־פּובליקירטע בריוו) . . . 3

פון שאָלעם־אלייכעמס דיכטונג 53

שאָלעם־אלייכעם. אין שטורעם (ראָמאַן, פאָרזעצונג) 56

הערשל פּאָליאנקער. אהיים, קיין יעהופּעץ 78

ב. קאָוויטש. שאָלעם־אלייכעם אין פעטערבורג 84

לידער פון דיכטער־פראָנטאָוויקעס. ארן ווערגעליס, באָריס מאָגילנער, יוזעף קערלער, פיניע פּלאָטקין, זיאמע טעלעסין, מאָטל גאָלבשטיין, מאקס ריאַנט, דאָוויד בראָמבערג, כאַים גורעוויטש . 90

מוישע גערשפעלד. נישט אויסגעטראכט (פאָרזעצונג) 102

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר)

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

ב. מאָגילנער,

וו. מאָשטשענקאָ,

כ. מעלאמוד, ב. סאנדלער,

ה. פּאָליאנקער, ע. פאגעל,

ג. עסטרײַך (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאָר),

י. שרײַבמאַן

קימאט א מישפאָכע-כראָניק

(וועגן שאָלעם-אלייכעמס עטלעכע פעקלעך ניט-פובליקירטע בריוו)

אלעמאָל, ווען עס דערנעענטערט זיך שאָלעם-אלייכעמס א „קײַלעכדיקע" דאטע — פון געבורט זײַנעם אָדער פון זײַן טויט, — טו איך זיך א כאפ צו מײַנע נאָטיץ-ביכלעך און העפטן, וועלכע איך פיר אין מעשעך פון לאנגע יאָרן: עפשער זײַנען דאָרט געבליבן פארנאָטירונגען, וואָס האָבן א שײַכעס צו שאָלעם-אלייכעמס שאפונג און ביִאָגראפיע און האָבן נאָך ניט דערזען די ליכטיקע וועלט.

אזוי האָט פאסירט אויך דאָס מאָל. א פארנאָטירונג האָט דערמאָנט: „אין לענינגראדער אינסטיטוט פון רוסישער ליטעראטור — אין אזויגערופענעם „פושקין-הויז" ווערן פארהיט 256 בריוו אין אָריגינאל, וועלכע שאָלעם-אלייכעם האָט געשריבן אף רוסיש צו זײַן איבערזעצערין. פינוס, צו דער פלימעניצע נאטאשע מאזאָר, צום עלטערן זון מישע און צו אנדערע פערזאָנען אין די יאָרן 1886 — 1915".

א קלייניקײַט — 256 בריוו פונעם גרויסן שרײַבער, וועלכע ליגן צווישן די פארבאָרגענע ראריטעטן פונעם בארימטן „פושקין-הויז" און איך האָב זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען, ניט געהאלטן אין די הענט, ניט א בלעטער געטאָן די פארגעלטע (און עפשער אפילע נאָך ניט פארגעלטע) בייגעלעך פאפיר.

איך בין, פארשטייט זיך, ניט געווען אזוי נאִיוו צו מיינען, אז קיינער פון די יִדישע ליטעראטור-פאָרשער האָט זיך ניט פארינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן אויצער, ניט געפרוווט זיך פאנאנדערקלײַבן אין אים. ווען די פארוואלטערן פונעם לייענזאל פון דעם מאנוסקריפטן-אָפטייל האָט אוועקגעלייגט אף מײַן טיש די ערשטע פאפקעס, האָב איך זיך דערוווסט, אז אין אָנהייב פון די 60-ער יאָרן האָט זיך פארנומען מיט אָט די בריוו אויזער האָלדעס, און קימאט אין דער זעלבער צײַט האָט זיי געבלעטערט יִסראָעל סערעבריאני. דער ערשטער האָט פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד" אן ארטיקל „שאָלעם-אלייכעמס א בינטל בריוו (בריוו-אויסטויש צווישן שאָלעם-אלייכעמען און י. פינוסן וועגן די איבערזעצונגען פון שאָלעם-אלייכעמס ווערק אף רוסיש" — נום. 2 פארן יאָר 1964, און דער צווייטער האָט אינעם נומער 10 פארן יאָר 1966 אָפגעדרוקט אן ארטיקל „וועגן שאָלעם-אלייכעמס בריוו צו י. פינוסן". אין ביידע ארבעטן איז געגאנגען א רייד וועגן די בריוו, וועלכע געפינען זיך אינעם „פושקין-הויז".

פארוואָס אין „פושקין-הויז", וואָס זײַן ספעציאַליטעט איז געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראטור? אזא פראגע קאָן, פארשטייט זיך, אנטשטיין, נעמענדיק אין אכט, אז בא אונדז איז איצט ניטאָ קיין וויסנשאפטלעכער אנשטאלט, וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט דער געשיכטע פון דער יִדישער ליטעראטור זינט עס האָבן אופגעהערט צו עקזיסטירן די יִדישע סעקטאָרן בא צוויי רעפובליקאנישע וויסנשאפט-אקאדעמיעס: ווײַסרוסישער און אוקראִינישער.

לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז שיר ניט א דעטעקטיווע געשיכטע, דער ערשטער, וואָס האָט באשריבן און קאָמענטירט שאָלעם-אלייכעמס בריוו צו י. פינוסן, איז געווען מאקס עריק. אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן, ווען ער איז געקומען פון אויסלאנד און זיך באזעצט אין מינסק, האָט שאָלעם-אלייכעמס איבערזעצער איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם יִדישן סעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע דעם ווערטפולן אויצער. מ. עריק האָט דערציילט וועגן די בריוו אין זײַן ארבעט „שאָלעם-אלייכעם

און זײַן איבערזעצער" אין דער וויסנשאפט־
לעכטער אויסגאבע „צײַטשריפט", נומ. 5
פארן יאָר 1931. צוגרייטן די בריוו צום דרוק
האָט ער ניט באוויזן. אין 1936, ווען ער האָט
שוין געלעבט אין קיִעוו און געארבעט אינעם
אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור בא דער
אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, האָט
מען אים ארעסטירט, און אינגיכן איז ער
אומגעקומען. די פּינוס־קאָלעקציע איז ארײַנ־
געפאלן אין די הענט פון אן אנדער קווא־
ליפיצירטן ליטעראטור־פאָרשער — ארן גור־
שטיין, און אונטער זײַן אויפזיכט האָט דער
ייִנגערער קאָלעגע ייִסראָעל סערעבריאני,
וועלכער האָט געארבעט אינעם ייִדישן סעק־
טאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־
אקאדעמיע, שוין געהאט איבערגעזעצט אין
ייִדיש אָט די בריוו און באזאָרגט זיי מיטן
געהעריקן וויסנשאפטלעכן אפּאראט. די
פּינוס־קאָלעקציע האָט אזויארום איבערגע־
וואנדערט קיין מאָסקווע און איז איבערגע־
געבן געוואָרן אין אינסטיטוט פון דער וועלט־
ליטעראטור אױף א. מ. גאָרקיס נאָמען. און
דאָס איז געווען א גרויס גליק, ווײַל אויב די
בריוו וואָלטן זיך געפונען אין מינסק, וואָלט
אױף זיי געווארט דער זעלבער גורל, ווי, לע־
מאָשל, אױף דעם ארכיוו פונעם מענדעלע־
מוזיי אין אָדעס, וועלכן ס'האָט פארצוקט
דאָס אומראכמאָנעסדיקע פײַער שוין אין די
ערשטע טעג פון דער מילכאָמע.

אָבער אויך ארן גורשטיין האָט ניט בא־
וויזן צו ברענגען אין אָרדענונג די פּינוס־
קאָלעקציע — ער איז אוועק אין דער מאָסק־
ווער אָפּאָלטשעניע און איז אומגעקומען אפן
פראָנט.

קעדיי אופצושטעלן די איבערזעצונג און
אלץ, וואָס עס איז פארבונדן מיט די בריוו,
האָט י. סערעבריאני שוין געדארפט פאָרן
קיין לענינגראד, אין אינסטיטוט פון דער
רוסישער ליטעראטור, וווּהין זיי האָבן איבער־
געוואנדערט. אין רעזולטאט האָט זיך בא־
וויזן זײַן פּובליקאציע אין „סאָוועטיש היימ־
לאנד" נומ. 10 פארן יאָר 1966.

פארוואָס זשע דארפן מיר זיך ווידער־
אמאָל אומקערן צום בינטל בריוו? די זאך
איז אין דעם, וואָס ביידע פאָרשער האָבן פון
די 123 בריוו פון שאָלעם־אלייכעמען צו פּי־
נוסן אויסגענוצט בלויז 27. עפשער זײַנען די
אנדערע 96 מינדערווערטיקע, און מע קאָן
זיך אָן זיי באגיין? ניין, ס'איז ניט אזוי. פון
לאנג איז באוווּסט, אז „מינדערווערטיקע"
בריוו האָט שאָלעם־אלייכעם ניט געשריבן. און
אין דעם האָב איך זיך איבערצײַגט, בלע־
טערנדיק אָט דעם טייל פון זײַן עפּיסטאָליא־
רישער ירושע. ביכלאל גערעדט, איז שוין



דער לענינגראדער אינסטיטוט פון רוסישער ליטעראטור

פאָטאָ — ל. זלאטשעווסקי

צײַט צונויפזאמלען אלע זײַנע בריוו, וועלכע זײַנען צעוואָרפן אין פארשיידענע אויסגאבעס, און זיי ארויסגעבן אין א באזונדערן באנד אָדער אין עטלעכע בענדער.

איצט אָבער גייט א רייד ניט אזוי וועגן די שוין אויבנדערמאָנטע ניט פארעפנטלעכטע שאָלעם-אליכעמס בריוו צו זײַן איבערזעצער. מיר ציִען צו די אופמערקזאמקײַט צו אנדערע בינטלעך בריוו פון שאָלעם-אליכעמען, וועלכע ליגן אינעם ארכיוו פון דעם זעלבן „פושקין-הויז" — 33 בריוו, וואָס דער געניאלער שרײַבער האָט געשריבן צום עלטערן זון זײַנעם מישען און 78 בריוו צו דער פלימעניצע נאטאשע, בריוו, וועלכע כאַפּן ארום א פעריאָד פונעם 1886 ביזן יאָר 1915.

מע קאָן ניט זאָגן, אז אונדזערע ליטעראטור-פאָרשער האָבן ניט געלייגט קיין אכט אף דעם דאָזיקן אויצער. נאָך אין דעם קיִעווער ליטעראריש-קינסטלערישן זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור" נום. 3-4 פארן 1939 האָט דער דעמלטיקער פארוואלטער פונעם מאנוסקריפטן-סעקטאָר באם אינסטיטוט פון דער וועלט-ליטעראטור אף א. מ. גאָרקיס נאָמען ס. ל. סימאָנווסקי פארעפנטלעכט שאָלעם-אלייכעמס 7 בריוו צו דער פלימעניצע נאטאשע מאזאָר און איינעם צום זון מישע. די זעלבע בריוו זײַנען איבערגעכאַזערט געוואָרן אינעם אלמאנאך פון די סאָוועטישע שרײַבער, וועלכן דער אוקרנאצמינדפארלאג האָט ארויסגעגעבן אין זעלבן יאָר. דער 15-ער באנד פון שאָלעם-אלייכעמס „אויסגעוויילטע ווערק" (מאָסקווע, „עמעס"-פארלאג, 1941) האָט פון די דאָזיקע בריוו איינגעשלאָסן 7 צו נ. יע. מאזאָר און 2 צום זון מישע. אזויארום, זײַנען פון די העכער הונדערט בריוו, וועגן וועלכע עס גייט א רייד, בלויז 9 דערגאנגען צום לייענער, שפּאָט-ווייניק, אויב נעמען אין אכט, אז די מערהײַט שטעלן מיט זיך פאָר א קוואל פון וויכטיקע עפּיזאָדן אין שאָלעם-אלייכעמס לעבן און שאפן — אפילע אזעלכע, וואָס מע קאָן ניט שעפן פונעם גרויסן „שאָלעם-אלייכעם-בוך".

עפשער איז ניט אזוי וויכטיק, פארוואָס די אויבנדערמאָנטע בריוו, אף וועלכע עס איז פאראן דער שטעמפּל פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט-ליטעראטור אף א. מ. גאָרקיס נאָמען, האָבן פלוצעם „איבערגעוואנדערט" אין לענינגראדער „פושקין-הויז". מע קאָן דאָ בויען פארשיידענע האשאָרעס. אלנפאלס, איז געווען באוווּסט, אז נ. יע. מאזאָר, וועלכע האָט ביז דער מילכאָמע געוווינט אין קיִעוו, האָט טאקע איבערגעגעבן די בריוו צו איר און צו מישע ראבינאָוויטשן אין אינסטיטוט פון דער וועלט-ליטעראטור. עפשער איז דאָס געווען אין 1936, ווען שאָלעם-אלייכעמס פרוי אָלגע ראבינאָוויטש איז געקומען פון ניו-יאָרק צו-גאסט אין סאָוועטנפארבאנד און האָט אין קיִעוו באזוכט איר פלימעניצע (דער מיידלשער פאמיליִען-נאָמען פון נ. יע. מאזאָר איז געווען, פונקט ווי אָלגע ראבינאָוויטשעס, לאָיעוו).

אזוי אָדער אנדערש, נאָר אָט ליגט פאר אונדז א גאנצער פלאסט, וואָס דעקט אוף פיל פראָטים פון שאָלעם-אלייכעמס לעבן, און עס איז, ווײַזט אויס, געקומען די צײַט צו ברענגען די דאָזיקע פראָטים פאר דער בריי-טער עפנטלעכקײַט. וואָס מיר טוען דאָס טאקע איצט, אין צוזאמענהאנג מיט שאָלעם-אלייכעמס 75-טן יאָרצייט, ביפראט נאָך, אז מע קאָן פאריינוועגס פאריכטן אייניקע אומפינקטלעכקײַטן, וועלכע זײַנען דערלאָזט געוואָרן אין די פריִערדיקע פובליקאציעס.

„ער איז געווען ריין, ווי קרישטאָל...“

בא שאָלעם־אלייכעמען זײַנען געווען זעקס קינדער: פיר טעכטער — ערניסטינע (טינא, אָדער כײַע־עסטער), געבוירן אין 1884, סארע (ליאלי), געבוירן אין 1887, נעמי (עמא), געבוירן אין 1888, און מיריאם (מארוסי), געבוירן אין 1893, און צוויי זין — עלימעלעך (מישע), געבוירן אין 1889, און נאָכעם (נומא), געבוירן אין 1901.

ביז די קינדער זײַנען אויסגעוואקסן האָבן זיי געלעבט צוזאמען מיט דער מישפּאָכע, באזונדערס ווען איר ווױנונגס־אָרט איז געווען א באשטענדיקס: די לעצטע (און עפשער אפילע די ערשטע) שטאָט, ווו די מישפּאָכע האָט זיך געפונען, אָן א קליינעם אויסנאם, צוזאמען, איז געווען קיִעוו. דאָ האָבן די קינדער זיך געלערנט, די מערהײַט האָבן פאַרענדיקט גימנאזיעס, פונדאנען זײַנען זיי אוועק אין דער גרויסער וועלט, אָנגעהויבן א זעלבשטענדיק לעבן. אָן אן איבערײַס איז שאָלעם־אלייכעמס ווױן־אָרט קיִעוו געווען פון 1894 ביזן סאָף 1905, ווען דער פּאָגראָם האָט אים געצווונגען צו פאַר־לאָזן די שטאָט. פון דעמלט אָן הייבן זיך אָן זײַנע וואנדערונגען — קיין אמעריקע, פון דאָרטן — צוריק קיין אייראָפּע, דערנאָך זײַן היילונג אין איטאליע, שווייץ, דײַטשלאנד. אין פולן באשטאנד קלײַבט זיך צונויף די מישפּאָכע דאָס לעצטע מאָל, אפּאָנעם אין לעמבערג, אין 1906 (ס'איז שוין דעמלט צוגעקומען ערנעסטינעס מאן י.־ד. בערקאָוויטש).

אין קיִעוו אָבער האָט שאָלעם־אלייכעם איבערגעלאָזט „פאר א מאשקן“ דעם עלטערן זון מישען, וועלכער האָט זיך געלערנט אין דער גימנאזיע און מע האָט אים ניט געטאָרט אָפּרײַסן פון דער לער. געלעבט האָט מישע בא שאָלעם־אלייכעמס (פון דער פרוי אָלגעס צאַד) פלימעניצע נאטאשע (נאטאליע יעווסייעוונא) און איר מאן מאַיסיי סאוועליעוויטשן, אן אדוואָקאט, א פריס־אזשני פּאוועריעני (בא זיי זײַנען געווען דרײַ קינדער). אזויארום, האָט אכוץ דער די־רעקטער קרוויוושאפּט שאָלעם־אלייכעמען פארבונדן מיט די מאזאָרס דער עלטערער זון, וועלכער האָט בא זיי געווױנט און איז געווען פארעכנט פאר א מיטגליד פון דער מישפּאָכע. פארשטייט זיך, אז שאָלעם־אלייכעם, ווי אויך זײַן פרוי אָלגע, האָט זייער איבערגעלעבט די צעשיידונג, געשריבן אָפטע בריוו, זיך נאָכגעפרעגט, ווי לעבט זיך דעם זון, ווי לערנט ער זיך, מיט וואָס פארפולט ער די פרײַע צײַט. וועגן דעם רעדט זיך דעריקער אין שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו מישען, ווי אויך, ווי מיר וועלן זען ווײַטער, אין די בריוו צו די מאזאָרס.

זײַענדיק צעשיידט מיטן זון, לאָזט דער פאָטער ניט אראָפּ דאָס אויג פון אים, פארנעמט זיך מיט זײַן דערציִונג. דערבײַ טוט ער דאָס דערעכאגעוו, ווי א דערפּאַרענער פּעדאגאָג, וואָס ווייסט גוט די קינדערשע פּסיכאָלאָגיע. אין א בריוו צו די קינדער שרײַבט ער פון כארקאָוו:

„טײַערע, ליבע טיסי! איך בין זייער באליידיקט פון דער נאכלעסיקײַט און קורצקײַט פון דײַן בריוו! ליאלי, גיב איבער א גרוס עמאן. עמא, גריס מישען. מישא, גיב א קוש מוזען און, איך בעט דיך, שלאָג זיך ניט מיט איר. מיר האָט זיך געכאָלעמט, אז דו האָסט איר יאקאָבי דערלאנגט א קלאפּ און געמאכט א לאמטערן. פארשטייט זיך, אז דאָס איז א ליגן, וואָרעם ווער גלייבט עס אין כאלוימעס? פונדעסטוועגן קאָן זיך עס טרעפן אף דער וואָר צווישן געוויסע יינגעלעך און מיידעלעך. איך זאָג דאָס גלאט אזוי, פארבײַגייענדיק... (ציטירט לויטן „שאָלעם־אלייכעם־בוך“, ז. 57).

פון ניו־יאָרק פרעגט שאָלעם־אלייכעם זיך אָן, וואָס עס הערט זיך בא מישען, וועלכער דאַרף זיך עקזאמענירן אין דער גימנאזיע, און ווען דער זון האלט אויס די עקזאמענעס און ווערט א גימ־נאזיסט, שפּירט דער פאָטער נאָך זײַנע איניאָנים און פאָדערט, מישע זאָל אים אלעמאָל געבן צו וויסן, וויאזוי עס גייט די לער. וועגן דעם זאָגן איידעס די בריוו, וועלכע געפינען זיך אין לעניג־גראדער „פושקין־הויז“. מישע איז שוין אלט דאָס אכצנטע יאָר, און מע קאָן מיט אים רעדן ווי מיט א דערוואקסענעם מענטשן, אָנטרויען אפילע ערנסטע אופטראָגן.

נערווי, 3 דעקאַבער 1908

טײַערער מישעלע!

אָט פאר דעם ליב איך דיך, וואָס דו שרײַבסט, ערשטנס, דײַטלעך, צווייטנס, אָפט, און דריטנס, וועגן אַלץ. נאָר באזונדערס ליב איך דיך פאר דער דײַטלעכקײַט. שרײַבן אומדײַטלעך, אפּדערגיך, איז א סימען פון ניט אופמערקזאמקײַט, א פארלאנג וואָס גיכער פּאָטער ווערן פון דער אומאָנגענעמער פליכט. איך ווער געזינטער ניט פון טאָג צו טאָג,

נאָר פון שאָ צו שאָ. פאַר דער לעצטער וואָך איז מיר צוגעקומען 11 קילאָ — $3\frac{1}{4}$ פונט). אויב עס וועט אַזוי גיין ווײַטער, וועט זיך באַקומען אַזאַ דיאַגראַם: 11 × 50 = 75. מײַן אורשפּרינגלעכע וואָג 58 קילאָ = 340 פונט = $8\frac{1}{2}$ פּוד. מיט אַזאַ וואָג קאָן מען פאָרן קיין אַמעריקע זיך באַווײַזן פאַרן געערטן פּובליקום און מאַכן אַ סאַך בעסערע געשעפטן, איידער מיט ליטעראַטור. איך האָב אַפילע צוגעגרייט אַ מעלדונג אין צוויי עקזעמפּליאַרן:

שאָלעם־אַלייכעם! אַן אומגעוועענער נעס! שאָלעם־אַלייכעם!
דער גרעסטער הומאָריסט!
וועגט 133 קילאָגראַם!
קומט! איבערצײַגט זיך!
גיט איבער די פרײַנט און באַקאַנטע!

מיר וואַרטן אַף ווײַטערדיקע דײַנע בריוו, אַלץ מער און מער דײַטלעכע און שיינע (אין זין פון האַנטשריפט). מיר קושן דיך.

דײַן פּאַ(פּאַ).

נאָך מיט אַ כוידעש צוריק, אין סאָף אָקטיאַבער 1908, האָט שאָלעם־אַלייכעם, וועלכער האָט זיך געפונען אַ קראַנקער אין נערווי (איטאַליע), זיך געפילט זייער שוואַך. ס'איז ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן דער 25־טער יובילייִ פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט בײַזײַן אַף די פּײַערונגען. אין סאָף נאָיאַבער — אָנהייב דעקאַבער 1908 האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן בעסער, און צו אים האָט זיך אומגעקערט די נאַטירלעכע שטימונג. אין אַזאַ שטימונג האָט ער אָנגעשריבן דעם אויבן געבראַכטן בריוו צו זײַן עלטערן זון, וועלכער האָט זיך דעמלט געפונען אין קיִעוו און געלערנט אין גימנאַזיע. דער שפּאַס מיט דער וואָג, וואָס קומט אים צו, איז שאָלעם־אַלייכעמען זעלבסט אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אים געוואָלט איבערכאַזערן פאַר זײַנע פרײַנט אין אָדעס — מענדעלען, ביאַליקן, לעווינסקין און ראַווניצקין. אין דרײַ טעג אַרום נאָכן בריוו צום זון שרײַבט ער צו זיי:

„נישט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שאָ צו שאָ פיל איך מיך אַלץ בעסער און בעסער. אין די עטלעכע וואָכן, וואָס איך בין דאָ, אין דעם פון גאָט געבענטשטן נ ע ר ו וי, איז מיר צוגעקומען קי־מאַט פיר קילאָ, צען פונט הייסט עס. צען פונט פלייש. זאָגט „קיין איינהאָריע" און שפּײַט אויס דרײַ מאָל און שטעלט מיר אַ פײַג הינטער די אויגן... ווי אַ ייִד אַ פּראַקטישער, וואָס האָט געטאָן אַמאָל אייסעק, ניט הײַנט געדאַכט, האָב איך אונטערגעצויגן אַ רעכענונג, אַז אויב עס וועט אַזוי גיין ווײַ־טער, וועלן מײַנע געשעפטן זיך, אימירצעשעם, שטאַרק פאַרבעסערן. דער כעזשבן איז אויבן־אויף, ווי אַף דער דלאָניע: צען־פופצן פונט אַ כוידעש — האָט איר אַזוי גרויס ווי 180 פונט. אַ פונט 150 האָב איך אָן דעם אויך געוויגן, האָבן מיר, הייסט עס, אַ קײַמעלאָן פון 330 פונט, אָדער 8 פּוד מיט 10 פונט. מיט אַזאַ וואָג וועל איך שוין פאַרשפּאָרן שרײַבן אָדער פאַרלאָזן מײַנע מײַסעס, נאָר גלאַט אַזוי זיך באַווײַזן פאַרן פּובליקום. דאָס איז פיל גרינגער ווי שרײַבן אָדער לייענען פאַר אַן אוילעם. און דאָס פּובליקום אַליין איז טאַקע אויך מער נײַגעריק צו זען אַ גרויסן שרײַבער, ווי איידער אים האָרכן לייענען. און ווער רעדט אַמעריקע — דאָרט קאָן מען שאַרן גאָלד. ס'איז שוין פאַרטיק בײַ מיר אין קאָפּ אַפילע, וויאַזוי צו אַנאָנסירן:

ווונדירים פון דער וועלט!
קומט! זעט! מאַסנוויײַז! און שטוינט!
דער גרעסטער הומאָריסט אין דער וועלט!
וועגט דרײַ הונדערט דרײַסיק פונט!
שאָלעם־אַלייכעם — אײַנטריט 1 דאָלאַר...
לאָזט ניט דורך! דערציילט אײַערע פרײַנט!

איצט לאָמיר אָקאָרשט געבן אַ כאַפּ אַפּן קאָפּ, וויפֿל קאָן מען פֿאַרדינען. ווען מיר זאָגן, אַז אַף דער גאַנצער וועלט האָבן מיר סאַכאַקל צען מיליאָן ייִדן. לאָמיר זיך ניט מאַכן קיין רײַכן כעזשבן און זאָגן, אַז בלויז איינער פֿון הונדערט וועט ווען אָנקוקן דעם גרעסטן הומאָריסט, — האָט איר ניט קיין הונדערט טויזנט דאָלערז..." (ציטירט לויטן ב. 15 פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „אויסגעווײַלטע ווערק", מ., פֿאַרלאַג „דער עמעס", 1941, זז. 192 — 193)

אָט וויִאַזוי ס'איז פֿון עטלעכע שורעס, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן צום זון, אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע הומאָריסטישע נאָוועלע, איינע פֿון די טויזנטער, וואָס ער האָט געשאַפֿן...

נערווי, ווילע בריִאַנאַ, 8 דעקאַבער 1908

טײַערער מישאַ! פֿאַרנעמען זיך מיט איבערזעצונגען איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער איניען. מע קאָן פֿונדעסטוועגן ניט וויסן אַפֿריִער, ווער וועט גוט און ווער וועט שלעכט איבערזעצן. פֿיל איז אָפּהענגיק פֿונעם טאַלאַנט, נאָר מער — פֿון דערפֿאַרונג, פֿון געווינשאַפֿט און, לויט מײַן מיינונג, איז אַלץ געווענדט אין פֿאַרלאַנג. אַפֿילע דאָס, וואָס מענטשן זעען אין מיר טאַלאַנטפֿולס, רוף איך אָן אויסשליסלעך פֿאַרלאַנג, אַקשאָנעסדיקער פֿאַרלאַנג. אַן איבערזעצער דאַרף, אויסער דעם, וואָס ער קען און פֿאַרשטייט בײדע שפּראַכן, שטאַרק וועלן גוט איבערזעצן. און קעדײַ צו וועלן, זײַנען נייטיק באַמיִונגען. קודעם־קאָל דאַרף מען זיך אַרײַנטראַכטן אין אָריגינאַל. נאָך דעם, ווי די איבערזעצונג איז שוין געמאַכט, דאַרף מען זאָרגעוודיק דורכקאָנטראָלירן יעדע פֿראַזע: צי רעדט מען אַזוי, צי שרײַבט מען אַזוי אין רוסיש. יעדער שפּראַך האָט זיך אירע אידיִאָמען, וועלכע מע קאָן ניט גלײַך איבערזעצן. מע דאַרף זוכן די אַנטשפּרעכיקע עקוויוואַלענטן. בײַשפּילן זײַנען פֿאַראַן אין די טויזנטער. איך וועל דיר ברענגען ווייניקסטנס איינעם:

אין ייִדיש: פֿון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. אין רוסיש:
Тише едешь — дальше будешь. אָדער נאָך אַ בײַשפּיל:
אין ייִדיש: אָט האָסטו דיר! אין רוסיש: Вот тебе на!
און נאָך. אין ייִדיש: פֿאָלג מיך אַ גאַנג.
אין רוסיש: Попал пальцем в небо.
אין ייִדיש: עס הייבט זיך גאָר ניט אָן!
אין רוסיש: Ничуть не бывало!

באַם אָנטרעפֿן אַף שווערע אידיִאָמען בין איך שטענדיק גרייט דיר צו העלפֿן. הייב אָן! מיר וועלן נאָך ניט איין מאָל שמועסן וועגן דער קונסט פֿון איבערזעצן. מיר וועט עס פֿרייען ניט נאָר צוליב פֿאַרדינסט, נאָר אויך איבער פֿיל אַנדערע מאָטיוון. די טעג וועל איך דיר צושיקן עפּעס־וואָס פֿאַרן דעביוט. איך קוש דיך.

נ. ב. קודעמקאָל שטעל איך אַ באַדינג: שטענדיק, אַפֿילע אין די טשערנאָוויקעס, שרײַבן דײַטלעך און קלאָר. אָט די קלאָרקײַט ווערט אויך איבערגעגעבן דעם געדאַנק. פֿאַרשטיי דאָס.

פּאַפּאַ.

דער דאָזיקער בריוו איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס דער שרײַבער פֿאָרמולירט דאָ זײַן שטעלונג צו דער פֿראַגע וועגן דער קונסט פֿון איבערזעצונגען. שאָלעם־אַלייכעם ווייסט, אַז דעם זון, וועלכער לערנט זיך דערווײַל אין גימנאַזיע, איז נאָך פֿריצײַטיק זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ קאָמפּליצירטן איניען. אַ פֿילבאַרער פֿאָטער און אַ גלענצנדיקער פּסיכאָלאָג, פֿאַרשטייט ער אָבער, אַז מע טאָר ניט אָפּשלאָגן דעם זונס כיישעק זיך פֿאַרנעמען מיט דער דאָזיקער זאַך, און ער באַציט זיך צו מישעס פֿאַרלאַנג מיט דער גאַנצער ערנסטקײַט, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט מיט אַ פּראָפֿעסיִאָנאַל. אַגעוו, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער געבראַכטער בריוו איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין 15־טן באַנד פֿון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וואָס איז דערשינען אין „עמעס" פֿאַרלאַג מיר גיבן אים ווידער, ווײַל, ערשטנס, דינט ער ווי אַ מין אַרײַנפֿיר פֿאַר שאָלעם־אַלייכעמס ווײַטערדיקע בריוו צו זײַן זון, און צווייטנס, אַף וויפֿל אין אונדזער רעשוס געפֿינט זיך דער אָריגינאַל, האָבן מיר געקאָנט פֿאַרפֿינקטלעכן דעם טעקסט און פֿאַריכטן די פֿעלערן, וועלכע זײַנען פֿריִער דערלאָזט געוואָרן בײַס דער איבערזעצונג אַף ייִדיש.

נערווי, 27 נאָיאבער (10 דעקאבער) 1908

טײַערער מישעל!

אָט האָסטו דיר א קינדערישע, אזוי צו זאָגן, א ווײַנאכט־דערציילונג „ניסלעך". זאָל דאָס זײַן דײַן דעביוט. צוערשט לייען זי איבער איין מאָל. דערנאָך דאָס צווייטע מאָל. דערנאָך פרעג בא א יִדיש־קענער יעדעס וואָרט, וואָס איז דיר ניט אינגאנצן פארשטענדלעך, און פארשרײַב אין ביכעלע מיט אן אָנמערקונג פון דעם זײַטל און שורע אין אָריגינאל. דערנאָך קויף זיך א העפט פון גוטן פּאפּיר און א גוטע פּען. שרײַבן בלויז אף איין זײַט. פון בײדע זײַטן פונעם פעלד. שרײַבן זייער דײַטלעך. דערנאָך וועסטו איבערלייענען די איבערזעצונג זיך זעלבסט און נאָך עמעצן, וועסט פאריכטן אלע ניט־גלאטקײַטן און וועסט איבערשרײַבן אף ריין שוין אין א באזונדערן העפט באזונדערס דײַטלעך און שיין, מיט גרויסער שריפט; אנדערש וועט די רעדאקציע אָפּווארפן דעם העפט. אייניקע רעדאקציעס זאָגן זיך אפילע אָפּ נעמען דעם מאנוסקריפּט, אויב ניט אף קיין רעמינגטאָן. אייניקע ווערטער האָב איך איבערגעזעצט אינעם אָריגינאל. איבערזעצן דארף מען ניט אלץ גלײַך, נאָר 2 — 3 זײַטלעך א טאָג. ביז ווײַנאכט וועסטו באוויזן. מיט דער גימנאזיע מאנקירן איבער די איבערזעצונגען דארף מען ניט. אין גרויסע פארלעגנהײַטן וואָלט דיר געקאָנט העלפן מאָיסיי סאוועליעוויטש. איך האָב אין זינען באזונדערע ווערטער און אויסדרוקן. אָט, לעמאָשל, אף דער זײַט 4 אין דער שורע 26: „אָפּשפּרעכן א גוט־אויג".

אלזאָ, אין א גוטער שאָ.

דײַן פּא(פּא).

און פארעפנטלעכן די דערציילונג און באקומען האָנאָראר וועט דיר העלפן מ(אָיסיי) ס(אוועליעוויטש), סירקין, וועמען איך באגריס הארציק.

מיר פארמאָגן ניט אין אונדזער רעשוס די בריוו, וועלכע מישע האָט געשריבן דעם טאטן. אלנפאלס, אזעלכע בריוו מוזן עקזיסטירן (עפּשער האָבן זיי זיך פארהיט אין שאָלעם־אלייכעמס ארכיוו, וועלכער געפינט זיך, אפּאָנעם, צוזאמען מיט אנדערע מאטעריאלן בא זײַנע יאָרשים), ווײַל פון שאָלעם־אלייכעמס בריוו צום זון זעט מען, אז דער בריוו־אויסטויש מיט מישען איז געווען א גאנץ לעבהאפטער און דער דיאלאָג קומט צווישן זיי פאר דעריקער וועגן מישעס איבערזעצערישע פּרווון. פונעם פאָטער באקומט ער גאנץ קאָנקרעטע אָנווײַזונגען — סײַ מיקויעך דעם געגעבענעם טעקסט, סײַ אין שײַכעס מיט דער טעכנישער זײַט. שאָלעם־אלייכעם לערנט דעם זון זײַן אקוראט אין אלע הינזיכטן — פונקט אזוי, ווי ער אליין באציט זיך צו דער זאך.

מישע האָט, אפּאָנעם, ניט שלעכט געקענט יִדיש און פארפולקומט זײַנע קענטעניש מיט דער הילף פון דעם טאטן. א געוויסע באדײַטונג האָט געהאט דאָס, וואָס ער האָט געלעבט בא די מאזאָרס און האָט געהאט א מעגלעכקײַט צו באקומען די נייטיקע קאָנסולטאציעס בא מאָיסיי סאוועליעוויטשן. אכוץ דעם, איז אן אָפּטער ארײַנגייער צו די מאזאָרס געווען דער יִדישער שרײַבער און לינגוויסט מ. נ. סירקין, שאָלעם־אלייכעמס פרײַנט און קיִעווער טוישעוו. אפּאָנעם, דער איניען איז שוין אוועק אזוי ווײַט, אז עס איז אפילע געגאנגען א רייד וועגן באקומען האָנאָראר פאר דער איבערזעצונג.

נערווי, 5 (18) דעקאבער 1908

טײַערער מישעל!

לאנג האָט די מאמע געזוכט פּאפּיר, קעדיי דיר אָנשרײַבן א בריוו, און האָט ענדלעך ארויסגעריסן בא נומעטשקען פון די ציין, און דעריבער איז דאָס פּאפּירל עטוואָס ארומגעהריזעט. ווײַטער גיב איך דיר איבער א מאזלטאָוו אין שײַכעס מיט ליאליס טעלעגראם, אויב דאָס איז א כאסענע; און אויב דאָס איז גלאט אזוי, וועלן מיר זיי אָפּשיקן דעם מאזלטאָוו מיט א צוריק־רעקאָמענדירטן בריוו. און ווי האלט עס מיט די איבערזעצונגען? מיט דער צײַט וועט גיין גוט, אויב דו וועסט וועלן, פארשטייט זיך. און דערנאָך קוש איך דיך אף דעם אָפּגעהריזעטן שטיקל פּאפּיר.

דײַן פּא(פּא).

דאָס דאָזיקע קליינינקע בריוועלע נייטיקט זיך אין א דעשיפרירונג. דאָס ארומשפּילן דאָס „ארומגעהריזעט" פּאפּירל, וואָס מע האָט ארויסגעריסן פון נומעטשקעס ציין (נומע, שאָלעם־אלייכעמס מי-

זיניקל, איז דעמלט אלט געווען ניט קיין פולע זיבן יאָר און האָט זיך געפונען צוזאַמען מיט די עלטערן אין נערווי), איז טאַקע געווען ניט מער ווי א שפּיל, ווײַל בא שאָלעם־אַלייכעמען איז שטענדיק געווען אונטער דער האַנט געננוג פּאַפּיר, ביפּראַט נאָך אַף אָנצושרײַבן א בריוול. אין אים האָט פּאַשעט זיך אופגעכאַפּט דער קונדעס, איבערהויפּט ווען עס איז געגאַנגען א רייד וועגן קינדער און פאַר קינדער. וואָס שײַעך דעם „ארומגעהריזעטן" פּאַפּירל, געפינט זיך עס טאַקע אינעם פּעקל בריוו, וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך אין אונדזער פּובליקאַציע.

אויספּירלעכער דאַרף מען דערקלערן, וועגן וואָס פאַר א טעלעגראַם גייט דאָ א רייד. שאָלעם־אַלייכעמס צווייטע טאָכטער ליאַלי (סאָרע) האָט זיך געקליבן כאַסענע האָבן פאַר מיכאַל קאַופמאַנען און האָט מיטגעטיילט וועגן דעם די קיִעווער קרויווים. א טעלעגראַם האָבן פון איר באַקומען אויך די מאַזאָרס און מישע. דערווײַל איז נאָך געווען פּריצײַטיק צו באַגריסן, ווײַל די כאַסענע איז פאַרגעקומען ערשט אין א יאָר ארום. דעריבער באַמערקט שאָלעם־אַלייכעם: „אויב דאָס איז א כאַסענע; און אויב דאָס איז גלאַט אַזוי, וועלן מיר זיי אָפּשיקן דעם מאַזלטאָוו מיט א צוריק־רעקאָמענדירטן בריוו"...

נערווי, 30 דעקאַבער 1908 (12 יאַנוואַר 1909)

טײַערער מישעלע!

ביסטו, הייסט עס, „צעלאָזט" און דעריבער פרײַ. איך דאַרף דיר באַמערקן, אַז מיר וואָלט געווען אָנגענעם צו הערן, אַז אין אָט דער צעלאָזטער צײַט פאַרנעמסטו זיך מיט די קלאַס־איניאָנים. דו מוזסט אריבערגיין אין פאָלגנדן קלאַס מיט פּערטלעך. עס האָט זיך איצט א סאַך געביטן אין לעבן. שוין צײַט אויך אָט דאָס זאָל זיך בײַטן. וואָס שײַעך די איבערזעצונגען, כאָטש איך איבער דאָס שוין געזאָגט: איך וועל זײַן זייער צופרידן, נאָר מיטן טנײַ, אויב דאָס וועט ניט פאַרשאַטן די פאַרנעמונגען אין דער גימנאַזיע. סײַ מיר, סײַ דו, סײַ אַנדערע ברענגען דײַן גימנאַזיע אַזויפיל קאָרבאָנעס, אַז זיך באַציִען גרינגשעצעריש צו איר וועט זײַן מער ווי א כעס. און צווישן אונדז אַלן נאַטאַשען און די מאַזאָרס האָבן זיך איצטער אײַנגעשטעלט אַזעלכע באַציִונגען, אַז באַלעסטיקן דײַן אופהאַלט בא זיי וועסטו גיט. און אויב איך האָב זיך דערפרייט מיט דײַנע ליטעראַרישע פּרוּוון, איז דאָס אַוודע ניט צוליב געלט, וואָס גאָט ווייסט, צי וועט עס נאָך זײַן, נאָר איבער דעם, וואָס א פּוסט אָרט וועט ווערן פאַרפולט. קלאָר, אַז אין דער ערשטער ריי זײַנען די גימנאַזיע־פאַרנעמונגען, און שוין דערנאָך ליטעראַטור און אַפֿרו. צוליב איבערזעצן איז נאָך נייטיק א סאַך לייענען אַף יידיש. איך וועל זיך באַמיִען צו קריגן פאַר דיר אַלץ, וואָס עס איז איצט דערשינען אין וואַרשע פון מײַנע ווערק. עס וואָלט ניט געשאַדט, דו זאָלסט זיך באַקאַנען מיט אָט דעם גאַנצן כלאַם, וואָס האָט פאַרשלונגען 25 יאָר פון מײַן לעבן. ס'איז א גרויסער איצט נאָכפרעג גראָד אַף אָט דעם כלאַם מיצאַד דער רוסישער פאַרלעגערישער ליטעראַטור (און פון דער דײַטשישער). א מאָסקווער פירמע האָט בעדייע ארויסצוגעבן מיך אין אַן איבערזעצונג. זי האָט אירע איבערזעצער. און אַף מײַנע נײַע ווערק איז גאָר א גרויסער נאָכפרעג. שרײַב איך טאַקע איצט אַלץ נײַע — אַף יידיש, געוויינלעך. אינעם יאַנוואַר־ביכל פון „יעווריסקאַיאַ מיסל" (סאַנקט־פּעטערבורג) וועט זיך באַווײַזן אין דער רוסישער איבערזעצונג מײַן נײַע דערציילונג „טעוועל, דער מילכיקער ייִד, פאַרט קיין פּאַלעסטינע". אַז איך וועל באַקומען — וועל איך צושיקן. און אָט צו דיר א ביטע, האַגאַם דו פילסט ניט אויס אַזעלכע באַקאָשעס. די טעג האָט אין „קיִעווסקאַיאַ מיסל" זיך באַוויזן מײַן גרעסערע דערציילונג אין אַן איבערזעצונג. וואָס פאַרא דערציילונג — ווייס איך ניט. דאַכט זיך, „101". גיי ארײַן אין רעדאַקציע, דערוויס זיך, קויף פינף עקזעמפּליאַרן און שיק מיר ארויס מיט א רעקאָמענדירטן באַנדעראָל. וועגן אַנדערע זאַכן וועט די מאַמע אָנשרײַבן.

דײַן פּאַפּאַ.

דאָס איז דער סאַמע „ערנסטער" בריוו צום זון, וואָס געפינט זיך אין אונדזער רעשוס. דאָ גייט שוין א רייד ניט בלויז וועגן מישעס לער אין דער גימנאַזיע, און ניט נאָר וועגן זײַנע איבערזעצונגען, נאָר אויך וועגן ליטעראַרישע איניאָנים פון שאָלעם־אַלייכעמען זעלבסט. צו יענער צײַט, ווען דער בריוו איז געשריבן, האָבן די רוסישע (און ניט בלויז רוסישע) פאַרלאַגן זיך פאַרינטערעסירט

מיט זײַנע ווערק און געפירט אונטערהאנדלונגען וועגן איבערזעצן זיי און ארויסגעבן אין מאָסקווע און אין אנדערע ערטער. עס ווערט פארווירקלעכט דעם שרײַבערס טרוים וועגן „ארויסשווימען אין אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראטור״. דער מאָסקווער פארלאג „סאָווועמעניִע פּראָבלעמי״ („הײַנט־צייטיקע פּראָבלעמען״) רעדט זיך צונויף מיקויעך דעם דאָזיקן איניען מיט י. פּינוסן און אנדערע איבערזעצער. אײַנצײַטיק שטויסט שאָלעם־אַליכעם ניט אָפּ, פארשטייט זיך, דעם אייגענעם זון, וועלכער פרווווט אויך זײַנע קויכעס. נאָך מער, דאָס, וואָס די רוסישע פארלאגן האָבן זיך פארינטערעסירט מיטן פאָטערס ווערק, טרײַבט מישען נאָך מער אונטער און ער ווערט אומגעדולדיק. דער פאָטער האָט מוירע, אז דער זון קאָן איבער די ליטעראַרישע פּרוּוון פארלאָזן די לער, און דערמאָנט אים וועגן דעם טאַקטיש.

נערווי, 10 (23) יאַנוואר 1909

טײַערער מישאַ!

דעם עמעס זאָגנדיק, זײַנען מיר דײַנע ביידע בריוו ניט געפעלן!.. אין ערשטן בריוו צעפירסטו עפּעס א סקעפּטיש טשײַלד־האראָלדישע פילאָסאָפיע פון נודאָטע. אינעם הײַנטיקן בריוו מאכסטו א סאכאקל פון די פארנעמונגען פאר די פאַריקע יאָרן און קומסט צום אויספיר, אז צו א גאָלדענער מעדאל ווערסטו ניט דערגיין. צי דען גייט דאָ אין דער מעדאל? און צי דען זײַנען די מעדאליסטן גאראנטירט, און די ניט־מעדאליסטן וועלן דען אומבאדינגט בלײַבן איסער די ווענט פונעם אוניווערסיטעט? דאָ גייט אין דעם, אז דו דארפסט זיך סטאַרען באקומען וואָס מער פינפן — און קיין איין צוויי ניט. וועגן דעם אוניווערסיטעט פארגעס דערווײַל. קלער בלויז וועגן אן אטעסטאט און וועגן א גוטן אטעסטאט. אָט האָסטו דיר די גאנצע פילאָסאָפיע. וואָס זשע שײַעך דער פילאָסאָפיע פון אנטוישונג — איז שפּײַ זיך אויס אף איר. לייען ניט די הײַנטצײַטיקע אידיאָטן. לייען בעסער די קלאַסיקער. אָט דער גאנצער שטראָם פון דער הײַנטצײַטיקער דעקאדאנס־ליטעראטור (באזונדערס פון דער רוסלענדישער) וועט דורכגיין זייער גיך! א שאָד, וואָס דו האָסט מיר ניט צוגעשיקט א קאָפּיע פון דײַן איבערזעצונג איידער דו האָסט זי אָפּגעשיקט אין רעדאקציע. נאָר אויב דו האָסט שוין אָפּגעטראָגן, איז שוין פארפאלן. איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט קריגן די „קיִעווסקאיא מיסל״ און אומבאדינגט צושיקן. פון נאטאשען און מאָיסיי סאָוועליעוויטשן האָבן מיר קימאט אלע טאָג בריוו פון ניצע.

דײַן פּאַ(פּאַ).

דער דאָזיקער בריוו איז אויך פארעפנטלעכט געוואָרן אין 15־טן באנד פון שאָלעם־אַליכעמס אויסגעוויילטע ווערק, וואָס דער „עמעס״־פארלאג האָט ארויסגעלאָזט אין 1941. מיר כאַזערן אים דאָ איבער צוליב די זעלבע טײַמים — ערשטנס, ווײַל ער איז א מין פאָרזעצונג פון די פריִערדיקע בריוו, און צווייטנס, צוליב אויסבעסערן אייניקע אומפּינקטלעכקײַטן, וועלכע עס האָבן דערלאָזט די איבערזעצער.

מיר דערוויסן זיך, אז מישע האָט שוין איבערגעזעצט עפּעס פונעם טאַטנס ווערק, נאָר ער איז געווען אזוי אומגעדולדיק, אז ער האָט פארגעסן צושיקן דעם אווטאָר א קאָפּיע פון דער איבערזעצונג. ווען עס וואָלט געווען א „פרעמדער״ איבערזעצער, וואָלט שאָלעם־אַליכעם, פארשטייט זיך, אופגעהויבן א גוואלד, נאָר דעם אייגענעם זון איז ער מויכל: „אויב דו האָסט שוין אָפּגעטראָגן, איז שוין פארפאלן״.

וויכטיק איז אויך שאָלעם־אַליכעמס שטעלונג צו דעם שטראָם פון דער דעמאלטיקער דעקאדאנס־ליטעראטור, מיט וועלכער עס האָט זיך פארכאַפּט די יוגנט, און ער אײַצעט דעם זון „ניט לייענען די הײַנטצײַטיקע אידיאָטן״, נאָר די קלאַסיקער. און ווידעראַמאָל זעען מיר דעם זאָרגעוודיקן פאָטער און קלוגן דערציִער, וועלכער פארשטייט אזוי טיף די יוגנט־ און קינדער־פּסיכאָלאָגיע...

נערווי, ווילא בריאַנאַ, 25 יאַנוואר (7 פעוורואַל) 1909

טײַערער מישעל!

נו, אָט איז פײַן, גוט, וואָס דו פארנעמסט זיך קוידעמקאָל מיט וויסנשאַפטן פון דער גימנאזיע. און וועגן באנקראָט קלער ניט. נאטאשע אָדער מאָיסיי סאָוועליעוויטש וועלן שוין ארײַנטראָגן די דאָזיקע סומע. דאָס איז ניט דײַן, נאָר אונדזער כּריוו. וואָס שײַעך קליינגעלט אף קעשענע־הוצאָעס, איז שעם זיך ניט. ווענד זיך צום זעלבן אדרעס. גלײַך

ווי דו וואָלסט זיך געווענדט צו דער מאַמען אָדער צו מיר. כוצפּע איז א שטריך ניט קיין סימפּאַטישער, אָבער אַן איבעריקע און ניטפּאַסיקע דעליקאַטקייט איז אויך ניט אָנגענעם סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר אַנדערע. דערצו האָט די מאַמע געגעבן נאַטאַשען א ביסל מינץ פאַר דײַנע נייטיקסטע באַדערפענישן. פון ליאַלין האָבן מיר באַקומען א גרויסן בריוו. צו איר האָט זיך אומגעקערט דער פריערדיקער שאַרפזין. שרײַב זיך איבער מיט איר. אויך לידער שרײַבט זי. פיל בעסער פון בונינס פּאָעטישע פּערל. גיב איבער ליוסיען, אַז זײַן גרויס האָט אונדז אַלעמען דערשטוינט מיט זײַן, אַזוי צו זאָגן, קאַליגראַפישקייט, אין פאַרגלײַך מיט דײַן ריין הינערישן קסאַוו. איך דאַרף דאָ שטעלן א פּונקט. איך קוש.

פּאַ(פּאַ).

דערפריי נומען. שרײַב אים אַן באַזונדער אַף זײַן נאָמען א קאַרטל. באַגליק אים.

וויפל איידלקייט, וויפל טאַקט דרינגען אַרויס פון אָט די עטלעכע געציילטע שורעס! דעם פּאָטער געפעלט, וואָס דער זון זײַנער איז ניט קיין כוצפּעניק, נאָר צופיל דעליקאַטקייט איז אויך א קליינע מײַלע. מישע ווייסט ניט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן אַפריער זיך צונויפגערעדט מיט די מאַזאָרס בענעגייע זײַנע „פינאַנסיעלע איניאַנים", און דער טאַטע דערקלערט אים, אַז אַלץ איז קעשורע — זאָל ער ניט איבערלעבן, ער דאַרף האָבן אין זינען בלויז דאָס וויכטיקסטע — די לער. דער טאַטע פּאָדערט ניט, אַז דער זון זאָל זיך איבערשרײַבן מיט דער שוועסטער, ער באַמערקט בלויז, אַז „צו איר האָט זיך אומגעקערט דער פריערדיקער שאַרפזין" און זיך איבערשרײַבן מיט איר איז פּאַשעט א פאַרגעניגן. דער קלײנינקער נומאַ שטייט ·לעבן טאַטן און איז אים מעקאַנע, וואָס מע שיקט אים אַזויפיל בריוו. דער טאַטע פאַרשטייט עס און געפינט גלײַך אַן אויסוועג: זאָל מישע, נומאַס עלטערער ברודער, אים באַגליקן מיט א בריוול אַף זײַן נאָמען — וואָס פאַר א פאַרגעניגן וועט באַקומען דאָס יאַטל און ווי שטאָלץ וועט ער זײַן, ווען ער וועט האָבן א בריוו פון זײַן עלטערן ברודער!

עס פאַרבלײַבט אָפּצומערקן, אַז אָט דער ליוסיע, וועלכער האָט אַלעמען דערשטוינט מיט זײַן קאַליגראַפישקייט, איז נאַטאַשע מאַזאָרס זון, און אוואַדע וואָלט מישע, בא ווען ס'איז א „ריין הינערישער קסאַוו", געקאָנט בא אים זיך אָפּלערנען...

און צולעצט, לאָזט זיך אויס, אַז ליאַלי שרײַבט נאָך לידער, און „פיל בעסער פון בונינס פּאָעטישע פּערל"! דער טאַטע טרײַבט איבער? דאַכט זיך, אַז ניין. שפּעטער וועט ליאַלי דערמאָנען אין אירע זיכרוינעס: „ער האָט זייער געוואָלט, אַז עמעצער פון זײַנע קינדער זאָל אויך שרייבן. „ווען דו זאָלסט נאָר וועלן, וואָלסטו געשריבן, — פלעגט ער מיר ניט איין מאָל זאָגן. — אָט נעם נאָר און פּרוּוו"... און עפּשער וואָלט דאָ געווען ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז ליאַלי קאַופמאַן, שאָלעם־אלייכעמס טאָכטער, איז א שרײַבערין טאַקע געוואָרן: זי האָט לאַנגע יאָרן זיך געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, איבערגעזעצט דעם טאַטנס ווערק אַף ענגליש, און ניט אומזיסט איז איר נאָמען ארײַן אין „לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור", וואָס דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן (זע ב. 8. שפּ. 61).

אָט וויפל שטאָף האָט ארײַנגענומען אין זיך שאָלעם־אלייכעמס קליינינק בריוול צו זײַן זון!

נערווי, 16 פעווראַל 1909

מיר האָבן באַקומען, מישע, אַלע דײַנע קאַרטלעך. אַז דער נומער „קיעוווסקאַיאַ מיסל" איז ניטאָ אין פאַרקויף — איז דאָס ניט קיין ענטפער. אין דער רעדאַקציע זײַנען שטענדיק פאַראַן רעזערוו־נומערן. איך דאַרף בלויז וויסן, וואָס פאַר א דערציילונג און ווען איז דאָרט אָפּגעדרוקט און ווער האָט איבערגעזעצט. (אַגעוו, זיי האָבן געזאָגט נאַטאַשען, אַז זיי וועלן צושיקן האָנאָראַר (50 ר.) אַהער. זיי האָבן דעם האָנאָראַר דערווײַל ניט צוגעשיקט. איך דאַרף, אַכוץ דעם, האָבן א קאָפּיע פון דער דאָזיקער איבערזעצונג, אויב עס איז ניטאָ דער נומער.

איך קוש.

דײַן פּאַ(פּאַ).

וועגן וואָס פאַר א דערציילונג אין „קיעוווסקאַיאַ מיסל" גייט דאָ א רייד, איז ניט אינגאַנצן קלאָר. מאַשמאָעס, „קיעוווסקאַיאַ מיסל" האָט דעמלט ניט געדרוקט שאָלעם־אלייכעמס ווערק. מיר האָבן זיך צופעליק אָנגעשטויסן אַף שאָלעם־אלייכעמס א בריוו פאַרן 30 מאַרט 1908 צום מיטאַרבעטער פון

דער פּעטערבורגער צײַטונג „דער פּרטנס", וועסבלאָט, וועלכער האָט געלעבט אין קיִעוו. שאָלעם-אַלייכעם האָט אים צוגעשיקט א דערציילונג „גרינס" וואָס איז געווען געווידמעט עמעצנס א זילבער-נער כאַסענע, צוליב איבערזעצן פֿאַר דער צײַטונג „קיִעווסקאַיאַ מיסל" מיט א טנאַי, זי זאָל געדרוקט ווערן אין א באַשטימטן טאָג. די רעדאַקציע איז אָבער ניט מאַסקים געווען צו געבן די דערציילונג צו דער באַשטימטער דאַטע. אָפּגעדרוקט איז זי געווען אין דער צײַטונג „קיִעווסקיִע וועסטי" אין ווײַסבלאַטס און סלאָנימס איבערזעצונג. נאָר דאָס איז געווען קימאַט מיט א יאָר צוריק. ווײַזט אויס, מע וועט דאַרפֿן נאָך ווײַטער אויספֿאָרשן דעם איניען, קעדיי געבן א קלאָרן ענטפֿער אויף אָט דער שטעל אין שאָלעם-אַלייכעמס בריוו צו מישען.

לוגאַנאַ, 18 אָקטיאַבער 1909

טײַערער מישעל!

דו שרײַבסט מיר גאָרניט וועגן דײַנע איניאָנים (אין גימנאַזיע און וועגן מיליטער-פֿליכט), אויך די מאַמע שרײַבט ניט וועגן דעם. זי איז איצטער, דאַכט זיך, נאָך אין אָדעס. איך זאָג — דאַכט זיך, ווײַל א בריוו גייט פֿון דאָרטן א טאָג 5. וועגן מײַן געזונט-צושטאַנד ווייסטו געפֿינען אינעם בריוו צו נאַטאַשען. נומע האָט איבערגעטראַכט און וויל ניט אַרײַנוואַרפֿן זײַן גראַמאַטיק אין דער אָזערע. בעסער ווינטער אין אויוון. לעכאָלהאַפּאַכעס, זאָגט ער, וועט זײַן עפּעס א נוץ פֿון איר. ער לערנט גראַמאַטיק אַליין, לויטן אוראַלטן מיטל. ער מאָלט און שפּילט אויפֿן ראָיאַל. נאָר דעריקער כאַפּט ער פֿיש. באַ אונדז איז זומער. דער מאַמען ווייסטו, פֿאַרשטייט זיך, אָנשרײַבן. איך קוש דיך.

פּאַפּאַ.

דעם דאָזיקן בריוו האָט שאָלעם-אַלייכעם געשריבן צו מישען פֿונעם קוראָרט לוגאַנאַ, ווו ער האָט זיך א צײַט געפֿונען אויף היילונג. דאָס געזונט איז געווען ניט אַמבעסטן, נאָר אים האָט דער אָפּטימיזם ניט פֿאַרלאָזט. פֿאַרשטיקנדיק די מוירעדיקע ווייטיקן, פֿלעג ער שפּאַסן, באַזונדערס אין דער סוויווע פֿון קינדער. מיט זיי איז ער שטענדיק אַליין געווען א קונדעס. אין געגעבענעם פֿאַל טיילט ער מישען מיט, ווי דערפֿינדעריש עס איז זײַן אַכטיאָריקער ברודער. דעם טאַטן געפֿעלט דאַפֿקע, וואָס נומאַ האָט זיך זײַן אייגענעם צוגאַנג צו דעם לערנבוך פֿון גראַמאַטיק און דריקט אויס דעם דאָזיקן צוגאַנג אויף אַן אָריגינעלן אופֿן.

נערווי, 2 יאַנוואַר 1910

טײַערער מישע!

נעכטן האָב איך באַקומען א בריוו פֿונעם רעדאַקטאָר פֿון „קיִעווער וואָרט". זיי לייגן מיר פֿאַר 3 קאָפּ. א וואָרט. איך האָב געגעבן די האַסקאָמע פֿון צײַט צו צײַט זיי געבן פֿעליעטאָנען. דעם 25-טן (7-טן) יאַנוואַר לאָזן זיי אַרויס דעם 1-טן נומער.

איך קוש דיך.

איך שרײַב אויפֿן ברעג.

דײַן פּאַפּאַ.

נערווי, 4 (17) דעקאַבער 1909

טײַערער מישע!

הײַנט האָב איך דיר אָפּגעשיקט לויט דעם דאָזיקן אַדרעס מיט א רעקאָמענדירטן פּאַקעט א פֿעליעטאָן פֿאַר די „קיִעווער קאָפּצאָנים", דאָס הייסט פֿאַרן „קיִעווער וואָרט". איך האָב א קלייניקע אויסבעסערונג. אין סאַמע אָנהייב פֿונעם פֿעליעטאָן ווערט געזאָגט: „איך ליג מיר..." עס דאַרף זײַן: „ליג איך מיר..."

נעם און שטעל אַוועק אויפֿן וואָרט „איך" — א 2, און אויבן אויפֿן וואָרט „ליג" — 1. אויב דו ווייסט אַליין ניט אויסבעסערן, גיב עס איבער דעם רעדאַקטאָר. דאָס איז א פֿעלער א סטיליסטישער, אָבער א וויכטיקער לויט מײַן פֿאַרשטאַנד.

איך קוש דיך.

פּאַפּאַ.

9 (22) יאַנוואַר 1910

טײַערער מישעלע!

אַ דאַנק, וואָס דו האָסט זיך באַמיט צו באַקומען האָנאָראַר פאַר מיר. אָבער פאַרוואָס האָסטו שוין ניט אויסגעשריבן מיר די צײַטונג, כאָטשבי פון אָט דעם האָנאָראַר, אויב זיי זײַנען אַזעלכע כאַזערוקעס, וואָס זיי שיקן ניט אַרויס אַליין. אָדער האָט די צײַטונג עפּשער שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן? דאָ זײַנען פאַראַן קיִעווער, וועלכע האָבן אויך געזען בלויז דעם נומער 1, מער איז ניטאָ. הייסט עס, נישטאָ מער די צײַטונג? און איך שיק דיר פונדעסטוועגן פאַר איר טאַקע, פאַר דעם זעלבן „קיִעווער וואָרט", דעם צווייטן פעליעטאָן. אויב די צײַטונג לעבט נאָך, גיב זיי אָפּ דעם דאָזיקן פעליעטאָן און זאָג, אַז זיי זאָלן זיך ניט שרעקן: אָפּט וועל איך זיי ניט שרײַבן. נאָך אָט דעם 2־טן פעליעטאָן וועל איך זיי צושיקן אַ הומאָריסטישע דערציילונג אונטערן נאָמען „קיִעווער קאָנטראַקטן". זאָלן זיי זי געבן גראָד צו די קיִעווער קאָנטראַקטן.

דערנאָך אַף פּייסעך, גאָט וועט געבן, וועל איך זיי געבן אַ פעליעטאָן. ביטע, שרײַב באַ זיי אַרויס פאַר מיר די צײַטונג און באַצאָל פאַר 3 כאָדאָשים פאָרויס (אויב דו ביסט זיכער, אַז די צײַטונג לעבט און האָפט דערציִען ביז פּייסעך. אָט אַ לעבנס־שטאַנדהאַפּטיקײַט!).

דעם צווייטן פעליעטאָן שיק איך אַרויס מאָרגן — ער הייסט „ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן".
איך קוש. די מאַמע שרײַבט.

פּאַ(פּאַ).

9 (22) יאַנוואַר 1910

טײַערער מישע!

אויב דו ביסט זיכער אין דעם, אַז אין קיִעוו גייט נאָך אַרויס די צײַטונג „קיִעווער וואָרט" (איך בין אין דעם ניט זיכער, ווײַל קיין צײַטונגען באַקום איך ניט), באַמי זיך אַרײַנצוגיין אין דער רעדאַקציע און גיב זיי איבער מײַן 2־טן פעליעטאָן „ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן". גלײַך נאָך דעם דאָזיקן פעליעטאָן, אָבער ניט אַזוי גיך, וועל איך זיי צושיקן אַ דערציילונג פון מײַן קאָנעלער העלד, וואָס זיין פיזיאָנאָמיע האָב איך אויסגעמאָלט אין אָט דעם 2־טן פעליעטאָן. די געשיכטע איז, געוויס, אַ לעכערלעך־פריילעכע און אין דער זעלבער צײַט אַ גאַנץ טראַגישע. נאָר וועגן דעם שפּעטער. הײַנט האָבן מיר אַלע געשריבן דיר און אויך נאַטאַשען. איך קוש דיך.

פּאַ(פּאַ).

שאָלעם־אַלייכעמס לעצטע פיר בריוו פונעם פּעקל, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, טראָגט שוין ניט קיין, אַזוי צו זאָגן, פאַמיליען־כאַראַקטער. נאָר האָט אַ שײַכעס צו זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. עס גייט אַ רייד וועגן דער צײַטונג „קיִעווער וואָרט", וואָס האָט געדאַרפט אָנהייבן דערשײַנען אין 1910 יאָר. די רעדאַקציע האָט זיך געווענדט צו שאָלעם־אַלייכעמען, ער זאָל עפּעס געבן פאַר דער נײַער אויסגאַבע. שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך שטאַרק דערפרייט — וועגן אַ ייִדישער צײַטונג אין זײַן קיִעוו האָט ער אַפילע ניט געטרוימט. ס'איז באַוווּסט, וויפל מאָל דער שרײַבער איז געפאָרן קיין פּעטער־בורג, כּדי קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצולאָזן אַ ייִדישע צײַטונג אין ווילנע צי אין אָדעס (וועגן אַרויסגעבן אַ ייִדישע צײַטונג אין קיִעוו, וווּ ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע, איז געווען אַ פּוסטער כאָלעם) און ניט באַקומען אַזאַ דערלויבעניש. און דאָ פּלוצעם — אַ ייִדישע צײַטונג אין קיִעוו! פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גלײַך זיך אָפּגערופן. דרײַ זאַכן האָט ער איינס נאָכן אַנדערן אָנגעשריבן פאַרן „קיִעווער וואָרט", און אַוראַדע האָט אונדז זיך געוואָלט אויספאָרשן דעם איניען.

אונדז האָט בעפּיירעש אָפּגעגליקט: „קיִעווער וואָרט" האָט זיך אָפּגעזוכט אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און דערבײַ אַלע 11 נומערן, וואָס די רעדאַקציע (רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער ל. בילייקין) האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן. וועגן דער דאָזיקער אויסגאַבע וואָלט געווען גוט צו דערציילן באַזונדער, אַף וויפל זי האָט זיך פאַרמאָסטן אַף גאָר קאָלאָסאַלע פּלענער (לאָמיר דערווײַל אָפּמערקן, אַז צווישן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג, ווי עס איז געמאָלדן געוואָרן שוין אין ערשטן נומער, וואָס איז דערשינען דעם 1־טן (14־טן) יאַנוואַר 1910, האָבן זיך געפונען אַזעלכע באַוווּסטע ליטעראַטן, ווי פּ. באַגראַוו, בען־אַדיר, מ. ליט־

וואקאוו, יויסעף לעשטשינסקי, נ. ם. סירקין. און אין דעם דאָזיקן נומער איז אָפּגעדרוקט שאָלעם־אַלייכעמס פעליעטאָן „ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן״, וועגן וועלכן עס גייט א רייד אין זײַנע בריוו צום זון.

שאָלעם־אַלייכעמס ספּייקעס, אז די צײַטונג וועט עקזיסטירן ניט לאנג, האָבן זיך באשטעטיקט. דער רעדאקציע האָט „געקלעקט פּאָדעם״ בלויז אף 11 נומערן (דער לעצטער איז דערשינען דעם 13 (26) יאנוואר 1910), און שאָלעם־אַלייכעם איז דאָרט פאָרגעשטעלט בלויז איין מאָל — מיטן פעליעטאָן „ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן״. און ווען מיר לייענען דעם דאָזיקן פעליעטאָן, איבערצײַגן מיר זיך, אז מישע האָט אויסגעפילט דעם פאָטערס באקאָשע — ער האָט אויסגעבעסערט דעם סטיליסטישן פעלער. אָט איז דער פעליעטאָן.

ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן!

ליג איך מיר קראנק אינעם ווײַטן שיינעם לאנד איטאליא, אונטער א ברייטן בלויען הימל, אונטער א ליכטיקער ווארעמער זון, און לייען א בריוול נאָרוואָס פון דער פּאָטשט: „ק׳י ע וו ע ר וו אָ ר ט״... א גאזעט... א ייִדישע טעגלעכע צײַטונג, אין קיִעוו...״

אין יעהופּעץ א גאזעט! אף ייִדיש!!! אף זשארגאָן!!!!

איז דאָס ניט קיין כאָלעם?..

ניין, ס׳איז נישט קיין כאָלעם; ס׳שטייט בעפּיירעש אָפּגעדרוקט: „ר ע ד א ק צ י ע ק׳י ע וו ע ר וו אָ ר ט״. און געכאסמעט „רעדאקטאָר״. און דער רעדאקטאָר בעט מיך שרײַבן א פעליעטאָן, זאָגט צו, אז מע וועט צאָלן געלט... געלט?.. מאשמאָעס, אז ס׳איז טאקע אן עמעס.

אין יעהופּעץ א ייִדישע גאזעט — ניטאָ ווער ס׳זאָל לאכן!

לאך איך צו זיך אליין, ליגט א ייִד, איין מענטש אליין אין איטאליִא, און לאכט.

פון וועמענס וועגן א גאזעט? א ייִדישע גאזעט אין יעהופּעץ? לאָמיר אָקאָרשט א נעם טאָן אף פּאפּיר, מאכן א קורצן סאכאקל. איך קען באָרעכהאשעם יעהופּעץ אויסגעבונדן. דאָרט ליגן באגראָבן די בעסטע, די גליקלעכסטע און די אומגליקלעכסטע יאָרן פון מײַן לעבן.

דער כומעש הייבט זיך אָן פון דער „ב״ — פון „ברײשיס״. און לעהאוודל יעהופּעץ הייבט זיך אָן אויך פון דער „ב״, פון די ב ר אָ ד ס ק י ס... נאָך זיי גייט א גאנצע ריי פון זאמד־ און צוקער־ראפינאדנע אריסטאָקראטן נאָכן אלעפבייס... נאָר אף וויפל מיר דאכט זיך, קאָנען די דאָזיקע לײַט זיך באגיין אָן א ייִדישן גאזעט. אדעראבע, איך האָב מוירע, אז פאר זיי איז דאָס גאָר א שטיקל כיסאָרן, אן אומקאָוועד, א בלאמאזש און עפּשער טאקע א גאנצער סקאנדאל: ז ש א ר ג אָ ן? — פע!..

עמעס, זיי אליין, צווישן זיך, אז קיינער הערט ניט, האקט מען „זשארגאָן״ אף וואָס די וועלט שטייט. א ייִדישן אנעקדאָט, אז מע דערציילט זיי, פארצוקערט מען אים. פון א ייִדיש לידל לעקט מען די פינגער. און בעסאָד־סוידעס, אז קיינער זעט נישט, לייענט מען א ייִדיש ביכל און מע קאטשעט זיך פאר געלעכטער. נאָר פרוווט טוט א רעד מיט זיי וועגן ייִדיש אלס א שפראך, אלס א ליטעראטור — איז מיט הענט און מיט פיס. זיי זײַנען פּ ר י נ צ י פּ י ע ל קעגן ייִדיש.

איך האָב מיר דערמאָנט א מײַסע שעהאָיאָ טאקע אין יעהופּעץ. מע האָט אמאָל געפּאקט איינעם פון זיי, געוואָלט ארויספרעסן א ביסל מאמטאקים אף א ייִדיש־ליטעראַרישער זאך. און דער, וואָס האָט געפּאקט, איז געווען א גוי, און א פּראָפעסאָר, און פאר א גוי, ווי איר ווייסט, ווערן די דאָזיקע לײַט באָטל. מיילע, געפּאקט — איז פארפאלן, געמוזט מאווטיִער זײַן, אז ער גיט געלט. געקומען צום געלט געבן, פאלט ער אף א האמצאָע און טוט א כאפּ דעם פּראָפעסאָר: „ווייסטו ניט, גוי, אף וואָס פאר א שפּראך די אונטערנעמונג איז?״ מאכט צו אים דער פּראָפעסאָר: „אף אײַער שפראך, אף זשארגאָן״. דערהערט זשארגאָן, טוט ער א שפרונג אוף: „זשארגאָן? איך זאָל געבן געלט אף זשארגאָן? זשארגאָן איז ניט אונדזער שפראך. אונדזער שפראך איז העברעיִש...״

אז דער פּראָפעסאָר האָט מיר איבערגעגעבן די געשיכטע, האָב איך אים געבעטן, אז ווען ער וועט זיך באגעגענען מיטן דאָזיקן „ה ע ב ר ע י ע ר״ זאָל ער אים דערציילן פון מײַן נאָמען אזא מײַסע:

שאָלעם־אַלייכעם און זײַן זון מישע (קיִעוו, 1893)

אמאָל זײַנען געווען צוויי ברידער, איינער א רײַכער און דער אנדערער אן אָרעמאַן. און ווי די וועלט פירט זיך, קומט מיסטאמע אָפּט דער אָרעמאַן צום רײַכן ברודער, ער זאָל אים העלפן. און ווי די וועלט פירט זיך, באהאלט זיך מיסטאמע דער רײַכער ברודער פארן אָרעמען בעכייִדער־כאדאָרים, שיקט אים ארויס אמאָל פון יויצע וועגן דורכן שווייצאר א נעדאָווע. טרעפט זיך איינמאָל א גליק, אז דער אָרעמער פאקט דעם רײַכן ברודער צווישן מענטשן אף א סימכע. געפּאקט — פארפאלן. „שאָלעם אַלייכעם, ברודער!" „אַלייכעם שאָלעם, וואָס ווען סטו זאָגן?". „וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טײַערער ברודער? איך האָב א שידעך געטאָן מיט א טאָכטער, צוגעזאָגט רניב קערבלעך נאדן און האָב נישט, זאָלסט זאָגן, א דרײַערל...". „מאכעטייסע, זייער פײַן, מאזלטאָוו? מיט וועמען האָסטו א שידעך געטאָן? ווער איז דער מעכוטן?". „דער מעכוטן, דו וועסט אים ניט קענען, ער איז, נעבעך, א פּראָסטער ייִד, ער הייסט יאנקל..." כאפּט זיך אָרוף דער ברודער: „וויבאלד א פּראָסטער ייִד און הייסט יאנקל, וויל איך ניט. עס געפעלט מיר ניט דער שידעך!"..

אלזאָ, איז פון די „ה ע ב ר ע י ע ר", הייסט עס, אָפּגערעדט. בלײַבט איבער א גאנץ בינטל ייִדן בא אײַך פון די, וואָס „ארבעטן" און „דרייען זיך" בא דער בערזע. פרעגט זיך, ווער האָט צײַט און וועמען ליגט אין זינען לייענען א ייִדיש בלאט, אז דער קאָפּ איז גאָר דאָרטן ערגעץ בא די קורסן — א „האַס" א „בעס" א „סטילאזש", „וויוואָז", „אַבמען", „פּערעטשיסלעניִע".. סײַדן באנאכט אין קליוב צווישן מאקקאא און „דיאבעלעק", אָדער צווישן „בעזיק" און „עקארטע"?.. אָדער עפּשער גאָר בא סימעדינען אפן ביליארד?.. ניין, זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, איר וועט מיך ניט אײַנרעדן, איך ווייס, אז „מאָטקע" דער געוועזער „מאָטקע", דער, וואָס פאָרט פון יעהופּעץ קיין פּעטערבורג ניט אנדערש, ווי אין אן עקסטרא־וואגאָן, דארף נישט קיין ייִדיש בלאט.

שאָלעם־אַלייכעם, זײַן זון מישע און א. א. ליווּבארסקי (מאָנטרע, זומער 1912)

וועט איר מיך אָפּשיקן מיסטאמע אויף „פּאַדאָל״? אויף דער „דעמיִעווקע״? אויף „סלאַבאַדקע״? דאָרט זײַנען פּראָסטע ייִדן, וואָס האָבן ליב א ייִדיש וואָרט... מעגלעך, זייער מעגלעך. פרעגט זיך אָבער א קאשע: וויִאזוי האָבן זיי געלעבט ביז אהער? וויִאזוי זײַנען זיי זיך באַגאַנגען אָן א ייִדיש בלאַט ביז אהער? וועט איר מיר ענטפערן א טערעץ: לעמיִ װארשע? װארשע האָט דען ניט הײַנט פינף ייִדישע טעגלעכע צײַטונגען, אפילע וואָכנבלעטער? וועל איך אײַך פרעגן: לעמיִ אַדעס?, א ייִדישע שטאָט, און האָט זי דען כאָטש איין ייִדישע צײַטונג? וועט איר מיר ענטפערן: לעמיִ טאָלמאַטשאָוו?.. האקיצער, איך וועל אײַך פרעגן אלעמאָל אַן אנדער „לעמיִ״ און איר וועט מיר געבן אריסגאַב צוריק א „לעמיִ״ — א מײַסע אָן אָן עק. זעט נאָר, ברידערלעך, צי איז דאָס נישט בא אײַך דאָרטן, כאָלילע, א מאָדע געוואָרן אויף ייִדישע גאזועטן? א מין ספּאָרט, ראַכמאָנע ליצלאָן?.. בא זיי איז ספּאָרט — פערד, וועלאָסיפּעדן, אווטאָמאָבילן, פלי־מאשינען, און בא „אונדז״ איז א ספּאָרט — גאזועטן. זיי וועטן זיך, וועמענס פערדל וועט קומען פריִער צו לויפן. און מיר וועטן זיך, וועמענס גאזעט וועט פריִער פארברענט ווערן? שאַט, ייִדן! געקומען צו רייד פון ספּאָרט, פון רעטעניש, האָב איך מיר דערמאָנט אַן אײַנפאל מיט א וועט און מיט א רעטעניש. ווער ס׳וועט טרעפן דאָס רעטעניש, זאָל ארײַנשיקן אין דער רעדאקציע פון „קיִעווער וואָרט״ זײַן ענטפער, און וועמענס ענטפער ס׳וועט זײַן ריכטיק, איז א סימען, אז ער איז א כאָכעם און זײַן נאָמען וועט זײַן געדרוקט אין בלאַט. הערט זשע מיט קאָפּ.

געווען אמאָל צוויי ספּאָרט־מענטשן, געוויינטלעך ענגלענדער, איינער האָט זיך געהייסן דזשאָן, דער אונדערער — דזשעק. זייער אַוודע איז געווען — זיי פלעגן טאָמיד האלטן אין איין וועטן זיך אויף זייערע פערדלעך, ווער פון זיי וועט קומען פריִער. איינמאָל איז זיי נימעס געוואָרן דאָס לויפן, רופט זיך אָן איין ענגלענדער צום אנדערן: „דזשאָן, ווייסטו וואָס? לאָמיר גיין אין געוועט, וועמענס פערדל וועט קומען שפּעטער״. די מײַסע איז דזשאָנען געפעלן געוואָרן. האָבן זיי אײַנגעלייגט געלט און געזעצט זיך אויף די פערדלעך, און מע פאָרט. דזשאָן גייט פּאַוואָליע, דזשעק גייט נאָך מער פּאַוואָליע. דזשאָן קוים וואָס ער קריכט זיך, דזשעק קוים וואָס ער רירט זיך. אזוי לאַנג, אזוי בּרייט — ביידע האָבן אָפּגעשטעלט די פערדלעך און אוועקגעזעצט זיך אינמיטן פעלד, און מע זיצט א שאָ, מע זיצט צוויי, מע זיצט דרײַ — זיי האָבן זיך צעוויינט. פאָרט דורך פארבײַ א ייִד און זעט, צוויי פּריצים זיצן און וויינען. גייט ער צו צו זיי: „וואָס ווײנט איר?״ דערציילן זיי אים די מײַסע. מאכט צו זיי דער ייִד: „איך וועל אײַך געבן אַן אייצע, וועט איר מיר זאָגן א דאנק״ — און ער בייגט זיך אָן צו זיי און רוימט אײַן יעדן באזונדער א סאָד אפן אויער; מײַנע ענגלענדער כאַפּן זיך אויף פון דער ערד, ארויף צוריק אויף די פערד און — פּאַשאָל!...

פרעגט זיך: וואָס האָט זיי דער ייִד אזעלכעס געזאָגט???

שווארצוואלד, באדענוויילער, 29 מײַ 1910

טײַערער מישע!

אָט דאָס איז אונדזער לעצטע סטאנציע און די זומערדיקע רעזידענץ. מיט נאטאשען שרײַבן מיר זיך אינטענסיוו איבער, און עמא איז שוין דאָרטן מיט איר, אין ווײַסענבערג. און באדענוויילער — דאָס איז אַן ערדישער גאנײדן. שרײַב. די מאמע פאָרט אינגיכן קיין װארשע, און טיסי וועט קומען צו פאָרן אהער...

א גרוס מ(אָיסיי) ס(אוועליעוויטשן).

דײַן פּאפּא.

שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו מישען פארן 29 מײַ 1910 איז געווען, אויב אורטיילן לויט דער קאָלעקציע אין „פּושקין־הויז״, דער לעצטער, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט געשיקט פון נערווי קיין קיִעוו. מישע האָט דעמלט זיך נאָך געלערנט אין דער גימנאזיע. וואָס עס איז ווײַטער געווען מיט מישען, קאָן מען זיך דערוויסן פון אנדערע קוואלן, כאָטש קיין פּינקטלעכע ייִדיִעס האָבן מיר ניט. פון שאָלעם־אלייכעמס א בריוו צו נאטאשע מאזאָר פארן 8 (21) מײַ 1912 דערוויסן מיר זיך, אז „מישע איז ארײַנגעטראָטן אין לאָזאנער אוניווערסיטעט, נאָר ער היילט אין לאָזאן מער דעם האלדז, איידער ער לערנט זיך אין אוניווערסיטעט״. שאָלעם־אלייכעם גיט צו: „ער איז אינגאנצן ניט גע־

זונט, נערוון און דעסגלײַכן. ער דארף זיך נאָך היילן א גאנץ יאָר". די ווײַטערדיקע יעדיעס וועגן דעם עלטערן זון דארף מען שעפּן פונעם „שאָלעם־אלייכעם־בוך". און אָט וואָס עס באקומט זיך.

אף נײַ־יאָר 1913 איז מישע צוזאמען מיט שאָלעם־אלייכעמען אין לאָזאן. ער איז קראנק, היילט זיך, נאָר אף פּייסעך קומט ער, קעדיי פארברענגען צוזאמען מיט דער מישפּאָכע.

ווײַטער קומט אן איבעררײַס אין די יעדיעס. שאָלעם־אלייכעם האָט, נאטירלעך, ניט געדארפט שרײַבן צום זון, ווײַל מישע איז געווען מיט אים. אין אפּרעל 1914 האָט שאָלעם־אלייכעם נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געהיילט זעקס יאָר אין די אויסלענדישע קוראָרטן, פארגענומען א רײַזע קיין רוס־לאנד. צוריקוועגס פון רוסלאנד קיין שווייץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דער דײַטשישער שטאָט אלבעק, באם באלטישן יאם, ווו ער האָט גערעכנט פארברענגען די זומערדיקע כאדאָשים און וווהין עס איז זיך צונויפגעקומען די גאנצע מישפּאָכע. נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע און שאָלעם־אליי־כעם מיט זײַן הויזגעזינד האָבן געמוזט אנטלויפן אלס רוסישע אונטערטאַנען. קוים מיט צאָרעס האָט זיך אים אײַנגעגעבן דערקלײַבן קיין קאָפּענהאגען. ער איז געבליבן אָן א קאָפּיקע געלט, און עס איז ניט געבליבן קיין אנדער ברײרע, ווי עמיגרירן קיין אמעריקע. די מישפּאָכע האָט זיך געמוזט צע־טיילן: די טאָכטער ליאלי מיטן מאן און מיט זייער קינד בעלא זײַנען אוועקגעפאָרן קיין רוסלאנד. מישע איז געווען קראנק און מע האָט אים אײַנגעאָרדנט אין א דענעמארקער סאנאטאָריום.

אין מיט אים איז פארבליבן עמא. דעם 2 דעקאבער 1914 איז שאָלעם־אלייכעם מיט די אנדערע מיטגלידער פון דער מישפּאָכע אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. מישע און עמא האָבן געדארפט קומען קיין אמעריקע. דעם 2־טן סענטיאבער 1915 טיילט שאָלעם־אלייכעם מיט דער טאָכטער ליאלי, אז אין אָט דעם טאָג האָבן עמא און מישא געדארפט ארויספאָרן מיט דער שיף „פרעדעריק דער 8־ער" פון קאָפּענהאגען קיין ניו־יאָרק. דעם 13־טן סענטיאבער 1915 קומט שאָלעם־אלייכעם אין ניו־יאָרקער האפן, קעדיי באגעגענען די קינדער, נאָר זיי זײַנען ניט געקומען. מישע איז שוין געווען טויט — ער איז געשטאָרבן אין קאָפּענהאגען דעם 29 אווגוסט 1915, און עמא איז ארויסגעפאָרן אליין.

מישעס טויט האָט אינגאנצן דערשלאָגן שאָלעם־אלייכעמען. דעם 21 סענטיאבער 1915 שרײַבט ער אין זײַן בריוו צו די קאופמאנס: „איך טראָג א טויטן אָרן אין מײַן נעשאָמע, און איך וועל אָט דעם אָרן אוועקטראָגן מיט זיך אין קייווער ארײַן. פון א סאך פארלאָגען איז דער סאמע ערשטער פארלאנג בא מיר, אז ס'זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן אָט די מילכאָמע פון ברודער־מאָרד, און אויב מיר וועלן לעבן און וועלן זיך אומקערן צוריק קיין אייראָפּע, וועלן מיר אומבאדינגט זײַן אין קאָ־פּענהאגען און וועלן גיין אף זײַן קייווער, און די ווערטער, וואָס איך וועל אים זאָגן, וועלן זײַן קורץ: „זײַ מויכל, מארטירער!"... וואָרעם א מארטירער איז ער געווען דאָס גאנצע לעבן, שוין זײַן ארײַנ־טרעטן אין גימנאזיע אליין איז געווען א גאנצע ריי פון יעסורים, און דאָס אָנקומען אין אוניווערסי־טעט איז געווען די קרוין פון זײַנע ליידן. און דער פּויעל־יויצע פון אלעם דעם איז געווען קראַנקײַט און סאנאטאָריע, סאנאטאָריע און קראַנקײַט..."

און נאָך:

„און וואָס פאר א ריינע נעשאָמע ער האָט פארמאָגט! אָט דאָס ייִנגל האָט דאָך פאר זײַן גאנץ לעבן קיין ליגן ניט געזאָגט! זאָל דאָס זײַן זעלבסטפײַנריידעריי פון א פאָטער? — ניין, ער איז געווען ריין, ווי קרישטאָל. ריין אין גוף און ריין אין דער נעשאָמע. אונדזער פּײַן און אונדזער אומגליק ווערן פארגרעסערט נאָך דערפון, וואָס מיר האָבן אף אים געוואָרט פון טאָג צו טאָג, וואָס אלצדינג איז געווען גרייט צו ארומנעמען אים מיט ליבע; מיר האָבן געוואָרט נאָר אף איין וואָרט: „ארויס־געפאָרן" — און אָנגעקומען איז אן אנדער וואָרט: „געשטאָרבן". וואָלט ער כאָטש נאָר איין וואָך מיט אונדז געלעבט! וואָלט ער כאָטש אף דער מאמעס הענט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם! וואָלט כאָטש איך, זײַן פאָטער, געקאָנט באגלייטן אים צו זײַן אייביקער רו! אצינד אָבער — גאָר דאָרטן ערגעץ, אין דעם ווײַטן קאלטן דענעמארק! אך, ווי דער ביִזוויליקער שיקזאל האָט אונדז צעוואָרפן און צעשמיסן איבער דער גאָרער וועלט!..."

שאָלעם־אלייכעמען איז נאָך אָט דעם פּײַנלעכן בריוו געבליבן צו לעבן אינגאנצן 233 טעג. ווייניקער פון א יאָר האָט ער איבערגעלעבט זײַן עלטערן זון.

אזא איז די געשיכטע פון מישע ראבינאָוויטש, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט אפן סמאך פון שאָלעם־אלייכעמס 14 בריוו צו אים...

כײַע־טױבע־טײַבל — נאַטאַשע מאַזאָר

מיר האָבן שױן פֿריִער דערמאָנט, אַז נאַטאַשע מאַזאָר (כײַע־טױבע־טײַבל לאָיעװ) איז געװען אײנע פֿון שאָלעם־אַלײכעמס נאָענטסטע קרובֿים, מיט װעלכער ער האָט געפֿירט אַ לעבהאַפֿטן בריװ־אױסטױש אין משך פֿון לאַנגע יאָרן. נאַטאַליע יעװסײעװנע מאַזאָר האָט געלעבט צוזאַמען מיט איר מאַן מאָיסײ סאַװעליעװיטש און זײערע דרײַ קינדער אין קיִעװ, און װען שאָלעם־אַלײכעם מיט זײַן הױזגעזינד האָבן זיך געפֿונען אין אױסלאַנד, האָט בײַ די מאַזאָרס געלעבט שאָלעם־אַלײכעמס עלטערער זון מישע, װעלכער האָט זיך געלערנט אין גימנאַזיע.

די ערשטע צװײ בריװ, װעלכע מיר פֿאַרעפֿנטלעכן, זײַנען כראָנאָלאָגיש די עלטסטע. אָנגעשריבן האָט זײ שאָלעם־אַלײכעם אין יוני 1886 פֿון קאַרלסבאַד, װוּ ער האָט זיך געהײלט פֿון אַ מאָגן־קראַנקהײט. עס קאָן זײַן, אַז אינעם שאָלעם־אַלײכעם־אַרכיװ, װאָס געפֿינט זיך אין רשות פֿונעם שרײַבערס יאָרשים, זײַנען פֿאַראַן אױך אַנדערע בריװ פֿון יענער צײַט. אַלנפֿאַלס, מיט אַ קלײן בריװעלע פֿון קאַרלסבאַד צו דער טאָכטער ערנעסטינע ראַבינאָװיטש הײבט זיך אָן דער אָפּטײל „בריװ פֿון שאָלעם־אַלײכעם" צו זײַן פֿאַמיליע אינעם „שאָלעם־אַלײכעם־בוך", נאָר דאָס דאָזיקע בריװל איז דאַטירט דעם 26 יולי 1887, דאָס הײסט שפּעטער מיט אַ יאָר צײַט, װען שאָלעם־אַלײכעם איז דאָס צװײטע מאָל געקומען קײן קאַרלסבאַד זיך הײלן.

קאַרלסבאַד, 16 (29) יוני 1886

מײַן טײַערע פּלימעניצע נאַטאַשע!

. . . די מאָראַל פֿון אָט דעם מאָשל?..........

..........אַז דו װאָלסט געדאַרפֿט אַ ביסל זיך אונטערהײלן מיט קאַרלסבאַדער װאַסערן... אַגעװ, אַזױװי דו האָסט נאָך ניט דערגרײכט צו דער העכסטער מאַדרײגע בעקאָװעדיקײַט, װאָלט איך דיר געײצעט, אָנשטאָט דער װאַסער, האַלטן זיך בלױז בײַ דער פֿײַנלעך נישטיקער דיִעטע, װאָס מע האָט צוגעשריבן דײַן אומגליקלעכן, הונגעריקן פֿעטער, װעלכער נערט זיך בלױז מיט לופֿט און מיט די פּראַכטפֿולע לאַנדשאַפֿטן פֿון דער נאַטור... נאָר דו װעסט זען, װי איך װעל נעקאָמע נעמען אין אַלע אָט די אַכזאָריִעסדיקע פּײַניקער מײַנע, װען איך װעל קומען אַ געזונטער אַהײם. אָ, דעמלט װעל איך אױסלײדיקן, אַזױ צו זאָגן, דעם בױערקער מאַרק, באַזונדערס אין הינזיכט פֿון קאַלבנפֿלײש.

נאָר איך קאָן ניט רעדן װעגן עסן: איך װער פֿאַרצאָרנט דעמלט, און איך דאַנק דעם גױרל כאָטשבי דערפֿאַר, װאָס איך האָב ניט אָנגעװױרן, װי אַנדערע, דעם אַפּעטיט, װאָס באַשטעטיקט טײלװײַז דײַן האָפֿענונג, אַז איך װעל זיך אומקערן אַהײם אַ געזונטער פֿעטער. גאָט זאָל העלפֿן!

אומזיסט האָסטו זיך באַװאָרנט אינעם בריװ, אַז דו האָסט אָנגעשריבן עפּעס אַ שטוסערײַ. זײַ װיסן, פֿרײַנט מײַנע, אַז פֿאַר מיר עקזיסטירט ניט אַצינד קײן שטוסערײַ, װען עס גײט אַ רײד װעגן מײַן הױזגעזינד און װעגן די נאָענטע מיר מענטשן. מיר איז טײַער אַ באַליביק יעדיִעלע, קאָלערלײ, אַפֿילע קלײנינקע פּראָטים, װען זײ קומען פֿון מײַן הײמװינקל. װאָס זשע זאָל מען טאָן מיט דער נאַטור? װען איך הער צופֿעליק, װי מע רעדט אױף רוסיש, װער איך ניט־װילנדיק אױפֿגעציטערט. אָבער — אױף װידערזען. דערפֿאַר שיק איך יעדערן פֿון אײַך קאָנװערטן, איר זאָלט מער און אָפֿטער שרײַבן.

דײַן פֿעטער סאָלאָמאָן.

קאַרלסבאַד, 18 (30) יוני 1886.

ליבער פֿרײַנט נאַטאַשע!

מיט דיר, ברודערקע, װעל איך זיך ניט צערעמאָניען. פֿאַרװאָס שרײַבסטו מיר ניט? ס'איז דיר שױן דערעסן מיר צו שרײַבן? אָדער די פֿױלקײַט האָט דיך בײַגעקומען? אָ, װאַרט צו, איך װעל זיך נאָך מיט דיר צערעכענען! דײַן גליק, װאָס איך בין איצט הונגעריק און אײַל זיך אױף דער ריװיערע מיטיקן. אַניט װאָלט איך נאָך ניט אַזױ זיך אױסגעזידלט, דער רוח זאָל עס נעמען! און נאָך דעם באַשולדיקסטו מיך נאָך אין נודאָטע, מאָרעשכוירע, כניקעניש אַאַז. איך װעל דיך צװינגען — דו הערסט? — אױסצושרײַבן אַ גאַנצן בױגן פּאַפּיר פֿון אַלע זײַטן אָט מיט אַזעלכע אױסיִעס: טײַערער פֿעטער! אײַער

בריוו האָב איך פּינקטלעך דערהאלטן. איך בין אבסאָליוט א שרעקלעכער כאזער, וואָס איך האָב אײַך ניט געשריבן...

אָט מיט אזא שריפט אומבאדינגט, אניט וועל איך דיך אינדרײַען צונויפבייגן, אין א פּראָשעק צערײַבן און מיטן ווינט צעווייען! מיט מיר שפּאסט מען ניט.

אף ווידערזען.

דײַן בײַזער פּעטער סאָלאָמאָן.

ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, האָט שאָלעם־אלייכעמס פלימעניצע (פון זײַן ווײַבס צאד) נאטאשע מאזאָר (לאָיעוו) געוווינט אין קיִעוו, און זיי זײַנען געווען זייער נאָענט צווישן זיך... מיט נאטאשען פלעג שאָלעם־אלייכעם זיך טיילן וועגן אלע איניאָנים, מיט אלע פריידן און ליידן. דער בריוו־אויסטויש האָט זיך אָנגעהויבן אין דער מיט פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און זיך פאָרענדיקט אינגאנצן עטלעכע כאדאָשים פאר שאָלעם־אלייכעמס טויט. די דאָזיקע בריוו גיבן א מעגלעכקײַט ארײַנצודרינגען ניט בלויז אין שאָלעם־אלייכעמס מענטשלעכע נעשאָמע־געפילן, נאָר גיבן צו אייניקע גאנץ וויכטיקע פּראָטים, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער שאפונג פונעם געניאַלן שרײַבער.

אָט זײַנען נאָך אייניקע שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו נאטאשע מאזאָר, וועלכע ער האָט געשריבן אין די 80־ער — 90־ער יאָרן, ווען זײַן פלימעניצע איז געווען קראנק און זיך געהיילט אין קרים.

קיִעוו, 10 אָקטיאבער 1887

טײַערע נאטאשע!

טיסי זאָגט: „נאטאסיא באָלנאיא" און גריסט דיר אָפּנהארציק. סאראָטשקע אויך. ווען מע וועט אראָפּנעמען דעם קאראנטין און מיר וועלן זיך קאָנען זען, בין איך זיכער, אז דו וועסט ניט דערקענען סאראָטשקען; וויִאזוי האָט זיך אויסגעמענטשלט אָט דאָס אייפעלע. מיט אומגעדולד וואַרטן מיר, ווען מיר וועלן ווידער דיך זען אין פריִערדיקן בליִענדיקן געזונט. מע האָט דיר געגעבן א גוט־אויג, נאטאשקע, זאָלן זיי זיך אָפּבײַסן א האלבע צונג, זאלן זיי אין די אויגן — אלעמען, ווער עס איז מעקאנע געווען אף דײַן פּרעכטיקן ווילזײַן. צי דארף איך עפּעס צוגעבן צו יענער דיִעטע, וואָס די דאָק־טוירים שרײַבן דיר צו און וואָס דו פּילסט, ווײַזט אויס, ניט אויס? טיסי גריסט דיך אייגנ־האנטיק, זי לייענט „פּוסקינען". ענטפער ניט אפן בריוו: לייג אָפּ אף אן אנדער צײַט. זײַ געזונט, בליִענדיקע, רומיאנע, ווי דו ביסט געווען ביז אהער און אף אייביק.

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

קיִעוו, באָלשאיא וואסילקאָווסקאיא, 5. 1 סענטיאבער 1898

טײַערע נאטאשע!

אינדערהיים איז בא דיר אלץ קעשורע. מישא האָט זיך ניט בלויז בארויִקט, נאָר אפילע פארגעסן, אז ער האָט א מאמע ערגעץ אין פעאָדאָסיע. אָלגע איז בא דיר אלע טאָג. אגעוו, זי שרײַבט דיר אליין. פארגעס ניט, ביטע, נאטאשע, א פּעסעלע ווײַן, ווײַסן, מוסקאט. עס וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען דו שיקסט אונדז איבער א קויש אָדער א פעסל ווײַנטרויבן אף יאָמטעוו, לעכאָלהאפּאָכעס אף יאָמקיפּער. פּאָפּראווע זיך, זײַ געזונט און דיק, ווי עס ווינטשט דיר דײַן פּעטער, וואָס האָט דיך ליב.

סאָלאָמאָן.

איך באגריס דיך — עמא איז הײַנט ארײַנגעטראָטן אין דער גימנאזיע. מײַן גאנצע רעפּובליק שיקט דיר א גרוס.

קיִעוו, 8 סענטיאבער 1898

ליבע נאטאשע!

דײַן ערשטן בריוו האָבן מיר הײַנט באקומען און מיר פילן שטארק מיט דײַנע פרירנ־דיקע גלידער אפן דאָרעם־ברעג פונעם קרימער האלב־אינדזל! ווי נאָר בא אײַך וועט אויס־פאלן דער ערשטער שניי, טעלעגראפיר אונדז — און מיר וועלן דיר ארויסשיקן א פעלץ; און דערווײַל אייצענען מיר דיר אויסהייצן די הרובע און זיך באזאָרגן מיט קאלאָשן (טי־

פּע). בײַ אונדז, אױף צאָפּן, איז דערװײַל נאָך ניט אַזױ קאַלט, האַגאַם אין יאַם באָדן מיר זיך ניט, און װײַנטרױבן זײַנען בײַ אונדז אינגאַנצן צײַטיק געװאָרן אױף דער בעסאַראַבקע בײַ די סעדעכעס, נאָר זײ קאָסטן גװאַלדיק טײַער און קימאַט שטענדיק זײַנען זײ פֿאַרפֿױלטע: און דעריבער שיק אונדז אַרױס אַ קויש צי אַ פֿעסל װײַנטרױבן װאָס גיכער. װײַן אין פֿלעשלעך דאַרף מען ניט: בײַ ליסענקאָװן קאָן מען קױפֿן פֿאַר 30 קאָפּיקעס אַ פֿלעשל פֿון דער סאַמע בעסטער קיסליאַטינע. מיט דײַנע כעװרע זעען מיר זיך גאַנץ אָפּטלעך. אין ערשטן טאָג ראָשהאַשאָנע זײַנען בײַ אונדז געװען מ(אַיסײ) ס(אָװעליעװיטש) און מישאַ, און אױפֿן אַנדערן טאָג די זעלבע און ליוסיע, װעלכער איז קלוג ניט לױט די יאָרן זײַנע. און הײַנט בין איך געװען בײַ דיר אינדערהײם און געזען די גאַנצע טראַגיקע דײַנע, װעלכע האָבן מאַמעש איבערגעקערט די שטוב מיט די פֿיס אַרױף. איך האָב דאָרט געטראָפֿן אַ סאַך קליִענטן. מאָיסײ איז געזונט און האָט מיר איבערגעגעבן זײַן מאַזלטאָװ, דה. זײַנע יעסורים. אײַל זיך צו מיט די װײַנטרױבן, װײַל אױסער װײַנטרױבן איז מיר אַלץ פֿאַרבאָטן. אַדיע!

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

קיִעװ, 18 סענטיאַבער 1898

ליבינקע נאַטאַשע!

נאָרװאָס צוריקגעקומען פֿון פּאַריזש, דאָס הײסט פֿון בערדיטשעװ, און געטראָפֿן דײַן בריװ. אַ גרױסע מעציִע אַרױסשיקן אַהער װײַנטרױבן! מע נעמט אַ פֿורמאַן און מע פֿאָרט אױפֿן מאַרק נאָך אַ קאָרב; נאָכדעם פֿאָרט מען אין סאָד אָדער אַפֿילע אױפֿן מאַרק, מע קױפֿט װײַנטרױבן, דערנאָך שלעפּט מען זײ אין האָטעל „טשודני פּריִוט": דערנאָך גײט מען נאָך שטריק און מע פֿאַרקילט זיך: דערנאָך נעמט מען זיך זײ פּאַקעװען, און אַזױװי די זאַך קלעפּט זיך ניט, גײט מען נאָכן דװאָרניק, מע זידלט זיך מיט אים, מע גיט אים אַ האַלבקערבל און מע שיקט אים אױף צו אַלדי רוכעס, װאָרעם ער איז שיקער. דערװײַל עסט זײ די גאַסטפּרײַנטלעכסטע בערטאַ (איר װעט ניט פֿאַרשאַטן!). דערנאָך פֿאָרט מען אױפֿן װאָקזאַל, און עס װײַזט זיך אַרױס, אַז דער אַרטעלניק איז ניטאָ; קומט אױס אָפּלײגן אױף מאָרגן; און מאָרגן איז זונטיק, און דעריבער שיקט מען זײ אױף דינסטיק (װאָרעם מאָנטיק האָט מען פֿאַרגעסן) און אַזױאַרום, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, דערהאַלט מען אין קיִעװ אַ קװיטאַנציע, דורך װעלכער מע באַקומט טײקעף, דאָס הײסט װײניקער װי אין דריטהאַלבן װאָכן אַרום, אַ קאָרב מיט ליידיקע הײַטלעך און אַנדער פֿוילעניש, פֿאַר װאָס די באָבע זידלט זיך, שפּײַט זיך און דערקלערט אַ קריג ניט בלױז דעם קאָרב מיטן שטינקענדיקן טינױפֿעס, נאָר אַלע קוראָרטן ביכלאַל און די קרימער ביפֿראַט. דאַכט זיך, די פּראָצעדור איז גאָר ניט אַזאַ קאָמפּליצירטע, און פֿונדעסטװעגן זאָגסטו אױף זיך און אונדז אין אַזאַ קאָלאָסאַלן פֿאַרגעניגן. דו ביסט פּאָשעט אַ בײזע פּריצע און מער גאָרניט. װאָס איז שײַעך דער ציין-אײַליקײַט פֿון אָט די זױערע װײַנטרױבן, װעגן װאָס דו שרײַבסט, בין איך גיכער גענײגט מאַסקים צו זײַן מיט דער מײנונג פֿון אײַער דאָקטער. זײער פּאָשעט: װאָס מער קיסליאַטינע, איז װאָס מער ציין-אײַליקײַט; װאָס מער ציין-אײַליקײַט, איז אַלץ װײניקער אַפּעטיט; װאָס װײניקער אַפּעטיט, איז אַלץ מער קיסליאַטינע; װאָס מער קיסליאַטינע, אַלץ װײניקער אַפּעטיט; װאָס װײניקער אַפּעטיט, אַלץ מער קיסליאַטינע; װאָס מער קיסליאַטינע, אַלץ מער אַאװו. קלאָר, װי דער טאָג; שױן זשע פֿאַרשטײסטו ניט? אַנו, גיב אים אַ פֿרעג, װאָס פֿאַר אַ מײנונג האָט ער מיקױעך מאָנאַסטירסקע קאַװענעס, רױטע, זיסע, סיפּקע? צי זײַנען זײ ניט בעסער פֿון פּעאָדאָסיער װײַנטרױבן? אַגעװ, דאָ זײַנען דאָך ניטאָ און קאָנען ניט זײַן אַזעלכע צאָפּן-מיזרעכדיקע װינטן און שטורעמס, װי דאָרט, אױפֿן געבענטשטן דאָרעם. אַ גליקלעכע ביסטו, נאַטאַשע, װי עס גליקט דיר!!

דײַן פּעטער, װאָס האָט דיך ליב.

ס. ראַבינאָװיטש.

נאָך אָט דעם בריװ, דאַטירט מיטן 18 סענטיאַבער 1898, קומט אין שאָלעם-אַלײכעמס קאָרעספּאָנדענץ מיט נאַטאַשע מאַזאָר אַן איבעררײַס פֿון קימאַט אַכט יאָר. אַלנפֿאַלס, אין דער קאָלעקציע, װאָס װערט פֿאַרהיט אינעם „פּושקין-הױז", זײַנען קײן בריװ צו דער פּלימעניצע מער ניטאָ פֿאַר

דעם דאָזיקן פּעריאָד. דער בריװ־אױסטױש מיט נאַטאַשע מאַזאָר הײבט זיך װידער אָן שױן אין דער צװײטער העלפֿט פֿון 1906. װען שאָלעם־אַלײכעם געפֿינט זיך אין װעג, פֿאָרנדיק קײן אַמעריקע.

דער ערשטער בריװ, װאָס מיר דרוקן דאָ, איז אָנגעשריבן פֿון זשענעװע, װוּ שאָלעם־אַלײכעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אױף אַ קורצער צײַט. און האַגאַם אָט דער בריװ איז זײַנערצײַט שױן געװען פֿאַרעפֿנטלעכט אין ב. 15 פֿון שאָלעם־אַלײכעמס אױסגעװײלטע װערק, װאָס עס האָט אַרױסגעלאָזט אין 1941 דער „עמעס"־פֿאַרלאַג, פּובליקירן מיר אים װידער, האָבנדיק אין זינען, אַז די צונױפֿשטעלער פֿונעם באַנד האָבן דורכגעלאָזט אין אים אַ גאַנץ שטיק: „אַדלער מאַכט מיט מיר אַ קאָנטראַקט מיקױעך דעם רעפּערטואַר און צאָלט מיר פֿאַרן 1־טן סעזאָן (8—9 כאַדאָשים) 4000 דאָלאַרן, קימאַט 8000 רובל. פֿונדעסטװעגן איז מײַן צײַט פֿרײַ צוליב זשורנאַל־אַרבעט און אַנדערע אײסאָקים, מיט דער האָפֿענונג, אַז דאָס װעט אױך ניט זײַן אומפּרוכטבאַר פֿאַר מיר. מיט אײן װאָרט, מיר פֿאָרן צוליב מאכן געלט".

די צונױפֿשטעלער האָבן, אַפּאָנעם, געהאַלטן, אַז דאָס, װאָס שאָלעם־אַלײכעם רעדט װעגן „מאכן געלט", קאָן, כאָלילע, װאַרפֿן אױף אים אַ געװיסן נעגאַטיװ. אָבער װאָס האָט געקאָנט טאָן דער פֿאַרמוטשעטער, אַרױסגעשלײַדערטער פֿון זײַן הײם שרײַבער, װעלכער איז געבליבן װי אױפֿן װאַסער אָן אַ קאָפּיקע געלט? אװאַדע האָט ער געהאַט גרױסע האָפֿענונגען אױף אַמעריקע, װוּ מע האָט אים צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, דעריקער פֿאַר די פּיעסעס, װאָס ער װעט שטעלן אין יאַקאָװ אַדלערס טעאַטער און אין אַנדערע טעאַטערס. װי באַװוּסט, האָט זיך פֿון שאָלעם־אַלײכעמס האָפֿענונגען אױסגעלאָזט אַ בוידעם, און די פּראָבלעם פֿון „מאכן געלט" איז געבליבן ביזן סאַמע טױט פֿונעם שרײַבער.

לאָנדאָן, 11 אױגוסט 1906

ליבע טײַערע נאַטאַשע!

אַלעמאָל קומט אַזױ פֿאָר מיט מענטשן פֿאָרן און נאָכן צעשײדן זיך אױף לאַנג: שטאָף אױף צו רײדן געפֿינען זײ שױן נאָך דעם, װי זײ האָבן זיך צעשײדט. און צעשײדט האָבן מיר זיך מיט דיר גאָט װײסט אױף װיפֿל צײַט. לעכאָלעהאָפּאָכעס, אַזאַ מײַן פֿאַרגעפֿיל איז געװען בײַ מיר אין יענער מינוט, װען דו ביסט געשטאַנען אױפֿן טרעפּל פֿונעם װאַגאָן. דעם עמעס זאָגנדיק, פֿאָר איך קײן אַמעריקע פֿול מיט די שענסטע האָפֿענונגען, נאָר דאָס געפֿיל פֿון געזעגענען זיך מיט רוסלאַנד, מיט אונדזער קיִעװ און מיטן אײנציקן װעזן (מיט דיר), װאָס דערמאָנט אונדז, אַז אױך בײַ אונדז איז אַמאָל געװען אָן אײגענע הײמנעסט, — רופֿט אַרױס אַ בענקשאַפֿט אָן אומגעהײַערע.. איך װאָלט געזאָגט — טרערן, נאָר איך האָב מורע אױסזען קלײנמוטיק, װי אַ ייִדענע, זאָל זײַן אַפֿילע אין די אױגן פֿון דײַן קלײנװאַרג, װעלכע פֿאַרשטײען אַלץ אױסגעצײכנט און קריטיקירן אַלץ אױסגעצײכנט. אַגעװ, װעגן דײַן קלײנװאַרג. איך קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן ניט אַ לײב טאָן דײַן מישען. ער מאַכט אַ װוּנדערלעכן אײַנדרוק. לעכאָלעהאָפּאָכעס, מיך האָט ער באַצױבערט. אַלזאָ, ליבע, זײַ געזונט. מיר װעלן דיר, פֿאַרשטײט זיך, שרײַבן פֿון דער פּרעקטיקער װײַט אַזױ אָפּט, אױף װיפֿל נאָר עס װעט אונדז דערלױבן די צײַט און די איניאָנים. צי װעסטו אױך טאָן דאָס זעלבע? איך האָף, אַז דו װעסט אונדז ניט פֿאַרגעסן, באַזונדערס די מישפּאָכע, װאָס בלײַבט דאָ איבער צװישן פֿרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן, פּונקט װי אױף אַ ניט־באַװױנטן אינדזל. דו װעסט טאַקע אַזױ טאָן: שיקן זײ בריװ אַהער, קײן זשענעװע, און זײ װעלן אונדז די בריװ איבערשיקן קײן ניו־יאָרק. װאָס זשע שײַעך אונדזער „אײַנאָרדענען זיך" אין דער נײַער װעלט, װײס איך ניט, צי האָט דיר אַלגע געזאָגט, אַז דער הױפּט־יעסאָד איז דער טעאַטער. אַדלער מאַכט מיט מיר אַ קאָנטראַקט מיקױעך דעם רעפּערטואַר און צאָלט מיר פֿאַרן 1־טן סעזאָן (8 — 9 כאַדאָשים) 4000 דאָלאַרן, קימאַט 8000 רובל. פֿונדעסטװעגן איז מײַן צײַט פֿרײַ צוליב זשורנאַל־אַרבעט און אַנדערע אײסאָקים, מיט דער האָפֿענונג, אַז דאָס װעט אױך ניט זײַן אומפּרוכטבאַר פֿאַר מיר. מיט אײן װאָרט, מיר פֿאָרן צוליב מאכן געלט. צי װעט אַמעריקע זיך אַרױסװײַזן פֿאַר די אָרגאַנאַװטן אַלס עמעסע קאָלכידע — דאָס װעט זאָגן דער ערשטער סעזאָן. די, װאָס קענען אַמעריקע און מיך, זאָגן פֿאָר אַ גלענצנדיקע צוקונפֿט. דערװײַל אָבער איז שװער, זײער שװער, אין אַלע הינזיכטן, און ערגער פֿאַר אַלץ איז דער באַװוּסטזײַן, אַז דו צעשײדסט זיך מיט דער מישפּאָכע קימט אױף אַ גאַנץ יאָר! װעגן אַנדערע אומאָנגענעמלעכקײַטן, װי פּאַטערלאַנד, כװיװעס און נאָך, און נאָך — רײד איך ניט. אַלץ צוזאַמען שטעלט צונױף אָן אָקעאַן אופֿרעגונגען, װעלכער טײלט אָפּ די אַלטע װעלט פֿון דער נײַער, און ניט־װילנדיק װערסטו

א פּאַטאַלער און רעדסט אָף דער שפּראַך פון די רוסישע זעלבסטהערשערישע קרוינען־טרעגער, ווען עס קומט זיי אויס אונטערצוכאַסמענען עפּעס א מין ווײכטיקן מאַניפעסט וועגן מילכאָמע אָדער קאָנסטיטוציע: „מיט אונדז איז גאָט...״!

איך האַלט פאַר איבעריק דאָ ברייט זיך צעלייגן וועגן דעם, וויפל גליק איך ווינטש דיר, מאַיסיי סאַוועליעוויטשן און די קינדער. און דעריקער — זײַט געזונט, רויִק און מונטער.

איך קוש דיך.

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

דערווײַל איז אונדזער אַדרעס, ווי דו זעסט, אין לאָנדאָן. אהין טאַקע בעטן מיר שרײַבן פון צײַט צו צײַט. אין לאָנדאָן וועלן מיר מיסטאַמע זײַן א וואָכן 2 אָדער 3. פון דאָרטן וועלן מיר דיר שרײַבן ווידער.

אין אָנהייב זומער 1906 האָט שאָלעם־אַלייכעם באַזעצט די מישפּאָכע זײַנע אין זשענעווע. פאַרבראַכט דאָרט א שטיקל צײַט און צוריקגעפאָרן מיט דער פרוי און מיטן ייִנגסטן זון נומא קיין לאָנדאָן, פונוואַנען ער האָט געדאַרפט פאָרן קיין ניו־יאָרק. דאָ איז ער געבליבן שטעקן אָף גאַנצע צוויי כאָדאָשים, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט קריגן קיין בילעטן אָף דער שיף. מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אָט די צײַט, שרײַבט ער דער פּלימעניצע אין פאָלגנדיקן בריוו.

לאָנדאָן, 7 סענטיאַבער 1906

טײַערע, ליבע נאַטאַשע!

איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אן אָנזען האָט געהאַט קיִעוו אין אײַערע אויגן נאָך בערלין. וואָס איז שײַך לאָנדאָן, איז די דאָזיקע שטאָט שוין צופיל גרויס. דאָ האָבן די מענטשן עטוואָס איבערגעכאַפּט די מאָס, איבערגעזאַלצן. אויב מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט דעם געהענעמדיקן אווגוסט (123 לויט פאַרענהייטן), הייסט עס, אז מירן לעבן לאַנג. און ווי דערעסן האָט ער אונדז! וואָס גיכער שוין אַוועקפאָרן. מיר האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין בילעטן פריִער פון 6 נאָיאַבער (1־טער טאָג כאָלעמויעד), און קומען צו פאָרן קיין ניו־יאָרק וועלן מיר דעם 13־טן (אָפן אַנדערן טאָג סימכאַסטוירע — שאַבעס), א שאַד בלויז, וואָס מיר זײַנען צוגעבונדן דאָ, צוגעשמידט; און מיר קאָנען זיך ניט אַרויסרײַסן כאָטשבי אָף א וואָכן צוויי קיין זשענעווע. קאָן זײַן, אז עפּשער צום סאָף סענטיאַבער וועלן מיר קאָנען זיך אַרויסרײַסן. אַך, וואָס פאַר א מאַטאָנע וואָלסטו אונדז געמאַכט, אויב דו וואָלסט כאָטש איין מאָל אין וואָך אונדז צוגעשיקט א נומער אָדער צוויי פון א וועלכער־ניט־איז קיִעווער צײַטונג! אניט קומט אויס זיך דערוויסן וועגן דעם טויט פון איינעם צי א צווייטן דורך דיר, מײַן „פּאָכאַראָנע״ פּלימעניצע! די צײַט, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט, איז דורכגעגאַנגען ניט אומזיסט, איך האָב פאַרענדיקט נעכטן די צווייטע דראַמע. הײַנט בין איך צוגעטראָטן צו דער דריטער. דאָס וועט זײַן אָפן גאַנצן סעזאָן. דאָרטן איז א גרויסער סאָפעק, צי עס וועט זײַן צײַט צו שרײַבן. אונדזער בערקאָוויטש האָט צוגעשיקט אהער א דערציילונג („אויגערקעס״), איבער וועלכער דרײַ רעדאַקטאָרן שלאָגן זיך דאָ און צאָלן גרויס געלט פאַר האָבן די רעכט צו דרוקן. דאָס איז ווירקלעך זייער א טאַלאַנטפולע זאַך, וועלכע וואָלט געקאָנט באַצירן די זײַטלעך פון א באַליביקן דיקן זשורנאַל. די „אויגערקעס״ דרוקן זיך אינעם ציִעניסטישן ייִדישן זשורנאַל אין ווילנע „דאָס ייִדישע פאָלק״ (דער אַדרעס — פּאָגוליאַנקאַ, 7), אין די נומערן, דאַכט זיך, 11, 12, 13. אויב ס׳איז שוין אוועק א רייד וועגן ליטעראַטור, טייל איך מיט מאַיסיי סאַוועליעוויטשן, אז אָף דער טעמע וועגן דער סאָציאַלער אָרדענונג, וועגן וועלכער מיר האָבן געשמועסט אין זשענעווע, ווען מיר האָבן געזוכט דעם נעכטיקן טאָג, דה. א דאַטשע מיט א פּאַנסיאָן, דרוקט זיך איצט אין א לאָנדאָנער זשורנאַל מײַן שפּאַס אונטערן נאָמען „אויס געלט״! — איך וועל צושיקן.

און וואָס טוט זיך בא אײַך, אין רוסלאַנד? גאָט מײַנער! ס׳איז אפילע א ביזאָיען צו רעדן וועגן ליטעראַטור. אָלגע און נומטשיק שלאָפן שוין.

איך קוש דיך.

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

אזויאַרום, דערוויסן מיר זיך, האָט שאָלעם־אַליכעם אין לאָנדאָן ניט געפּאַטערט אומזיסט קיין צײַט. אַכוץ פאָרלעזונגען אין די ענגלישע פּראָווינץ־שטעט, האָט ער אינטענסיוו זיך געגרייט צו זײַן קומען קיין אַמעריקע שוין מיט גרייטע פּיעסעס, ווײַל „דאָרטן איז אַ גרויסער סאָפּעק, צי עס וועט זײַן צײַט צו שרײַבן". פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט טאַקע געבראַכט קיין אַמעריקע דעמלט זײַנע צוויי פּיעסעס: „דער אויסוואָרף" אָדער „שמועל פּאַסטערנאַק" (באַארבעט פון זײַן קאָמעדיע „יאַקנעהאָז") און „סטעמפּעניו" (אַ דראַמאַטישער וואַריאַנט פון זײַן ראָמאַן).

מיט י.־ד. בערקאָוויטשעס דערציילונג „אוגערקעס" איז געווען צופרידן ניט בלויז שאָלעם־אַליכעם, נאָר אויך אַנדערע יידישע שרײַבער, וועלכע האָבן דעמלט זיך געפונען אין לאָנדאָן (י. כ. ברענער, אַשער ביילין און אנד.). די לאָנדאָנער צײַטונג „דזשוּיִש קראָניקל", וועלכע האָט דעמלט געהאַט אַן אָפּטיילונג אויף ייִדיש, האָט גערן גענומען בערקאָוויטשעס דערציילונג, נאָר מיט אַ טנאַי, אַז דעם נאָמען פון דער דערציילונג זאָל מען פאַרבײַטן אויף „ריוועקע" און שאָלעם־אַליכעם זאָל אָנשרייבן צו איר אַ פאָרוואָרט. „דזשוּיִש קראָניקל" האָט די דערציילונג אָפּגעדרוקט, אָבער אָן שאָלעם־אַליכעמס הקדמה, ווײַל בערקאָוויטש האָט אַזוי פאַרלאַנגט.

און נאָך מיט איין שטעל איז מערקווירדיק שאָלעם־אַליכעמס בריוו צו נ. מאַזאָר פאַרן 7 סעפּטעמבער 1906: וואָס מער דער שרייבער דערווייטערט זיך פון רוסלאַנד, אַלץ מער טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַרן גורל פון זײַן היימלאַנד. ווו מע האָט אַזוי ברוטאַל באַאַוולט די יידן. שאָלעם־אַליכעמס נעשאָמע האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ קיִעווער צײַטונג...

דעם 20־טן אָקטיאַבער, 3 אַזייגער באַטאָג, איז שאָלעם־אַליכעם מיט דער פרוי און מיטן זון נומאַ אויף דער אָקעאַן־שיף „סט. לוּיִס" אָנגעקומען אין ניו־יאָרקער האַפן און שרײַבט גלײַך אָן נאַטאַשען דעם ערשטן בריוו.

ניו־יאָרק, 3 אַזייגער באַטאָג. 20 **אָקטיאַבער 1906**

טײַערע נאַטאַשע!

נאָרוואָס זײַנען מיר אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אַזאַ באַגעגעניש, וועלכע מע האָט מיר אײַנגעאָרדנט דאָ, וואָלט זיך געקאָנט פאַרגינען עפּשער בלויז עפּעס אַ סאַנאָווניק. פּראָטים וועל איך ניט באַשרײַבן. קיינמאָל ניט האָבן מיר עפּעס ענלעכס דערוואַרט. אויב אורטיילן דערפון, קאָן מען וואַרטן אויף אַ נײַער ערע אין אונדזער לעבן. און ס׳איז שוין צײַט, ווײַל אָנגעמאַטערט האָבן מיר זיך שוין צופיל. ס׳איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין טאָג, ווי מע זאָל מיך ניט רײַסן אויף שטיקער: פון איין זײַט די פּרעסע, פון דער אַנדערער זײַט — דער טעאַטער. עס זײַנען שוין פאַראַן באַשטעלונגען אויף קאָלאָסאַלע אַוונטן. מיט איין וואָרט, דעם אָנהייב האָט מען געגעבן אַן אומגלייבלעך דערפּאָלגרײַכן. מירן אַ קוק טאָן, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער. אין סאַמע מאָמענט פון דעם אָנקום האָבן מיר אויפן ברעג באַקומען אַ טעלעגראַם פון זשענעווע וועגן דעם, אַז טיסי האָט געבוירן אַ מיידעלע. אָט נאַ דיר מאַזלטאָוו, זיידע!.. אונדז האָט גענומען צו זיך מײַן ברודער בערט, איצטער בערנאַרד. ער איז אַ גאַנץ רײַכער הער. מע זאָגט, אַ הונדערט־טויזנטיקער. דער אויפזיכט איבער אונדז איז אַ פאָטערלעכער. עס שטערן בלויז די אינטערוויוּיִרער, וואָס לאָזן ניט לעבן: די אַמעריקאַנער יידן האָבן מיך גענומען רעקלאַמירן, דאָ הייסט עס „בום". גוט, זאָל זײַן בום. איינע אַ צײַטונג לייגט מיר פאַר 100 דאָלאַרן אַ וואָך פאַר פעליעטאָנען. דאָס איז 800 רובל אַ כוידעש. נאָר מענטשן אייצענען ניט, ווײַל די ריכטונג (פון דער צײַטונג) איז ניט קיין סימפּאַטישע. גיב איבער אַ גרוס מישען. מיר שרײַבן אים ניט באַזונדער. מ(אָיסיי) ס(אוועליעוויטשן) אַ גרוס.

איך קוש דיך. דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

דאָס איז דער איינציקער בריוו, געשריבן פון ניו־יאָרק, אַדרעסירט צו נ. מאַזאָר, אין דער קאָלעקציע, וואָס געפינט זיך אינעם מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל פון דעם „פּושקין־הויז". ס׳איז מערקווירדיק, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט אים אָנגעשריבן דער פלימעניצע גלײַך נאָכן אָנקומען קיין אַמעריקע, אין די ערשטע שאָען זינט ער האָט באַטראָטן די ערד פון ניו־יאָרק. פאַר שאָלעם־אַליכעמען איז דאָס געווען אַ גליקלעכער טאָג: ערשטנס, האָט מען אים געמאַכט אַ גרויסן קאַבאָלעס־פּאָנעם און פאַרשאָטן מיט באַשטעלונגען. צווייטנס, האָט ער, נאָך זייענדיק אין האַפן, באַקומען אַ טעלעגראַם, אַז ער איז געוואָרן אַ זיידע — עס איז געבוירן געוואָרן זײַן ערשט אייניקל טאַמאַרע (בערקאָוויטשעס און טיסיס טאָכטער). אויפן אַנדערן טאָג, דעם 21 אָקטיאַבער 1906, שרײַבט ער צו זײַן טאָכטער ערנעסטינע, אַז „פאַרשטייט זיך, דעם ערשטן טאָג איז נאָך נישטאָ פונוואַנען דאָס גאָלד זאָל זיך

שיטן, נאָר די נאָענטע צוקונפט זאָגט פאָרויס א סאך, א סאך גוטס — אפּאָנעם א נײַע ערע גייט אוף אף אונדזער האָריזאָנט".

אָבער ניין, קיין „נײַע ערע" איז ניט אופגעגאַנגען אף שאָלעם־אַלייכעמס האָריזאָנט, קיין גאָלד האָט ניט גענומען זיך שיטן און גאָר אינגיכן האָט דער שרײַבער זיך אנטוישט אין אמעריקאַנער „גליקן". אין יוני 1907 האָט ער צוזאמען מיט דער פרוי און מיטן ייִנגסטן זון גומא זיך אומגעקערט קיין זשענעווע, ווו עס האָבן זיך געפונען די אנדערע מיטגלידער פון דער מישפּאָכע זײַנער.

ווידעראמאָל איז אוועק א צײַט פון שווערער נויט, פון קראַנקהײַט, פון ייִעש. און עס גייט אוועק א נײַע סעריע בריוו צו דער פלימעניצע: ווו נאָר ער געפינט זיך, שרײַבט ער צו איר, זשאַ־לעוועט זיך אפן גוירל, טיילט זיך מיט זײַנע אײַנדרוקן, דערציילט וועגן זײַנע שעפערישע איניאָנים. נאטאשע איז פאר אים א נאָענטער מענטש, פאר וועמען מע קאָן אויסגיסן דאָס ביטער האַרץ און דערבײַ א שפּאַס טאָן, זיך א לעצעווע טאָן און וואַרטן אף אן אָפּרוף. און ווען די פלימעניצע פאר־האַלט זיך מיט אן ענטפער, קומט ארויס פון אונטער זײַן פען אָט אזא, לעמאָשל, מוסער־בריוו.

זשענעווע, 21 אווגוסט 1908

טײַערע נאטאשע!

דער בריוו־אויסטויש אונדזערער ווערט א פולקום נאַטירלעכער: איין מאָל אין דרײַ כאָדאָשים — א מיצווע אף מיר! פונדעסטוועגן איז דאָס בעסער, איידער גאָרנישט. וואָס זאָל איך דיר זאָגן וועגן זיך? נארישקײַטן: איך שרײַב זייער א סאך קימאַט אין אַלע ייִדישע דרוק־אָרגאַנען, פון דער נײַער און אַלטער וועלט. און נאכעס איז ווייניק. עס רײַסט זיך די נעשאָמע אין אן אנדער וועלט, צו די גאָיִם. א בושע, נאָר דאָס איז עמעס, אַלעמײַ זאָל איך פארלייקענען, אף א ייִדישן שרײַבער, אפילע אפן סאמע פּאָפּולערן, וואַרט א קייווער אפן כעזשבן פון קאָהאָל. אָפּגעאַרבעט א פערטל יאָרהונדערט צווישן אייגענעם פאָלק, קאָן מען נישט ניט קומען צו אזא טרויעריקן אויספיר... דו ביסט באקאַנט מיט מײַן פּרײַנט סירקינען. דערוויס זיך, ווי האַלט עס מיט זייער אונטערנעמונג מיקויעך דעם גרויסן בוך וועגן דער ייִדישער פאָלקס־ליטעראַטור. אגעוו, גיב אים איבער א גרוס פון מיר. און וואָס הערט זיך מיט אײַער מאָנרעפּאָ אפן פאָרשטייענדיקן זומער־סעזאָן? צי איז פאראַן א האָפענונג זיך ערגעץ צו זען? האָסט אונדז שוין פון לאַנג ניט געשריבן קיין קיִעווער נײַס. ווער איז געשטאָרבן? ווער האָט אָנגעזעצט? ווער איז רײַך געוואָרן? מעגלעך, אז צוליב אייניקע איניאָנים (טעאַטראַלע) וועט מען מיך ארויסרופן אף עטלעכע טעג קיין רוסלאַנד. נאָר וועגן דעם וועלן מיר נאָך רײדן, אז עס וועט שוין זײַן עפּעס מאמאָשעדיקס.

זײַ געזונט. דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

מאָיסיי סאווועליעוויטשן און די קינדער א גרוס פון מיר.

אין יענע טעג פלעג שאָלעם־אַלייכעם, לויט די אייצעס פון די דאָקטוירים, פאָרן פון איין קוראָרט אפן אנדערן, זוכנדיק א פּאַסיק אָרט פאר דער היילונג. אָט איז ער אין איטאַליע, אָט אין דער שווייץ, אָט אין דײַטשלאַנד, און אָט מוז ער ווידעראמאָל זיך אומקערן קיין איטאַליע. דאָס פלעג אים זייער אויסמאַטערן, און אין איינעם פון זײַנע בריוו קלאָגט ער זיך נאטאשען.

בערלין, 29 (12) סענטיאַבער 1908

טײַערע נאטאשע!

מע דערציילט וועגן איינעם א ייִד, וועלכער האָט, פאָרנדיק ווי א האָז אונטער דער באַנק, געענטפערט אף דער פראַגע: „וווּהין פאָרט איר?" — „אויב עס וועלן אויסהאַלטן מײַנע זײַטן, וועל איך אף שאַבעס זײַן אין קעשענעוו..."

פונקט אזוי איז מיט מיר. אויב דאָס געזונט וועט ניט אונטערפירן, וועלן מיר אף שאַבעס זײַן אין איטאַליע. דערווײַל איז מיר גאַנץ שווער. ווי נאָר מיר וועלן קומען אפן אָרט, וואַרשײַנלעך קיין נערווי אָדער נערוויס, וועלן מיר געבן א טעלעגראַם און וועלן בעטן אונדז שרײַבן אהין. דערווײַל זשע אף ווידערזען; און דער דײַטש זאָל אזוי קויעך האָבן צו לעבן, ווי איך האָב קויעך צו שלעפּן זיך מיט זײַני שעלנצוגן.

מאָיסיי סאווועליעוויטשן, די קינדער, ווי אויך נ.־מ. סירקינען און אנד. מײַן גרוס.

דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

עס פלעג טרעפן, אז שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן צו דער פלימעניצע צוויי מאָל א טאָג, אויב פאַר די שטוביקע האָט ער געקאָנט אויסבאהאלטן די שרעקלעכע ווייטיקן, וואָס האָבן אים געפייניקט, פארוואנדלען אין א שפּאס, זיך כאָכמענען, מאכנדיק א פריילעכע מינע (אמאָל פלעג אים אזא שפּיל זיך איַינגעבן, אָפטער — ניט, ווײַל אף דער וואך זײַנען געשטאנען די איבערגעגעבנסטע אָלגע און אייניקע פון זײַנע טעכטער), האָט ער מיט נאטאשען געקאָנט זײַן אין די בריוו פרײַ און אָפנהארציק. דעם 7־טן (20־טן) אָקטיאבער 1908 שיקט ער אוועק דער פלימעניצע א ייִעשפולן בריוו.

נערווי, 7 (20) אָקטיאבער 1908

ליבע נאטאשע!

דאָס ביטערע מאזל שפילט זיך מיט מיר, ער וויל מיר פארפינצטערן די נעשאָמע, קאַליע מאכן די שטימונג, ארײַנוואַרפן מיך אין כוישעך פון מאָרעשכוירע, נאָר איך בין ניט פון יענע, וואָס ווערן אזוי גיך צעיאכמערט. צעקוואסעט בין איך געוואָרן בלויז דעמלט, ווען דו ביסט, ווי א ליכטיק טײַבעלע, אראָפּגעפלויגן צו מיר קיין באראנאָוויטש, אין אָט דעם אומפארגעסלעכן באראנאָוויטש. אָ, דאָן איז געווען גאָר אן אנדער זאך. דאָן פלעג טרעפן, אז איך האָב געוויינט צוויי מאָל א טאָג, נאָר, דאכט זיך, מיט לויזע טרערן. איצט וויין איך שוין ניט. איך דערשרעק זיך נאָר א ביסעלע, און מער גאָרנישט. אָט, לעמאָשל, האָט זיך אייערנעכטן אינדערפרי ווידעראמאָל באוויזן בלוט, דה. ניט קיין בלוט, נאָר וויים איך וואָס, גאָלע נארישקײַטן, אזוי זיך — „בלוט־קײַקעלעך אינעם אויסגעטיילטן לייכעך". און איך האָב א טראכט געטאָן, אז אָט וועט זיך איבערכאזערן די באראנאָוויטשער געשיכטע. צו וואָס זשע האָט דאָן געלוינט זיך מאטריִעך זײַן אהער, אין אָט דעם געטלעכן לאנד? נאָר עס איז געקומען דער דאָקטער (מאנדעלבערג — א ליבער מענטש) און האָט זיך אויסגעלאַכט פון אונדז; עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז אן אָפּשלוקערץ פון די אלטע באראנאָוויטשער זינד. און טאקע, איך בין אופגעשטאנען, איך שפּאציר איבער דער „מארינע" (שטראנד), און עס לאשטשען מיך די גאָלדענע שטראַלן פון אזא זון, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געזען. סארא זון! סארא לופט! אויב איך וועל פונדאנען ניט אוועקפאָרן א גיבער, הייסט עס, אז מײַן גוירל איז פארזיגלט. דו וועסט באקומען, נאטאשע, אָט דעם בריוו פונקט אין דעם טאָג פון מײַן פײַערונג, פון מײַנע ליטעראַרישע „אימענינעס", צו וועלכע מע גרייט זיך, ווי מע שרײַבט אונדז, אומעטום, אין אלע ווינקעלעך. און איך וועל אין דעם דאָזיקן טאָג אומבלאָנדזשען אן עלנטער אפן ברעג פונעם מיטללענדישן יאם, אליין מיט מײַנע מאכשאָוועס, פינצטערע, ווי די נאכט, אין אומבאגרײַפלעכער שרעק פאר דער אומבאוווּסטער צוקונפט, ווארעם איך וויים ניט הײַנט, מיט וואָס מיר וועלן דורכלעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג... און אויב מיר וועלן יאָ דורכלעבן, איז אף וועמענס מיטלען? אף די מיטלען פון דער „געזעלשאפט"? יאָ, ווי דו זאָלסט ניט דרייען, בלײַבט עס אלעמאָל טרויעריק, דער רועך זאָל עס נעמען, און אין יעדן פאל שוין ניט אזוי פריילעך, ווי דאָס ווערט געוויינלעך געשילדערט אין מײַנע נארישע, נאָר פריילעכע שרײַבערײַען. ס'איז אמאָל געווען פריילעך אויך, נאָר דאָס איז שוין געווען פון לאנג, דאָס איז געווען אין יענער גליקלעכער צײַט, ווען מיר האָבן געפײַערט דײַן 19־יאָריקן יובילײ (אין אָדעס, געדענקסט?). נו, איך דארף שוין גיין צום יאם. איך ווינטש אײַך זיך מעסאמייעך זײַן אף דער דאָזיקער וועלט. מאָסיי סאוועליעוויטשן, ב.־מ. סירקינען, יעווגעני לוואָוויטשן און אלע מײַנע פרײַנט אין אומגליק און אין פרייד — מײַן ווארעמסטן גרוס!

דײַן פעטער, וואָס פאלט בא זיך ניט אראָפּ.

שאָלעם־אַלייכעם.

דאָ פאָדערט זיך א דערקלערונג אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם דערמאָנט אין זײַן בריוו: „...ווען דו ביסט, ווי א ליכטיק טײַבעלע, אראָפּגעפלויגן צו מיר קיין באראנאָוויטש, אין אָט דעם אומפארגעסלעכן באראנאָוויטש...". עס גייט א רייד וועגן שאָלעם־אַלייכעמס באזוך אין באַראנאָוויטש אין סאָף יול 1908, ווען ער האָט פּלוצעם געקראָגן א בלוט־שטורץ פון די לונגען און די דאָקטוירים האָבן געפונען בא אים א שארפע טובערקוליאָז־קראנקהײַט. ער איז אָפּגעלעגן אין באַראנאָוויטש בא צוויי כאדאָשים, און דעמלט איז געקומען אהער נאטאשע מאזאָר. טאקע פון באַראנאָוויטש איז שאָלעם־אַלייכעם, לויט דער אייצע פון די דאָקטוירים, אוועקגעפאָרן קיין נערווי.

דער געבראכטער בריוו איז איינער פון די אינהאלטסרײַכסטע אין דער קאָלעקציע, וואָס געפינט

זיך אין לענינגראדער „פּושקין־הויז". דאָס איז איינער פון די בריוו, וועלכן ס'האָט נאָך פּובליקירט דער זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור" (1939, נומ. 3—4). ער איז אויך געווען איַינגעשלאָסן אין שוין דערמאָנטן 15־טן באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס „אויסגעווייילטע ווערק" אין „עמעס־פאַרלאַג (1941). נאָר מיר כאַזערן אים דאָ איבער צוליב דער גאַנצקײַט פונעם ציקל. און דעריקער — צוליב שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו דער פּלימעניצע אין זעלבן טאָג, ווען ער האָט אַזוי ביטער זיך געפילט.

אָט איז דער דאָזיקער בריוו.

נערווי, 7 (20) אָקטיאַבער 1908

טײַערע נאַטאַשע!

הײַנט האָב איך דיר אָפּגעשיקט אַ בריוו אַ מער ווייניקער טרויעריקן. נאָר סאַ'יז אָנגעקומען די פּאָטשט און דײַן בריוו. צײַטונגען האָב איך ניט באַקומען. אָבער אַ דאַנק, וואָס דו פאַרגעסט אונדז ניט. דאָס איבעריקע וועט דיר אָנשרײַבן אַלגע, אויב דו ביסט אַ בעריע צו לייענען אירע בריוו, אַנטשולדיק — ניט לייענען, נאָר זיך אָנשטויסן, ארויס־כאַפּן דעם מיין לויט עפּעס אַ שכינע פונעם אייבערשטן. מיט אַזאַ טאַלאַנט איז באַשאָנקען ניט יעדער איינער און דעריבער איז ניט קיין כידעש, וואָס איינער אירער אַ קאָרעס־פּאָנדענט האָט די טעג זיך אופגעהאַנגען, איבערלאָזנדיק אַ צעטעלע: „איך בעט קיינעם ניט באַשולדיקן, אַכוץ דער מאַדאַם שאָלעם־אַלייכעם מיט איר שרעקלעכן קסאַוו..."

איך קוש דיך.

דײַן פעטער שאָלעם־אַלייכעם.

מאַיסיי סאַוועליעוויטשן, סירקינען, סקלאָווסקין און אַלע פרײַנט, ווי אויך מישען אונדזערן און מישען אײַערן, מײַן גרוס.

ווי מיר זעען — צוויי בריוו אין איין טאָג צו איין און דעם זעלבן אַדרעסאַט — און ווי פאַר־שיידנאַרטיק זיי זײַנען, פּונקט ווי איינער וואָלט געווען אײַנגעטונקען אין פינצטערניש און פון דעם צווייטן וואָלט אַ בליץ געטאָן אַ שטראַל פון דער זון... שאָלעם־אַלייכעם האָט ליב געהאַט פון מאָל צו מאָל אַ שפּאַס טאָן איבערן אומדײַטלעכן קסאַוו פון זײַן פרוי אָלגע. נאָר זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַליידיקט פאַר זײַן גוטמוטיקער איראָניע...

אין זעלבן סטיל, מיטן זעלבן שמייכל איז אָנגעשריבן דער פאָלגנדער בריוו. די צוגאָבלעכע שורעס זײַנען געווענדט צו מישען, צום עלטערן זון, וועלכער לערנט זיך אין גימנאַזיע. נאָר האָט פײַנט געאָגראַפיע.

(נערווי, 16 (29) אָקטיאַבער 1908

ליבע טײַערע נאַטאַשע!

אַ דאַנק פאַר דײַנע בריוו און פאַר דער ליבלעכער באַציִונג און זאָרג וועגן מיר. און איך וועל דיר שוין באַווײַזן, ווי־אַזוי עס פּאָפּראַווען זיך דאָ קראַנקע! דו וועסט מיך ניט דערקענען אַף אייביק! ווען נאָך אַ צימער וואָלט מען מיר געגעבן, ווי דו שרײַבסט, אַף דאָרעם, און אַף דער זון דער היגער. באַ אײַך איז נישטאָ, גלייב מיר, אַזאַ זון. ווי קומט איר צו אַזאַ!.. און וואָס שײַעך דער לופט, איז דאָס דאָך באַלזאַם, נו, אַ רעפּוע גלײַך פון דער אַפּטייק — און שאַבאַש! און וואָס פאַר אַן אַפּעטיט אַזאַ, גאָט מײַנער! האַלעוויַ וואָלט נאָר געווען וואָס צו פרעסן. ווײַל געלט, העריסטו, ברענגט ניט די פּאָטשט איינמאָל ניט... ברענגט ניט, און טו איר עפּעס! און טעלעגראַמעס — אָן אַ שיר! אַ טויזנט פראַנק האָבן מיר איבערגעצאָלט בלויז די טעלעגראַם־טרעגער. עס האָט באַוויזן, ווער זי איז, אונדזער ייִדישע נאַציע, אַז מיר זײַנען לײַט מיט לײַטן גלײַך. רירנדיק! נו, האָב איך, גלייב מיר בענעמאָנעס, דאָ ניט לאַנג געלאָזט אַ טרער. איך רעד ערנסט, און ביכלאַל בין איך אַ מענטש אַן ערנסטער. צו דער דאָזיקער ערנסטקײַט כאָטש ווייניקער הוסטן. עך־עך־עך! פאַרגעס ניט. שרײַב שוין בעסער אַ סאַך, אַבי אָפטער. יאַ־ס...

דײַן ניט געפאַלענער באַ זיך פעטער ש.־אַ.

...און ווי גייט עס, ברודערקע מישעל, בענעגייע יענער אָט סאַמער געאָגראַפיע? אַ נודנער איניען, דאָס איז עמעס, אָבער אַ נייטיקער. וואָס קאָן מען טאָן. פאַרענדיק שוין

דאָרט יענע צוויי קלאַסן. כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער. און דערווײַל זײַ ניט קיין פאַר־שלאָפענער, לייען ביכער, און שרײַב בריוו און זײַ געזונט.

פּאַפּאַ.

שאָלעם־אַליכעמס געזונט־צושטאַנד האָט געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע אויפמערקזאַמקײַט מיצאַד זײַנע אייגענע, און דעם שרײַבערס פרוי טוט אַלץ, קעדיי צו לינדערן זײַנע ווייטיקן. וועגן דעם, וויאַזוי שאָלעם־אַליכעם היילט זיך, דערציילט ער אין זײַן בריוו צו דער פּלימעניצע — ניט קיין בריוו, נאָר אַ פּראַכטפולע נאָוועלע.

נערווי, 1 (14) נאָיאַבער 1908

איך האָב געזען אַ כאָלעם...

ווי מיר וואָלטן געלעבט אויפן סאַמע ברעג פונעם מיטללענדישן יאַם. פון ביידע זײַטן פון מיזרעך און מײַרעוו — שמעקנדיקע פּאַרקן. די הויפּט־פענצטער מיט צוויי וועראַנ־דעס — אויף דאָרעם, און די זײַטיקע פענצטער — אויף מיזרעך און מײַרעוו. אַזויאַרום, ווערט ניט פאַרפאַלן אומזיסט פאַר מיר קיין איין שטראַל פונעם פלאַקערנדיקן קײַלעך. דעם גרעסטן (פאַרהעלטענישמעסיק) צימער האָט מען קלוימערשט אָפּגעגעבן מיר. אַלץ איז פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן. מע האָט איבערגעלאָזט בלויז אַ ציכטיקע בעט, אַ פּיצינקן וואַש־בעקן, אַ שאַפקעלע און קלוימערשט אַ שרײַבטישל און אַ באַזונדערע וועראַנדע. און איך שלאָף אין אָט דעם ליכטיקן און ציכטיקן צימער איינער אַליין. באַם אָפענעם באַלקאָנ־טשיקל אויפן יאַם, און עס פאַרוויגן מײַן שלאָף גלײַכמעסיקע, מעלאָדישע יאַם־כוואַליעס. אינדערפרי, ווי נאָר עס צינדט זיך אָן דער ערשטער שטראַל פונעם באַטאָגיקן לײַכט־זײַל, און די שטערנדלעך, וועלכע האָבן אַ גאַנצע נאַכט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די כוואַליעס לעשן זיך איינס נאָכן אַנדערן אויס, כאַפּ איך זיך קלוימערשט אויף, און גלײַך באַווײַזט זיך אויף דער בינע אַ גאָגל־מאָגל, מע רײַבט מיך אײַן מיט יאַם־וואַסער, איך טו זיך אָן, אויף פרישטיק — פעטע שינקע, 3 לויזע אייער און אַ מילכיקע קאַשע מיט טאַניאָקאָ, און דערנאָך גיי איך קלוימערשט אויף דער מאַרינע (אויפן יאַם־ברעג), אויף וועלכער, אייגנטלעך, מיר וווינען. דאָרטן פאַרברענג איך מיטן העפטל און מיטן בלײַער אין די הענט אויף דער זון, וועלכע וואַרעמט אין אָט דער צײַט באַזונדערס מילד און אָנגענעם, ווי אַ פרוי, — פון 9 ביז 12 אַזייגער. דערנאָך גיי איך פּאַמעלעך קלוימערשט אַהיים, ווו עס וואַרט אויף מיר אַ געגרייטער טיש. דו מיטיקסט קלוימערשט זייער געשמאַק, ווײַל אַלץ איז צוגע־



נערווי, אויף דער „מאַרינע״

גרייט — אַזוי דאַכט זיך מיר אויס — מיט אַלגעס הענט. דאָ האָסטו ייִדישע פֿיש, זיסער פֿון האָניק, און אַ סוף אַ וווּנדערלעכער, און אַ ייִדישער ראָסלפֿלייש, און פֿריש גרינוואַרג, ערשט פֿונעם גאָרטן, און פֿרוכטן זאַפּטיקע, פֿײַגן פֿונעם בוים קלוימערשט און אַנד. פֿאַרענדיקט האָט זיך דער מיטיק און מיך, דעם גאַסט קנעכט, פֿירט מען האַלב צוויי אָפּן באַלקאָן נומער 2, דעם דאָרעם־מיזרעוודיקן אויף אַ היילקור. און עס כאָלעמט זיך מיר, אַז דאָרט איז אַ בעטל אַ ציכטיקס, מיט אַ שירעם צוקאָפּנס, אַלס אַ שוץ פֿון אַ זונענשלאַק, און מע לייגט מיך דאָרט אײַן אויף גאַנצע 2 שאָ, אין מעשעך פֿון וועלכע איך דאַרף קלוימערשט אויסטרינקען מיט קליינע קעלישעקלעך אַ גאַנצן ליטער סטעריליזירטע מילך. דערנאָך, פֿיר אַזייגער, איז קלוימערשט טיי, אַ שפּאַציר אויף דער מאַרינע. און פֿינף אַזייגער פֿאַרמאַכן זיך טיר־און־פֿענצטער אויף צוויי שאָ (קלוימערשט אַ זון־פֿאַרגאַנג) און 6 אַזייגער אין אָוונט אַ וועטשערע — ווידעראַמאָל זייער אַ זעטיקע און זייער אַ געשמאַקע, אויך קלוימערשט צוגעגרייט דורך דער זעלבער אַלגע. נאָך דער וועטשערע גייט אַ שפּיל אין 66, אָדער מיט נומען אין קאָרטן, אָדער צוזאַמען אין טערטל־מערטל. דער זייגער האָט געשלאָגן 8 — ווידעראַמאָל לויזע אייער, נאָכאַמאָל אַ מילכיקע קאַשע מיט מאַקאַראָנעס אַלס צוגאָב. דאָ ווערט דער כאָלעם אַ ניט פֿאַרשטענדלעכער, ווײַל אייער און סוף מיט מאַקאַראָנעס נאָך וועטשערע — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַן אַנאַכראָניזם... אויב צוגעבן צו דעם, אַז 10 אַזייגער אַפּדערנאַכט, איידער דו ווערסט אַנשלאָפֿן, ווידעראַמאָל אַ פּאָר אײ־ער אין אויסזען פֿון אַ גאָגל־מאָגל, וועסטו פֿאַרשטיין, אַז כאָלוימעס קאָנען אַמאָל זײַן גאַנץ אויסטערלישע און אומבאַגרײַפֿלעכע. נאָר גאָט מײַנער! אַלץ, וואָס איך האָב דיר דאָ באַשריבן, איז דאָך ניט קיין כאָלעם, נאָר וואָר!

פֿון אַזאַ לעבנס־אופֿן איז קיין כידעש ניט, וואָס אין אַ קורצן צײַט־מעשעך האָב איך אָנגענומען אויף זיך בא 3 קילאָ (6—7 פֿונט) און וואָלט נאָך מער אָנגענומען, אויב ניט דער איבעריַס, וועגן וועלכן אַלגע האָט דיר שוין געשריבן. אַ צוקילונג פּלוצעס, אַ הוסט מיט בלוט, אַ טעמפּעראַטור העכער 37 און אַזוי. אָבער דאָס איז שוין דורכגעגאַנגען, און איך לעב איצט אַזוי, ווי איך האָב דיר באַשריבן אינעם אויבנדערמאָנטן כאָלעם. און דער איקער — ווען ניט די דײַגעס וועגן „מאָרגנדיקן טאָג"... אָט דער „מאָרגנדיקער טאָג" קאָסט מיר אַ סאַך לעבן!..

אַלזאָ, דו קלײַבסט זיך קיין נערווי? מיר טרוימען שוין וועגן יענער צײַט, אַפֿילע אַ בעט פֿאַר דיר אויסגעטיילט, אינעם דאָרעם־מיזרעוודיקן צימער; נאָומטשיק קלײַבט זיך דיר באַווײַזן דעם „רוסישן פֿעלדז" — די איינציקע מערקווירדיקײַט פֿון נערווי.

איך קוש דיך און גריס מ(אַיסיי) ס(אָוועליעוויטשן) און די קינדער.

דײַן פּעטער ש.

מישע! צי די ליאַמקע; אין דײַן עלטער מוז מען בלויז זיך לערנען פֿאַרשיידענע כאָכמעס. די קינדער שרײַבן דיר באַזונדער. און די מאַמע גריסט.

דײַן פּאַ(פּאַ).

נערווי, 30 נאָיאַבער (13 דעקאַבער) 1908

ליבע און טײַערע נאַטאַשע!

איך שיק דיר דערמיט צוויי בלאַנקן אין פֿאַל, אויב איינער וועט קאַליע ווערן. איך האָף, אַז דו וועסט ניט מיסברויכן מיט מײַן צוטרוי און וועסט ניט אַרויסשטעלן אויף מיר אַ היסכײַוועס אויף 200.000. וואָס איז שײַעך דעם, וואָס דו שרײַבסט, אַז דו ווייסט נאָך ניט וועגן דײַן פֿאָרן קיין איטאַליע, פֿאַרשטיי איך דיך אויסגעצייכנט און פֿיל דיר מיט. דו ווילסט אונדז מאַכן אַ סיורפּריז. דאָס איז אין מײַן גײַסט: אַלזאָ דו וועסט אין נערווי דאָך ניט זײַן. גוט־ס. מיר וועלן פֿאַר דיר צוגרייטן אַ צימער מיט אַ פֿענצטער אויף דאָרעם און אויף מיזרעך. דו וועסט זען אַזאַ זון־פֿאַרגאַנג, וואָס דו האָסט אין לעבן ניט געזען. ווער־וואָס! צי האָסטו דען עפּעס געזען, אַכוץ דעם סאָפּיעווער סאָבאָר? וואָס עפּעס האָסטו פּלוצעם אָנגעהויבן אונטערהוסטן? דאָס איז דאָך לויט מײַן ספּעציאַליטעט. איך דערלויב ניט — און שוין. איך דאַרף דיר שרײַבן אַ גאַנצע יערמיִאַהואַדע — אַן אָנקלאָג אויף אַלגען, נאָר אויף וויפֿל ס'איז שוין שפּעט, לייג איך עס אָפּ אויף אַן אַנדערס מאָל. און דערווײַל אויף ווידערזען, דאָס הייסט זײַ געזונט, ווײַל דו וועסט דאָך קיין נערווי ניט פֿאָרן? ביטע, נאַטאַשע, ווען דו וועסט פֿאָרן קיין נערווי, פֿאַרכאַפּ די „אַדרעסן".

דײַן פּעטער ש.־אַל.

נאטאשע איז בא שאָלעם־אַליי‌כעמען געווען דער אָנפאַרטראַיטער מענטש אין קיִעוו, וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר מאַן מאַיִסיי סאַוועליעוויטש, דעם פּריסיאַזשני פּאָווערעני, געפירט שאָלעם־אַליי‌כעמס פינאַנסיִעלע איניאַנים. פּונקט אין יענער צײַט, ווען דער אויבנגעבראַכטער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן, האָט די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט אין אַ סאַך לענדער זיך געגרייט אָפּצומערקן שאָלעם־אַליי‌כעמס 25־יאָריקן יובילײ פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט און אין וואַרשע איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציִעלער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויסקויפן דעם שרײַבערס ווערק, וועלכע זײַנען פריִער אַרײַנגעפאַלן אין ספּעקוליאַטיווע, אומריינע הענט. די קאָמיסיע און אַנדערע ליטעראַרישע געזעלשאַפטן האָבן דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון געלט לעטוווּעס אָט דעם איניען. אַ טייל פון דעם דאָזיקן געלט פלעג איבערגעשיקט ווערן קיין קיִעוו, און שאָלעם־אַליי‌כעם האָט אויספאָרמירט די פּולמאַכטן אָף דער פלימעניצע.

וואָס איז שײַעך די „אַדרעסן", וועלכע נאַטאַשע דאַרף ברענגען קיין נערווי, ווען זי וועט קומען אַהין, איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַליי‌כעמס יובילײ. אַ טייל פון די דאָזיקע „אַדרעסן" פלעג אָנקומען קיין קיִעוו, אייניקע — אַפילע געשריבן אין קיִעוו. אין איינעם אַ בריוו צו דעם שרײַבער און פרײַנט נ.־מ. סירקינען, וועלכער האָט דעמלט געוווינט אין קיִעוו און איז געווען אויך אַן אַרײַנגייער צו די מאַזאָרס, שרײַבט שאָלעם־אַליי‌כעם (דעם 6 דעקאַבער 1908), לעמאַשל, וועגן דעם „זייער פרײַנטלעכן אַדרעס", וועלכן די קיִעווער פרײַנט האָבן אים אָנגעשריבן: „דער אַדרעס האָט מיך גערירט ביז טרערן. ס'איז דאָך קיִעוו, און קיִעוו איז דאָך מײַן שטאָט. וואָס מיך קאָסט קיִעוו — מעגן מיר שוין ביידע, איך און איר, פאַרמאָגן. אומעטום זײַן אָף מײַן יאַמטעוו איז דאָך אַ נאַרישקײַט. נאָר דאָס, וואָס איך האָב נישט געקאָנט זײַן אין קיִעוו — דאָס מאַכט מיך זייער טרויעריק!.."

אין דעם ווײַטערדיקן בריוו צו דער פלימעניצע ווערט דער שמועס וועגן דעם יובילײ און וועגן דעם זאַמלען געלט אָף אויסצוקויפן שאָלעם־אַליי‌כעמס ווערק, וועלכע „זײַנען אין אַזעלכע שווערע, קליינלעכע און אומריינע הענט", פאָרגעזעצט.

(נערווי), 7 (20) דעקאַבער 1908

טײַערע נאַטאַשע!

מיר שיקן דיר דאָס צווייטע מאָל בלאַנקן. מיקויעך די נישט געשטויגענע סומעס, וואָס דו שרײַבסט, קאָנען מיר צוגעבן פאָלגנדעס: וועגן באַקו האָט אונדז געשריבן אַלס אַ קלאַנג דובנאָוו פון פּעטערבורג, נאָר מיר ווייסן גאָרניט. אָף אַלע אונדזערע אָנפרעגן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דערווײַל אַ קלאַנג. דער לאָנדאָנער 1־טער אָוונט האָט געגעבן 300 רובל. וועגן דעם 2־טן האָבן מיר נאָך ניט קיין ידיִעס. דאַכט זיך, אַז ער איז אַפילע ניט געווען. ניו־יאָרק קלײַבט זיך ערשט איז אַ וואָך אַרום אָפּמערקן דעם ערשטן יובילײ־אָוונט (דעם 15 (28) דעקאַבער). איך האָב דאָרט אַ סאַך פרײַנט: פּינסקין (אַ שרײַבער) און ליובאַרסקין (אַ קאָמערסאַנט). דער 2־טער קאָן זײַן אַ מער דערפאָלגרײַכער, איידער דער 1־טער. ווײַטער, וואַרשע האָט פאָנדן 2000. און אין לאָדז 650 אין באַנק. קעדיי אויסקויפן אַלע מײַנע ווערק (מיט די גרייטע עקזעמפּליאַרן בא 4000 שטיק), וועט מען דאַרפן האָבן ביז 5000 ר. אָט איז די גאַנצע מײַסע. נעכטן האָט געדאַרפט זײַן אין פּעטערבורג אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט. אייניקע ניט קיין גרויסע סומעס זײַנען צוגעשיקט געוואָרן אונדז אַהער, נאָר, פאַרשטייט זיך, ניט אין אַזעלכע מאָסן, מיר זאָלן קאָנען זאָרגלאָז אָפּלעבן דאָ אַ סעזאָן. מער פון אַלץ קימערט מיך די פראַגע וועגן אויסקויפן די ווערק. זיי זײַנען אין אַזעלכע שווערע, קליינלעכע און אומריינע הענט, אַז איך וועל זיך האַלטן פאַרן גליקלעכסטן מענטשן, אויב דער איניען וועט צו שטאַנד קומען. מײַן געזונט איז ווי אַמאָל. איין טאָג אַ ווונדערלעכער, און אַ צווייטער טאָג — ניט דאָס... נישטאָ קיין אַפּעטיט — דאָס איז ערגער פון אַלץ. נאָר פאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך אָנגענומען 5 קילאָ וואָג, דה. 12 מיט עפּעס פונט. נאָר איך בין דאָך געווען אַ סקעלעט. מיר ציילן שוין די טעג, ווען דו וועסט קומען. פאַר אונדז איז עס אַ גרויסער יאָמטעוו. אָבער פאַרײַס זיך ניט און שרײַב בריוו.

דײַן פעטער שאָלעם־אַליי‌כעם, וואָס האָט דיך ליב.

נערווי, 4 פעוורואַל 1909

טײַערע מאָיִסיי סאַוועליעוויטש און נאַטאַליע יעווסייעוונע!

אַלזאָ, — זײַט איר אויסגעווען אומעטום. געווען אין פּאַריזש, איצטער זײַט איר אין בערלין. באַזונדערס בין איך צופרידן פאַר נאַטאַשען, וואָס זי האָט סאָפּקאָלסאָף דערזען

מײַן פּאַריזש, מיט װעלכן איך שטאָלציר אַזױ. איך האָף, מאָיסײ סאַװעליעװיטש האָט דיר באַװיזן אַלץ, אָנגעהױבן פונעם לוּװר־מוזײ און לוּװר־מאַגאַזין און ענדיקנדיק מיט דער la Grand opera און דער בולװאַר? און די קאַפעען אָװנט־צײַט? עך, נאַטאַשע, נאַטאַשע! װי נישטיק װעט (דיר) אױסזען איצטער קיִעװ נאָכן גלאַנצנדיקן פּאַריזש און ציכטיקן בערלין! פונדעסטװעגן, װען מע װאָלט מיר פאַרגעלײגט אױסצוּװײלן צװישן אָט די דרײַ שטעט, װאָלט איך זיך אָפּגעשטעלט אױף קיִעװ, כאָטש ער שמעקט ניט אַזױ און איז ניט אַזױ װױל אײַנגעאָרדנט. און װאָס אָפּטער איך הער, אַז עס װעט מיר אױסקומען צו לעבן דאָ ניט אײן סעזאָן און ניט אײן יאָר, אַלץ מער ציט מיך אַהין, אַהײם... ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך זיך געפילט אױסגעצײכנט, אַ סך שפּאַצירט אױף דער מאַרינע, נאָך מער געשריבן. בלױז הײַנט האָט די טעמפּעראַטור, דאַכט זיך, אַ שפּרונג געטאָן, אָבער דאָס איז אַ קלײניקײַט. הוסטן הוסט איך אַ סך װײניקער. אַפּעטיט האָב איך. װאָג איז צוגעקומען. װאָס זשע נאָך? דער װעטער בײַ אונדז איז פּאַשעט אַ כּיעס. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט מײַ. נעכטן האָב איך אײַך געשריבן קײן קיִעװ אױך װעגן דעם „ערשטפּעװראַליקן" ליגן אין דער װילנער „יִדישער צײַטונג" אין שײַכעס מיט מײַן יובילײ אין פילאַדעלפיע. בײַ הײַנטצוטאָג איז דאָס אַ רעטעניש. איך פאַרענדיק מײַן בריװ מיט אַ גרוס דער פילגעערטער אַנע לװאָװנע און איך װינטש אײַך און איר אַלדאָס בעסטע.

אײַער סאָלאָמאָן ראַבינאָװיטש.

...עס װערט געמאָלדן אַ סאָלידע פּרעמיע יענעם, װער עס װעט איבערלײענען דאָס אָנגעשריבענע אױף דער פאַרקערטער זײַט.

אױף דער פאַרקערטער זײַט איז אָנגעשריבן:

טײַערע נאַטאַשע און מאָיסײ סאַװעליעװיטש!

איך שיק אַ גרוס. קײן קיִעװ װעל איך שױן אָנשרײַבן אַ גרױסן בריװ. איצטער באַנוץ איך זיך מיט דער געלעגנהײַט און שיק אַ גרוס אַנע לװאָװנען. אַ סך װאַסער אָדער, ריכטיקער, בלוט, איז איבערגעפלאָסן זינט איך האָב געזען אַנע לװאָװנען.

אַלגע.

דער דאָזיקער בריװ, װי אױך נאָך אײנער (פאַרן 11 (24) פעװראַל 1909), װעלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געװאָרן דאָס ערשטע מאָל אינעם זשורנאַל „סאָװעטישע ליטעראַטור" אין 1939, איז זײער כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם־עליכעמען אין יענער צײַט, װען ער האָט זיך געהײלט אין נערװי און זײער געבענקט נאָך דער אַלטער הײם. שױן ניט דאָס ערשטע מאָל שרײַבט ער װעגן דעם צו נאַטאַשען.

אינטערעסאַנט איז אױך דער פאָלגנדיקער בריװ, װעלכן שאָלעם־עליכעם האָט געשריבן צו דער פּלימעניצע דעם 14 (27) פעװראַל 1909 פון נערװי. די ערשטע עטלעכע שורעס אין אָט דעם בריװ זײַנען געשריבן אױף אַ דרוקמאַשינקע און אין יִדיש (אַלע אַנדערע בריװ צו נאַטאַשען האָט שאָלעם־עליכעם געשריבן פון דער האַנט אױף רוסיש מיט זײַן שײנעם, דײַטלעכן פּערלדיקן קסאַװ) און גלײַך איבערגעזעצט אין רוסיש. דאָס האָט שאָלעם־עליכעם געװאָלט זיך באַרימען פאַר דער פּלימעניצע, אַז די פרײַנט זײַנע פון אַמעריקע האָבן אים לעקאָװעד זײַן יובילײ צוגעשיקט אַ יִדישע שרײַבמאַשינקע — צו יענער צײַט גאָר אַ זעלטענע זאַך. װעגן דער דאָזיקער געשעעניש האָט ער גלײַך געגעבן צו װיסן אױך אַנדערע זײַנע נאָענטע. אין אײנעם פון זײַנע בריװ צו זײַן קינפּטיקן אײדעם מיכאל קױפמאַן שרײַבט ער, לעמאָשל (דעם 6 מאַרט 1909): „מיר איז דאָס שרײַבן דורכױס פאַרבאָטן. דערלױבט איז מיר נאָר אױף אַ מאַשין. װאָס זשע טוט גאָט? גיט ער אַרײַן מײַנע ניו־יאָרקער קאָלעגן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז זײ זאָלן מיר קױפן אַ שרײַבמאַשין — אַ מאַטאָנע צו מײַן ליטעראַרישן יאָמטעװ. ריבױנעשעלױלעם! די הענט זאָלן זײ ניט װײ טאָן!". מיט נאַטאַשען טײלט ער זיך מיט אָט דער פרײד נאָך פריִער, װײַזט אױס, גלײַך װי ער האָט די שרײַבמאַשינקע באַקומען, און אָפּגעקלאַפּט איר דעם ערשטן בריװ.

אָט איז ער, דער דאָזיקער בריװ.

נערװי, 14 (27) פעװראַל 1909.

דאָס איז די שרײַבמאַשין, װעלכע מע האָט מיר צוגעשיקט פון אַמעריקאַ: אַ מאַטאָנע צו מײַן 25־יאָריקן יובילײ פון מײַנע קאָלעגן די שריפטשטעלער, — דערװײַל לערן איך

זיך נאָך שרײַבן; האַלעוויַ נאַטאַשאַ זאָל זיך אַזוי גיך אויסלערנען לייענען, ווי איך וועל קענען שרײַבן. א גרוס מישען, מינען, ליוסקען, קאַליען, סירקינען און אַלעמען; אַז איך וועל זיך אויסלערנען שרײַבן, וועל איך אײַך שרײַבן א סאַך מער.

ס. ר.

פון דערפון אַלעם קאָן מען מאַכן אַן אויספיר, וואָס פאַר א טעטיקײַט איז בא מיר איצטער, אַן עמעסער ליטעראַרישער פיבער. וואָס רעדט איר, אַז ווען מע קאָן שרײַבן עטלעכע קאָפּיעס גלײַך, ניט אײַנטונקען קיין פען אין טינט. נידער מיט דער טינט! זאָל לעבן רעמינגטאָן! פאַרן געזונט פון די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטאָרן, הורררא!

וואָס זשע שײַעך דײַנע, נאַטאַשע, פינאַנסיעלע מיינונגען, וואָלטן מיר געהאַלטן אַז דער 2־טער פּלאַן איז מער אָנעמבאַר, איידער דער 1־טער, דה. בעסער האַלטן אין פּראָצענט־פּאַפּירן, און די פּאַפּירן האַלטן אין באַנק.

א פּאָרטרוי־שײַן אויף דײַן נאָמען (אין 2 וואַריאַנטן, ווײַל אַמאָל, ביז דער באַקאַנט־שאַפט מיט מיר, האָסטו געטראָגן א פּאַטעטישן, נאָר א גאַנץ נאַציאָנאַלן נאָמען (כײַע־טויבע־טײַבל־טײַבעלע) לייג איך דאָ צו.

פון יאָהאַנעסבורג (אַפריקע) איז אָנגעקומען א בריוו, אַז דאָרטן איז געווען אַן אָוונט, וואָס האָט געבראַכט ריינע 450 ר. פון זיי האָבן זיי 300 ר. אָפּגעשיקט די ברידער באַכראַך אין וואַרשע און נאָך 150 וועלן אָפּגעשיקט ווערן.

דער ווינטער איז בא אונדז פאַרגאַנגען, און ס׳איז דאָ א האָפענונג, אַז מאָרגן וועט זײַן זומער. בא אונדז טוט זיך עס איינס און צוויי.

אײַער סאָלאָמאָן.

אין דעם ווײַטערדיקן בריוו גייט ווידעראַמאָל א רייד וועגן די געלט־מיטלען, וואָס ווערן גע־זאַמלט צוליב אויסקויפן שאָלעם־עליכעמס ווערק בא די וואַרשעווער פאַרלעגער י. לידסקי, מ. קרינ־סקי און אַנד. א. פּאָדלישעווסקי איז געווען א מיטגליד פון דער קאָמיסיע אויף אויסצוקויפן די ווערק.

נערווי, 2 (15) מאַרט 1909

טײַערע מ(אַיסיי) ס(אַוועליעוויטש) און נ(אַטאַליע) יע(ווסייעווּנע)!

צוליב נאַטאַשען, וועלכע קען ניט איר נאַציאָנאַלע שפּראַך, בין איך געצוווּנגען זיך אָפּזאָגן פון מײַן יידישער מאַשינקע און שרײַבן ליגנדיק מיט א בלײַער.

א פּאָרטרוי־שײַן האָב איך אָפּגעשיקט אײַך אויף צו באַווײַזן דעם קאָנסול. אַזוי־אַרום, איז אַלץ אין אָרדענונג. מיקויעך פּראָצענט־פּאַפּירן פאַרלאָזן מיר זיך פולקום אויף אײַך. איר זײַט אָפּן אָרט — זעט איר בעסער. נאַטאַשע, דו האָסט צוגעזאָגט צושיקן דאָס צעטל פונעם דאָקטער ביכ(אָווסקי). איך דאַרף אים האָבן ניט צוליב א כעזשבן, נאָר צוליב וויסן, פון וועלכע ערטער איז אָנגעקומען געלט. צי זײַנען פאַראַן בא די כעזשבוינעס וועלכע־ניט־איז בריוו, אַפילע אַדרעסירט ניט צו מיר דירעקט? גיב איבער אויך נ.־מ. סירקינען, עפּשער האָבן זיך בא אים אָנגעזאַמלט וועלכע־ניט־איז־ בריוו, וואָס האָבן א שײַכעס צום יובילייַ? וואָס זשע שײַעך דעם עצעם יובילייַ, קומען אָן ביז הײַנט פון אַמעריקע יעדיעס, אַז דאָ און דאָרט האָט מען אָפּגעמערקט און דגל. פון וואַרשע זײַנען דערווײַל ווייניק יעדיעס. ס׳איז געווען א בריוו פון פּאָדלישעווסקין, נאָר א פאַרשפּעטיקטער לויטן אינ־האַלט. דערווײַל איז אונדז באַוווּסט, אַז בא לידסקין זײַנען אָפּגעקויפט 75 בויגנס און אָפּגעצאָלט 2700 ר. אין קאַסע איז פאַראַן נאָך 800 ר. אויף אָפּצוצאָלן („טושיאָ" פאַר 50 בויגנס). מיט קרינסקין איז דערווײַל דער איניען שוואַך. אָן א געריכט וועט מען זיך ניט באַגיין. מיר קלערן ערנסט וועגן דעם, אַז אָלגע זאָל פאָרן קיין וואַרשע אויף א וואָך צײַט. מיר וואַרטן אויף א בריוו. און איך האָב אָט די גאַנצע וואָך געקרענקט טאַקע גאַנץ ערנסט, די טעמפּעראַטור האָט זיך צעלאָזט, נו, און דער קאָפּ, דער הוסט, דער מאָגן — ווי עס מאַכט זיך. שוין גוט דערעסן... וויאַזוי פילט איר זיך נאָך ניצע, מאַיסיי סאַוועליעוויטש? זיך אַרײַנגעוואָרפן אין יאָך מיטן גאַנצן וועזן?.. אויף פּורים האָב איך אָנגעשריבן 2 דער־ציילונגען. אויף פּייסעך — 3. הייסט עס, אַז מיר לעבן, קײַען ברויט. אויף ווידערזען. אַלע־מען א גרוס.

ס.

די דאָקטוירים האָבן אלעמאָל געביטן די ערטער, ווו שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געדאַרפט היילן. צו זומער 1909 איז ער פון נערווי אַריבערגעפאָרן קיין דאַרעם־שוואַרצוואַלד און זיך אָפּגעשטעלט אינעם סאַנאַטאָריום סט. בלאַזיען. אַפן בלאַנק פונעם בריוו צו נ. מאַזאָר און מ. מאַזאָר פון דעם פאָלגנדיקן בריוו פאַרן 11 (24) מײַ 1909 ווײַזט ער אָן דעם אַדרעס, אַף וועלכן מע דאַרף אים שרײַבן.

11 (24) מײַ 1909

טײַערע נאַט(אַליע) יעוו(סייעווּנע) און מ(אַיסיי) סאַוו(עליעוויטש)!

אָט איז אונדזער עמעסער אַדרעס, לעכאַלאַפּאַכעס, ביז אַ שטיקל צײַט. דאָ איז גוט, נישטאָ וואָס צו זאָגן. די פראַגע — וואָס וועט זײַן ווײַטער אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס איך דאַרף האָבן העכער און העכער, אין די בערג. מירן הערן, וואָס עס וועט זאָגן דער גאָט פון מעדיצין — סאַלי? דערווײַל בין איך טאַקע גאַנץ שוואַך. פון דער שווייץ האָב איך געוואַרט מער, און דאָ נאָך די אינפלוענץ, און עפשער ניט די אינפלוענץ? איך האָב ניט ליב זיך נאַרן. און וואָס זאָגן וועגן דעם היגן לעבן? וועגן דער נאַטור? וועגן דער לופט? נאָר דאָס איז שוין ניט קיין נאָווינע. אַ גאַניידן אַף דער ערד, נאָר אַ קורצטער־מיניקער. דערצו נאָך איז דאָס ניט יעדערן צוגעניגלעך. די איינציקע טרייסט, וואָס לעכאַ־לאַפּאַכעס, קיין שום פּריסטאַוו וועט זיך ניט אָנפרעגן וועגן דעם פּאַספּאָרט און פּראַוואָ־זשיטעלסטווע. וואָס איז בעסער — זײַן געזונט, נאָר פאַרטריבן פון בויערקע, אָדער זײַן אַ קראַנקער און פרײַ לעבן אין דער שווייץ? אין אַ פרײַער שאָ לייזט אָט די פראַגע. אַ גרוס סירקינען און די קינדער.

אײַער סאָל(אָמאָן).

אויך אין שוואַרצוואַלד האָט שאָלעם־אַלייכעם לאַנג זיך ניט פאַרהאַלטן. דער פאָלגנדיקער בריוו זײַנער צו די מאַזאָרס איז אָנגעשריבן, האַגאַם אַף אַ בלאַנק פון שוואַרצוואַלד, נאָר שוין פון אַ דײַ־טשישער סאַנאַטאָריום.

שוואַרצוואַלד, 12 יול 1909

טײַערע נ(אַטאַליע) יע(ווסייעווּנע) און מ(אַיסיי) ס(אַוועליעוויטש)!

ווי איר זעט, בין איך אין אַ דײַטשישן סאַנאַטאָריום. דאָס איז קימאַט ווי אין אַ שפּיטאָל. דער רעזשים איז דער סאַמע שטרענגער. און אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט אָנגע־טראָפן אהער גלײַך פון נערווי, האַגאַם דער וועטער איז דאָ געווען און איז אַ רעגנדיקער. איך וואָלט ניט פאַרלוירן אַזויפיל געזונט און אומזיסט געפּאַטערט אַזויפיל צײַט אין דער שווייץ. און דעריקער — ניט באַקומען קיין בראָנכיט, וואָס איך דאַרף אים האָבן אַזוי ווי דו, נאַטאַשע, דײַן קראַסנוכע. זע נאָר, קיין איין קינדער־קראַנקהײַט קאָן דיך ניט אויס־מײַדן. אינגיכן וועלן זיך בא דיר נעמען אויסשנײַדן די ערשטע ציינדעלעך. איך שטעל זיך פאָר, ווי מאָיסיי סאַוועליעוויטש וועט זײַן אַנציקט. און דערווײַל לעב איך, ווי אין אַ מײַ־סעלע; ניט מיט ווערטער דערציילן, ניט מיט דער פּען באַשרײַבן. אַ גאַנצן טאָג אַף דער לופט, אין סאָסנאָוון וואַלד, אונטערן רעגן. קימאַט קיין שום באַוועגונגען. דערנאָך — אײַנרײַבונג, דוש אַאַוו. די שפּײַז איז אָן איינאַרטיקע, נאָר אַ זעטיקע, אַ דײַטשישע די לופט דערמאָנט באָיאַרקער, אָן אַ צומיש פון שלעכטע קלאָזעטן, שטויב און פוילעניש. די הייך איבערן יאַם־ניוואָ — 800 מעטער, אָבער זי פילט זיך ניט אַזוי, ווי אין דער שווייץ. וויפל וועל איך דאָ נאָך איבערפרירן — ווייס איך ניט אַליין. שרײַבן דאָ איז אויסגעשלאָסן. אַ גרויסער אומעט. ניט קיין נודאָטע, נאָר אַ טרויער. דאַכט זיך, שוין וועגן אַלץ. אַ סאַך שרײַבן טאָר איך ניט. בלויז מיט איבעררײַסן, צווישן מיטיק און ליגן.

מיט וועלכע באַלן זײַנען דורכגעגאַנגען אײַערע כלאָפּצעס? מישע איז שוין, אַפּאַ־נעם, אין באַראַנאָוויטש. ליאַליע זאָגט, אַז ער וועט האָבן אַ מאָסע לימודים. אַלגע שרײַבט באַזונדער. איך נעם אײַך אַרום.

ס.

אין דער קאָלעקציע בריוו צו נ. יע. מאַזאָר ווערט מישע, שאָלעם־אַלייכעמס עלטערער זון, דער־מאָנט ניט איין מאָל. נאָר אין זיי איז געגאַנגען אַ רייד וועגן מישען דעם קיִעווער גימנאַזיסט. איצט

ווערט אַנגעוויזן, אַז מישע געפינט זיך צוליב עפּעס אין באַראַנאָוויטש. עפּשער האָט ער דאָרט דעמלט פאַרבראַכט די קאַניקולן־צײַט?

לוגאַנאָ, 24 סעפּטעמבער 1909. ערעוו יאָמקיפּער

טײַערע, ליבע נאַטאַשע!

הײַנט איז אַלע אַוועקגעפאָרן קיין ליוצערנע אויף יאָמקיפּער. פון דאָרטן וועט זי זונ־טיק, אָפּאַנעם, פאָרן מיט מאַרוסיען און טאַמאַרען קיין וואַרשע. די זאַך איז אין דעם, וואָס טיסי אָרדנט זיך אײַן און בערקאָוויטשן אין רוסלאַנד. אַלע מיינט, אַז איר וועט זיך אײַנ־געבן אויך מאַרוסיען ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען בײַ טיסין. ליאַלי האָט כאַסענע איצט נאָך סוקעס (פאַר קויפמאַנען). צוביסלעכווײַז, הייסט עס, ווערט צעשווימט אונדזער מישפּאָכע. מיט מיר זײַנען פאַרבליבן דערווײַל עמאַ, און ווען איך קאָן זיך אײַנגאַנצן ניט באַגיין, ווײַל איך בין איצט שוואַכער, איידער אין שוואַרצוואַלד, און נומטשיק. און וואָס טאָן מיט מיר — ווייס איך אַליין ניט. פון אַלעמען באַהאַלט איך אויס מײַן שוואַכקייט און דיך בעט איך אויך ניט שרײַבן וועגן דעם. און; אויב ס'איז מעגלעך, זאָג אויך ניט מישען. און אויב מישע וועט ווי־ניט־איז זיך דערוויסן, בעט איך אים אויך ניט שרײַבן אַלעמען קיין וואָרט וועגן מײַן קראַנקהײַט. מעגלעך, אַז דאָס איז אַ צײַטווײַליקע שוואַכקײַט, וואָס וועט אי־בערגיין. איך האָב מוירע, עס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן די קראַנקהײַט, דה. דער פּראָ־גרעסירנדיקער פּראָצעס... און עפּשער זײַנען דאָס נערוון, אָדער פּאָשעט ספּלין. ספּלין — דאָס איז אויף ענגליש; און אויף ייִדיש — אָנגעדאָסט אפּן האַרצן... עס ווילט זיך ניט שטאַרבן — דער טײַוול זאָל עס נעמען! פון אַלע נאַרישקײַטן, וואָס איך האָב אופגעטאָן אין לעבן, וואָלט דאָס געווען די סאַמע אומגעהײַערע. און דער וועטער איז דאָ אַ גאַניידנ־דיקער. אַ גרוס מאַיסיי סאַוועליעוויטשן.

דײַן פּעטער ס.

2 (15) נאָיאַבער 1909

טײַערע נאַטאַשע!

בײַ אונדז איז אַ זומערדיקער געוויטער. עס דונערט און עס בליצט. דערפון בין איך, ווײַזט אויס, אַזוי קראַנק. און עפּשער ניט דערפון. אָבער אַלע פאַרלאָזט מיך אין 2 טעג אַרום. זי פאָרט קיין זשמערינקע אויף ליאַליס כאַסענע, וועלכע וועט פאָרקומען פרײַטיק דעם 26/13 נאָיאַבער (איך האָף — הײַנטיקס, 1909 יאָר). עס וואָלט גוט געווען, ווען דו וואָלסט געקאָנט מאַכריוו זײַן איין מעסלעס און צופאָרן אויף דער כאַסענע אָנשטאָט מיך. אַלע פאָרט דורך ווין, און דאָרט וועט זי קויפן פאַר דיר אַ העמד, וואָס זי וועט אָנטאָן אויף זיך, כדי ניט צאָלן קיין צינש. אַ גרוס מאַיסיי סאַוועליעוויטשן און סירקינען.

דײַן פּעטער ס.

אין די לעצטע צוויי בריוו רעדט זיך וועגן ליאַליס, שאָלעם־אַליינכעמס צווייטער טאָכטערס, כאַ־סענע, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין זשמערינקע, אין מיכאַל קויפמאַנס געבורטשטאָט. שאָלעם־אַליינכעם האָט אויף דער כאַסענע ניט געקאָנט זײַן איבערן געזונט־צושטאַנד, נאָר ער נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין אָט דער וויכטיקער געשעעניש. דעם 23־טן נאָיאַבער 1909 שרײַבט ער צו דער טאָכטער:

„ליאַליוק! ס'איז אינגאַנצן דרײַ טעג געבליבן ביז דײַן אַרויסגיין אין טיראַזש. סע וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען עס ווערט מעקוייעם כאָטש אַ הונדערטכײַלעך פון די בראָכעס, וואָס איך ווינטש דיר און דײַן אויסדערוויילטן. נעמט אָן ביידע צו עטלעכע קושן פונעם פּאַפּאַ".

אפן אַנדערן טאָג שרײַבט ער איר ווידער און טיילט מיט, אַז לעקאָוועד איר כאַסענע אָרדנט ער אײַן אין נערווי אַ היימישע סימכע מיט אַ ספּעציעלן קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע זײַנע פרײַנט, וועלכע האָבן זיך געפונען דעמלט אין נערווי, ווי אויך דער מיזיניק נומאַ.

2 אַפּרעל 1911

טײַערער מאַיסיי סאַוועליעוויטש!

אײַער רעקאָמענדירטן (בריוו) און דעם איבערווײַז האָבן מיר באַקומען. 2 שליאַפּעס־פּאַנאַמקעס ווערטיבעל זײַנען אײַנגעקויפט. מיר זוכן אַ געלעגנהײַט, כדי איבערגעבן קיין קיִעוו.

װאָס שײַעך אײַער כעזשבן, איז ער, צום באַדויערן, ניט קײן ריכטיקער און ניט קײן יױשערדיקער. איר זאָגט, אַז איר זײַט ניט אַף אַזױפֿיל אָרעם און מיר ניט אַף אַזױפֿיל רײַך אַזױ. עס קאָן זײַן. נאָר איר האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז ניט קײן רײַכע מענטשן האָבן אױך די רעכט אַרױסצוּװײַזן גאַסטפֿרײַנטלעכקײַט צו יענע, װעלכע זײַנען זײ ליב. נאָר אײַער באַמערקונג אַפֿן קוראַרט פֿאַרװוּנדערט מיך. אױב דאָס װאָלט געזאָגט נאַטאַשע, װאָלט מען ניט געקאָנט אַף איר האָבן פֿאַריבל, װײַל זי קען ניט דעם טאַלמוד. איר האָט אָבער געלערנט דעם טאַלמוד און איר געדענקט, װײַזט אױס, װאָס עס איז געזאָגט װעגן הכנסת אורחים, װען עס גײט א רײד װעגן א תּלמיד חכם: „ואפֿילו עבֿדים רצים לפֿניו".

פֿאַר נאַטאַשען װעט מיר אױסקומען איבערצוזעצן. אױב עס קומט דיר אױס אױפֿצונעמען אין דײַן שטוב א גאַסט און אינטעליגענט, א טאַלמיד־כאָכעם, דאָס הײסט א כאָשעװן, א געגאַרטן גאַסט, דאַרף מען ניט זשאַלעװען פֿאַר אים קײן שום לוקסוס, אַפֿילע װען ער איז געװוּינט, אַז די קנעכט זאָלן לױפֿן פֿאַר זײַן רײַטװאָגן. אַז איר זײַט געװען פֿאַר אונדז א גאַסט א געגאַרטער, האָט איר, האָף איך, קײן סאָפֿעק ניט. דאָס איז א פֿאַקט, װאָס מע קאָן ניט אָפּלײקענען. פֿאַרװאָס זשע װײַזט איר אַרױס א פֿאַרלאַנג אונדז צו שטערן כאָטש מיט עפּעס אָפּצאָלן אײַך מיט א געפֿעליקײַט פֿאַר א געפֿעליקײַט?

אַפֿן סמאַך פֿונעם איבערגעזאָגטן דערלױבט מיר אַרױסצושטעלן אײַך א קאָנטער־כעזשבן:

פֿאַר 2 שליאַפּעס צו 13 = 26

קומט אײַך פֿערזענלעך — $\frac{260}{234}$

װאָס די דאָזיקע סומע האָבן מיר הײַנט אײַך איבערגעשיקט דורכן באַנק.

און װײַטער גײען נערװױשע נײַס — רעכילעס. שאַפּיראָ, גאָט צו דאַנקען, האָט זיך פֿאַפּראַװעט. ער האָט באַקומען נאָך 2 פֿוּד װאָג. די מאַדאַם, פֿאַרקערט, האָט אָנגעװױרן 2 קילאָ — איבער דער „ידישקע", װאָס שלעפּט זײ צו 2 לירעס א װאָך (פֿאַר יעדע 2 לירעס — אַראָפּ 2 קילאָ). שעפּטעל איז פּלוצעם... געװאָרן א כאָכעם! ער פֿאַרמאָגט איצט מעזומען העכער 300 לירעס. און אַז מע האָט געלט, איז מען א כאָכעם. די בערדיטשעװער ײדענעס זײַנען שױן אַװעקגעפֿאָרן. יעליזאַװעטאַ יאַקאָװלעװנאַ האָט זיך אָפּגעזוכט. זי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין עקספּרעס־צוג הינטער רױם. און האָט געדאַרפֿט, געװײנ־לעך, שפּאַנען צופֿוס. נומאַ האָט פֿאַרגעסן, װיאַזױ מע שפּילט אין „טורעם". ער שפּילט איצט אין אינדײצעס, װעלכע צילן אָן זײערע פֿײַלן אין װילדע און טרעפֿן אין ציװיליזיר־טע. נאַטאַשע קען זײַן שפּיז. דאָס איז ניט דער באַװוּסטער שטעקן, װאָס מישאַ הײבט אױף פֿאַר זײַן ריזיקן שירעם, װעלכער פֿאַרטײדיקט אים פֿונעם שאָטן פֿון דער פֿאַרגײענ־דיקער זון. דער שטעקן האָט, װי באַװוּסט, אַן אײַזערנעם היפּשן עקהױט. און אָט האָט דער דאָזיקער אינדײעץ, דאָס הײסט נומאַ, זיך דורכגעגאַנװעט צו די היגע עדענער פֿערד־שטאַלן און פֿון דאָרטן געריכטעט זײַן זיכערע פֿײַל גלײַך מיטן אײַזערנעם עקהױט אין אונדזער באַלקאָן, דורכברעכנדיק דאָס גלאָז, װאָס האָט זיך צעבראָכן אַף שטיקלעך אַף מײַן היטעלע און כאַלאַט (ס'איז געװען 2 אַזײגער באַטאָג), דערשרעקנדיק אַף טױט קױ־דעמקאָל אָלגען, אונדז אַלעמען, שטײנבערגן, דאָבינען, נאָר מער פֿון אַלעמען האָט זיך דערשראָקן דער יעגער זעלבסט און האָט זיך אַזױ צעװײנט, אַז עס איז אױסגעקומען אים באַרױִקן און אַװעקלײגן אין בעט. קײן אומגליק איז מיט די מענטשן ניט געװען. די „ראַקעטע" איז קליגער ניט געװאָרן, נאָר שענער געװאָרן. מע האַלט, אַז זי איז שענער פֿון דער מאַדאַם ש־נג. אָבער דאָס איז מאַיסײ סאָװעליעװיטשן ניט אָנגענעם. מײלע. איך װעל פֿאַרענדיקן.

איך קוש אײַך. ס.

צי האָסטו, נאַטאַשע, גענוג ביכלעך פֿאַר בריװ?

װי באַװוּסט, האָט שאָלעם־אַלײכעם אָנגעשריבן ניט װײניק װערק, אין װעלכע ער שילדערט טיפּן פֿון די „װאַרעמבעדער", װעלכע ער האָט זיך גענוג אָנגעזען בײַס זײַן הײלן זיך אַף די קוראָרטן. אַן אָנדײַט אַף אײניקע זײַנע פּערסאָנאַזשן געפֿינען מיר אין זײַנע בריװ, ביפֿראַט אין די בריװ צו די מאַזאָרס.

אין געגעבענעם בריװ װערן דערמאָנט שאָלעם־אַלײכעמס אײניקע פֿרײַנט, צװישן זײ — שימען דאָבין (1869—1944). דאָ װאָלט עפּשער געװען ניט איבעריק צו ברענגען אַן אױסצוג פֿון ש. דאָבינס זיכרױנעס „שאָלעם־אַלײכעם, װי איך האָב אים געקענט", װעלכע זײַנען געװען פֿאַרעפֿנטלעכט אין

נום. 12 פונעם אלמאנאך „סאָוועטיש" (1941). באמערקנדיק, אז מיט שאָלעם־אַלייכעמען האָט ער אין נערוווי זיך געזען קימאַט יעדן טאָג, שרײַבט ער:

„נאָך וואַרמעס זײַנען מיר געזעסן אין שאָלעם־אַלייכעמס קוואַרטיר — אין בוזשי — געזעסן אַף א באַלקאָן. שאָלעם־אַלייכעם רוט האַלב־ליגנדיק. פון אויבן א ריינער בלויער הימל און פון אַלע זײַטן הויכע בערג. די לופט — א מעכײַע..."

אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָט טאַקע געדאַרפט טרעפן די געשיכטע מיט נומאַס „שיסערײַ".

די ווײַטערדיקע בריוו זײַנען פול מיט אַנדערע אינטערעסאַנטע פּראָטים וועגן שאָלעם־אַלייכעמס טאָגטעגלעכן לעבן און וועגן דעם, אַז אויך דער אַדרעסאַט — נאַטאַשע — האָט זיך געהיילט ערגעץ ניט ווײַט פונעם פּעטער. פון מאָל צו מאָל טיילט זיך שאָלעם־אַלייכעם מיט נאַטאַשען, וויאַזוי גייען זײַנע ליטעראַרישע איניאַנים. ער האָט דעמאָלט געדרוקט אין וואַרשעווער „הײַנט" דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס", און איינעם פון די נומערן פון דער צײַטונג האָט מען קאָנפיסקירט, געפינענדיק אין שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „קראַמאָלע". וואָס איז שײַעך דער פּראָזע „מעגלעך, אַז האַרבסטצײַט וועט זיך באַווײַזן מײַן ראָמאַן אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", איז באַוווּסט, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמאָלט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט וו. ג. קאָראָלענקאָן, דעם פּאַרוואַלטער פונעם בעלעטריסטישן אָפּטייל פון דעם זשורנאַל, וועגן איבערזעצן אַף רוסיש (די איבערזעצונג האָט שאָלעם־אַלייכעם גענומען אַף זיך) און דרוקן זײַן נײַעם ראָמאַן אין דעם דאָזיקן זשורנאַל. נאָר עס האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען.

2 (15) אַפּרעל 1912

טײַערע נאַטאַשע!

ענדלעך וועלן מיר הערן, וואָס עס וועט דיר זאָגן קראַוזע. צי דען וועט אויך ער דיך שיקן קיין שוואַרצוואַלד (קאָן זײַן, קיין באַדענווײַלער)?

הײַנט בין איך געווען אין לאָזאַן בא ראָיען. נאָר בא אים איז נישטאָ קיין אָרט זײַן דער קליניק. עס וועט אויסקומען צו נעמען אַן אָרט אין אַן אַנדער קליניק און אײַנלאַדן אַף א קאָנסולטאַציע ראָיען. די היגע דאָקטוירים מיינען, אַז מע וועט דאַרפן מאַכן אַן אָפּעראַציע, ווײַל קיין שום מיטלען העלפן ניט. אָפּיום באַרויִקט בלויז דעם ווייטיק. מאָרגן וועט זײַן דער דאָקטער — וועלן מיר זען. דערווײַל האָב איך געדונגען (באַדינגלעך) אַן אַמבולאַנס־אווטאָמאָביל (עס קאָסט 90 פראַנק) אַף איבערצופירן די סאַמע נייטיקע זאַכן. נאָר איך האָף, אַז גאָט וועט העלפן, מירן זיך באַגיין אָן לאָזאַן. מאָרגן וועל איך דיר נאָכאַמאָל אָנשרײַבן, איך מיין, אַז צו אָט דער צײַט וועסטו שוין זײַן אין בערלין. און וויאַזוי פילסטו זיך ביכלאַל? איך מיין, אַז קראַוזע וועט דיך האַלטן אין בערלין א וואָך צײַט. ס'איז א קליינער אומגליק, אַבי דערגיין עפּעס א טאָלק. גיב איבער מינען מײַן גרוס. און אַנע לוואָוונען, אויב זי איז אין בערלין, און ווי איז דיר געפעלן ליאַלי מיט איר בעלען? צי דען טרײַבט זי ניט איבער און שאַצט ניט איבער, ווי, אַגעוו, יעדע מוטער? און איך בין שוין אינגאַנצן געזונט און שרײַב א סאַך. מעגלעך, אַז האַרבסטצײַט וועט זיך באַווײַזן מײַן ראָמאַן אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ". איך האָב שוין איבער אים אומאָנגענעמלעכקײַטן: מע האָט קאָנפיסקירט דעם נומער פון דער צײַטונג „הײַנט", און מעגלעך, אַז די ה'ה רעדאַקטאָרן פונעם פאַרלאַג (זיי זײַנען צוויי) וועלן זיך זעצן אַף דער באַשולדיקונגס־באַנק. בא מיר איז געווען א נײַער רוסישער פאַרלעגער פון מאָסקווע, ערשט נאָרוואָס. ספּעציעל געקומען צו פאָרן. ביכלאַל אינטערעסירן זיך די רוסישע פאַרלעגער מיט אונדזער ייִדישער ליטעראַטור. מיר האָבן דערלעבט. נאָר אַלץ פירט זיך אַזוי אַף דער וועלט: שפּעט קומט דאָס גליק, און רום, און אַלץ. צי זעסטו כאָטש בערלין, אָדער „ווער? וואָס?" (ווי עס דריקן זיך אויס מײַנע איבערזעצער).

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

8 (21) מײַ 1912

טײַערע נאַטאַשע!

איך האָב דיר שוין געשריבן, וואָס איז דאָס פאַר א קרענק בא אָלגען. זי רופט זיך „פּלעביט", און קיין רעפּוע איז ניטאָ, אויסער ליגן, געדולד און צײַט. דײַן אויספיר וועגן אָלגעס געזונט־צושטאַנד, וואָס איז באַזירט אַפן סמאַך פון מײַן בריוו־אויסטויש מיט מאַרגאָלינען איז א ביסל א מאָדנער. אָדער מיר האָבן דיך ניט פאַרשטאַנען? דו פרעגסט וועגן

טיסין? זי פֿאָרט קודעמקאָל קיין וואַרשע מיט בערקאָוויטשן אין שײַכעס מיט דער אויסגאבע, ווײַל אַלגע טאָר אפילע ניט טראַכטן וועגן פֿאָרן קיין רוסלאַנד הײַנטיקס יאָר. דערנאָך וועט זי אַרײַנפֿאָרן קיין בערלין, קעדיי זיך אײַצעגנען מיקויעך דעם האָרץ (בא איר איז דאָך ניט אַלץ אין אָרדענונג מיטן האַרץ). פֿון דאָרטן וועט בערקאָוויטש זי אָפּפֿירן זיך באָדן (אין וועג וועט ער, געוויינלעך, פֿאַרפֿאָרן צו אונדז, איבערלאָזנדיק, אָדער ווי זיי דריקן זיך אויס: „אַרײַנוואָרפֿנדיק" אונדז טאַמאַרען, וועלכע מיר וועלן גערן „אונטערכאַפּן"). ליאַלי זשע, נעבעך, מיט איר קראַסאַוויצע בעלען איז דערווײַל געצוווּנגען, איבער אַלגעס קראַנקהײַט, וועלכע האָט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער, זיך מוטשען אין בערלין. זי וועט פֿאָרן, ווײַזט אויס, אַף זומער קיין ליפּקאַן מיט מיכאַילס מוטער, וועלכע געפֿינט זיך איצטער צוגאַסט בא זיי, און דערנאָך בלויז פֿאַרבלײַבן בא אונדז אַף א כוידעש, דאַכט זיך. דער איקער, וואָס אַלגע ליגט — הייסט עס, אַז אַלץ איז ניט גוט, אַלץ גייט קאַפּויר, מיטן קאָפּ אַראָפּ. און דו ווייסט דאָס פֿאַרשטיין, מער קיינער ניט. ווען זשע פֿאָרסטו קיין בערלין? אָט איז ליאַליס אַדרעס:

34 יאָהאַכים פֿריש־שטראַסע, האַלענזעע, בערלין.

מיכאַיל וואָלט געקאָנט מיט דיר זײַן באַם פּראָפֿעסאָר. שעם זיך ניט. דו ווייסט ניט, וואָס פֿאַר א פּרעקטיקער כעוורעמאַן איז אָט דער קויפֿמאַן. און ער איז איצט מער אין קורס פֿון די איניאַנים, א סטודענט־מעדיק און לערנט זיך פֿלײַסיק. די טעג זײַנען איך און עמאַטשקע קראַנק געוואָרן און געלעגן א פּאָר טעג. דו קאָנסט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר א בילד — די שטוב אָן אַלגען און אָן עמען............

איך האָב אוועקגעשטעלט א גאַנצע שורע פּונקטן, וועלכע ריידן מער פֿון וועלכע־ניט־איז ווערטער. באַזונדערס פּאַר דיר. אונדזער שטוב אָן אַלגען און אָן עמען! ניין, דאָס איז לעכערלעך! דאַכט זיך, אַלץ? יאָ, מישע איז אַרײַנגעטראָטן אין לאָזאַנער אוניווערסיטעט, נאָר ער היילט אין לאָזאַן מער דעם האַלדז, איידער ער לערנט זיך אינעם אוניווערסיטעט. און ער איז אינגאַנצן ניט געזונט. נערוון און דעסגלײַכן. ער דאַרף זיך נאָך היילן א גאַנץ יאָר. נומטשיק לערנט זיך אַף 5 (דאָ איז עס 10). מאַרוסיע איז געוואָרן די באַלעבאָסטע. עמעס. זײַ געזונט. ווען און ווו וועלן מיר זיך זען?

סאָלאָמאָן.

לאָזאַן, 9 (22) אָקטיאַבער 1912

טײַע־רע נאַטאַשע!

אַף דער פֿאַרקערטער זײַט פֿונעם קאַרטל איז אונדזער ווינטערדיקער אַדרעס. דײַן באַרישניע בובליק איז געווען בא אונדז אין מאָנטרע אין יענעם טאָג בייס מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן. פֿונדעסטוועגן האָט מען זי אײַנגעאָרדנט אין דעם האָטעל־פּאַנסיאָנאַט „קאַטערער" אין קלאַראַן, גאַנץ גוט און וואָלוול. א העכסט סימפּאַטיש מיידל. נאָר ס'האָט זיך באַקומען א קוריאָז: איך בין — איך ווייס ניט פֿאַרוואָס — געווען איבערצײַגט, אַז זי איז א ייִדישקע און גערעדט מיט איר מער אַף ייִדיש. איך האָב איר דערציילט, אַז זי האָט א קאָרעוו אין ניו־יאָרק געדאַליע בובליק, וועמען איך קען ווירקלעך. זי האָט בלויז געשמייכלט און עטוואָס זיך גערויטלט. מיר וואַרטן אַף בריוו.

דײַן פּעטער ס.

14 מאַרט 1913

טײַערע נאַטאַשע!

מיר וואַרטן אַלץ און וואַרטן פֿון דיר בריוו. מיר האָבן געמיינט, אַז ליוסיע וועט זײַן אַזוי ליבהאַרציק אויך אַף ווײַטער. לאָזט זיך אויס, אַז אויך ער איז אַנשוויגן געוואָרן. א בליץ געטאָן מיט צוויי קאַרטלעך — און שוין.

מיר ווערט פֿון טאָג צו טאָג בעסער. זאָל גאָט העלפֿן, אַז אויך דו זאָלסט געהאָלפֿן ווערן פֿון דײַן קראַנקהײַט, ווי איך פֿון מײַנער. דער וועטער איז א וווּנדערלעכער. אָן אומגליק — גאָרנישט, קיין אָס שרײַב איך ניט. דאָס קימערט מיך א ביסל. נאָר איך זע אַז מיר איז נייטיק אָן אָפּרו, אָן אַבסאָליוטע רו. די סיבע פֿון מײַן קראַנקהײַט (דער לעצטער) — גײַסטיקע איבערגעמאַטערטקײַט. האַגאַם „ווּ איז די אימעניע, ווּ איז דאָס וואַ־



14 III 13

Дорогая Наташа!

Мы ждем – все от тебя, да ждем письма. Думаю, что Люся будет так любезен и впереди. Оказывается, что и он улыбн. Влас.

סער"? ווו זײַנען מײַנע גײַסטיקע פעיִקײַטן און ווו איז מײַן אורין־פענכער? אָבער ס'איז טאַקע אזוי, מיט די דאָקטוירים טאָר מען זיך ניט קריגן. אויב זיי זאָגן אזוי. אַלזאָ, אויב עס איז דיר שווערלעך, זאָל ליוסיע זיך באַמיִען פאַר דיר. א קאַרטל אָנשרײַבן איז גאָר־ניט מיט נישט. מיר וואַרטן.

דײַן פעטער ס.

דאָס איז דער לעצטער בריוו, וואָס געפינט זיך אין דער מאַזאַר־קאָלעקציע, געשריבן פון דאָרעם־אייראָפּע. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פריִער, אַז זינט עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מילחמה, האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט דער מישפּאָכע זיך קוים געראַטעוועט, דערקלײַבנדיק זיך קיין קאָפּענהאַגען. אינעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" איז פאַרעפנטלעכט בלויז איין בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָרט געשריבן צום רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער צײַטונג „וואָרהײַט" לויִס מילערן. דעריבער זײַנען זייער וויכטיק די צוויי פאָלגנדיקע בריוו צו נאַטאַשען. אויפן ערשטן בריוו איז די דאַטע ניט אָנגעוויזן, נאָר לויטן פערזענלעכן בלאַנק, אויף וועלכן ער איז אָנגעשריבן, ווערט געגעבן דער אַדרעס: קאָפּענהאַגען, פּראָווינץ־האָטעל. מע קאָן פעסטשטעלן, אַז געשריבן איז דער בריוו אין סעפּטעמבער 1914.

אין סעפּטעמבער—אָקטאָבער האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט דער מישפּאָכע זיך געפונען אין דער הויפּט־שטאָט פון דענעמאַרק, וואַרטנדיק אויף געלט־הויצאָעס, כּדי זיך לאָזן קיין אַמעריקע. דאָס לעצטע קאַרטל פון קאָפּענהאַגען האָט ער אָנגעשריבן צו דער פּלימעניצע דעם 12־טן נאָיאַבער 1914. אין א וואָך אַרום האָט ער זיך געדאַרפט זעצן אויף דער אָקעאַן־שיף „פרעדעריק־8". דעם 7־טן (20־טן) נאָיאַבער שרײַבט ער שוין נאַטאַשען א קאַרטל דירעקט פון דער שיף.

קאָפּענהאַגען

טײַערע נאַטאַשע!

נאָך דעם, ווי איך האָב אָנגעשריבן סירקינען א טרערן־בריוו, בעטנדיק מיר טעלעגראַפירן וועגן דײַן געזונט, איז אָנגעקומען דײַן רעקאָמענדירטער און דערנאָך א טעלעגראַם. גאָט צו דאַנקען, ווײַל מיר האָבן פאַרלוירן דעם קאָפּ. גאָט וועט העלפן, די מילכאָמע וועט זיך פאַרענדיקן און, פאַרשטייט זיך, מיטן זיג פון רוסלאַנד, — דעמאָלט וועט אַלץ זײַן גוט! נאָר דערווײַל דאַרף מען פאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליק. די פראַגע איז, ערשטנס, ווו נעמט מען געלט? און איך האָב דאָך ניט קיין צדאָקע געבעטן, נאָר א האַלוואָע אונטער זייער גוטע וועקסלען פונעם פאַרלאַג „צענטראַל". צווייטנס, ווו נעמט מען געזונט? בא מיר איז דאָך א נײַע קראַנקהײַט — צוקער־קראַנקהײַט אָן צוקער. דאָס הייסט אָן אומגעהײַערער דאָרשט! די דאָקטוירים זאָגן, אַז דאָס איז א „שאָק", א רעזולטאַט פון נערוון־אָנשטרענגונגען. בײַטן דעם קלימאַט וואָלט געווען פאַר מיר א מין גאַניידן. באַזונדערס איטאַליע. אונדזער געלט־אַדרעס, אויב די בענק נעמען שוין אויף סומעס מער פון 300 רובל, איז דורכן אַזאָווער באַנק מיט א טעלעגראַף־אָנווײַזונג **אויף דער היגער „לאַנדס־מאַנסבאַנק". נאָר מע דאַרף טעלעגראַפיש אונדז מיטיילן וועגן דעם מיט א פּינקטלעכער אָנווײַזונג פונעם באַנק און פון דער סומע. אויב אָבער דורכן באַנק איז נאָך ניט מעגלעך, דאַרף מען טעלעגראַפיש דורך דער היגער גענעראַלער רוסישער מיסיע אָדער קאָנסולאַט. אָבער דורכן באַנק איז באַקוועמער. אין פאַל, אויב מער פון 300 ר. נעמט ניט אָן דער באַנק, דעמאָלט וועט אויסקומען די סומע צעדרויבלען און אַרויסשיקן: צו 300 רובל אויפן נאָמען — מײַנעם, אָלגעס, בערקאָוויטשעס, מישעס, יע. בערקאָוויטשעס (און אַנד.) — און אַלעמען אויפן אַדרעס, וואָס איז אָנגעוויזן אין קעפּל (פונעם בריוו), דה. פּראָווינץ־האָטעל. זײַ מיר מויכל, וואָס איך דול דיר דעם קאָפּ וועגן געלט, וואָס וועט ניט זײַן... און עפּשער וועט זײַן — ווער קאָן וויסן?..**

א גרוס מאָיסיי סאַוועליעוויטשן און די קינדער.

דײַן סאָלאָמאָן.

קאָפּענהאַגען, 12 נאָיאַבער 1914'

טײַערע נאַטאַשע!

פון דער דאָזיקער דאַטע וועלן מיר אין זיבן טעג אַרום (דעם [6] 19 נאָיאַבער) אָפּשווימען אויף דער שיף „פרעדעריק־8" קיין אַמעריקע. נאָר אָנשטאָט 12 מענטשן, ווי מיר האָבן געטראַכט פריִער, פאָרן מיר בלויז 7. מיכאַיִל, ליאַלי און בעלאַ — אין ליפּקאַן. מישע איז אין סאַנאַטאָריע לעבן קאָפּענהאַגען, און עמאַ פאַרבלײַבט אין קאָפּענהאַגען אויף א צײַט. מיר האָפן, אַז מע וועט זיי דורכלאָזן קיין שווייץ. און אויב ניט, וועט אויך זיי אויסקומען צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווי גיך עס וועט דערלויבן דאָס געזונט. דערנאָך האָפן מיר

אלע זיך צונויפזאמלען אין איין פונקט — אין רוסלאנד, וועלכע וועט, אפּאַנעם, ארויס אלס זיגערן פון אַט דער גרויסער מילכאָמע. זײַ געזונט, שטארק דעם גײַסט. א גרוס מאַיסיי סאוועליעוויטשן און די קינדער.

איך קוש.

דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

7 (20) נאָיאבער 1914

טײַערע נאטאשע!

א גרוס דיר און אלע דײַניקע פונעם פאראָכאָד, וועלכער פירט אונדז קיין אמעריקע. דערווײַל איז דער יאם רויק. ווי מיר וואָלטן אין האָטעל געווינט. פון ניו־יאָרק — אויב גאָט וועט העלפן, מירן דערפאָרן בעשאָלעם, — וועלן מיר אײַך געבן א טעלעגראם.

מיר קושן.

סאָלאָמאָן.

אינגאנצן פינף שאָלעם־אלייכעמס בריוו זײַנען פאראַן אין דער מאַזאָר־קאָלעקציע, געשריבן פון אמעריקע אין משך פון א צײַט־אָפּשניט פון דעקאבער 1914 ביז אָקטיאבער 1915. מיסטאמע זײַנען געווען נאָך בריוו, נאָר זייער שפור האָט זיך פארלוירן. די ערשטע בריוו זײַנען פול מיט האָפענונגען, נאָר צוביסלעכווײַז ווערט די באגײַסטערונג באם שרײַבער אויסגעלאָשן. אמעריקע איז עפשער

שאָלעם־אלייכעם און זײַן הויזגעזינד אין אלבעק, דײַטשלאנד, יול 1914.
פון רעכטס אף לינקס זיצן מארוסי, שאָלעם־אלייכעם מיט זײַנע צוויי אייניקלעך טאמארא און בעלא; עס שטײַען: שאָלעם־אלייכעמס פרוי, מישא, עמא,
מיכאל קויפמאן, ליאלי, י. בערקאָוויטש.

גוט, נאָר ער קאָן זיך ניט צופּאַסן צו דעם האַנדל־וואַנדל אַרום ליטעראַטור. שאָלעם־אַלייכעמס טרוים איז: „מיר בעטן גאָט, עס זאָל זיך פאַרענדיקן די מילכאָמע, מיר זאָלן זיך אומקערן אַהיים“.
נאָר זיך אומקערן אַהיים איז אים שוין ניט געווען באַשערט...

ניו־יאָרק, 3 דעקאַבער 1914

טײַערע נאַטאַשע!

פון אונדזער נעכטיקער טעלעגראַם ווייסטו שוין, אַז נאָך אַ צווייוואָכעדיקן שווערן וועג האָבן מיר ענדלעך דערגרייכט די ברעגן פון אַמעריקע. מיר האָבן איבערגעלעבט אַלץ: סײַ אַ שטורעם סײַ אַ הוראַגאַן, סײַ שרעק פאַר מינעןֿ־פאַרצוימונגען. אַלע האָבן געליטן פון יאַם־קראַנקהײַט, אַכוץ מיך. איך האָב געשריבן קימאַט די גאַנצע צײַט. איך האָב אָנגעשריבן אַ פּיעסע פאַר אַן אַמעריקאַנער ענגלישן טעאַטער. אויב זי וועט דורכגיין, וועל איך זײַן אָלרײַט! אויף דעם קאָן מען ניסאַשער ווערן, ניט געקוקט אויף אַלגעס פּעסימיזם. שוין דאָס אַליין, וואָס איך בין פּאָטער געוואָרן פונעם דאַרשט אויף דער שיף, האָט אַ ווערט! אַלע צײַטונגען, סײַ די יידישע, סײַ די ענגלישע, זײַנען פול מיט מײַן קומען. באַגעגנט האָט מען מיך פּאָמפּעז, מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, מיט אינטערוויוען און דגל. און דגל. דער ערשטער אָוונט מײַנער איז דאָ דעם 14־טן. מע זאָגט, אַז אַלע בילעטן זײַנען אויספאַרקויפט, דה. פאַרשריבן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל צײַטווײַליק, און טיסי איז בײַ די בערקאָוויטשעס. מיר זוכן אַ דירע.
א גרוס מ(אָיסיי) ס(אוועליעוויטשן) און די קינדער.
דער אַדרעס איז דערווײַל דער פריערדיקער.
איך קוש.

סאָלאָמאָן.

ניו־יאָרק, 15 דעקאַבער 1914

טײַערע נאַטאַשע!

נעכטן איז געווען מײַן ערשטער אָוונט. אַ שאָד, וואָס מע קאָן נישט שיקן ניט קיין יידישע, ניט קיין ענגלישע אָפּרופן. דאָס איז אַן עמעסער יאָמטעוו. דער ריזיקער קופּער־יוניאָן איז געווען פולגעפּאַקט, נאָר אַ טייזנטקעפּיקער אוילעם איז געבליבן אָן בילעטן, דעריבער פּראָיעקטירט זיך אַ 2־טער אָוונט אין קאַרנעגי־האָל, וואָס איז אויסגערעכנט אויף ביז זיבן טויזנט מענטשן. ס'איז שווער צו באַשרײַבן די פרייד פון די יידן, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט. איך האָב דאָס געוווּסט און זיך געריסן אַהער, נאָר ס'איז ניט געווען פאַר וואָס צו דערקלײַבן זיך אַהער, און העלפן האָט קיינער ניט געוואָלט, קיינער ניט פון אונדזערע רוסיש־יידישע מאַגנאַטן, אַפילע כאָטשבי אין דער פאָרם פון אַ טויווע. דאָס האָט געטאָן אַ דענעמאַרקער ייד, פּראָפעסאָר סימענסען — אַ דאַנק אים. אַנדערש וואָלט אויסגעקומען צו שטאַרבן אין קאָפּענהאַגען! מיר האָבן געדונגען אַ דירע צוזאַמען מיט טיסין. זיך אײַנגעאָרדנט אויפן אַמעריקאַנער אויפן גאַנץ נישקאָשע. בערקאָוויטש האָט באַקומען אַן אָרט פון אַ רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנבלאַט. פון עמען און מישען באַקומען מיר בריוו, וועלכע גייען אַ וואָכן דרײַ. פון ליאַלין האָבן מיר שוין פון לאַנג ניט געהאַט קיין בריוו. מיר, וועלכע זײַנען געוווינט זיך איבערצושרײַבן טאָגטעגלעך! מיר וואַרטן אויף דײַנע בריוו, גוטע בריוו. א גרוס מ(אָיסיי) ס(אוועליעוויטשן) און די קינדער דײַנע.

דײַן פּעטער סאָלאָמאָן.

ניו־יאָרק, 29 דעקאַבער 1914

טײַערע נאַטאַשע!

איך גיב דיר צו וויסן, אַז הײַנט האָב איך געשלאָסן אַן אַגרימענט (אַן אָפּמאַך) מיט דער רײַכסטער יידישער צײַטונג אין ניו־יאָרק פאַר אַ גאַנץ פײַנעם האָנאָראַר: אַ רובל אַ שורע דה. פאַר 10.000 שורעס — 10.000 רובל אַ יאָר. די באַלעבאַטים פון דער צײַטונג זײַנען מירא שאַפּיראָ און אַראָנסאָן.

דער אָנהייב איז ניט קיין שלעכטער, די אַנדערע מײַנע ביזנעסן זײַנען נאָך אין וועג (טעאַטער, איבערזעצונגען, סינעמאַ און אנד.). עס זאָל בלויז זײַן געזונט. נאָך דעם אַנדערן

אַוונט (דעם 9 יאַנוואַר) קלײַב איך זיך אַף אַ וואָכן צוויי קײַן קאַליפאָרניע — די היגע רי־וויערע. אַלגע שרײַבט דיר באַזונדער. אַ גרוס אַלע דײַניקע.

איך קוש דיך.

דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

ניו־יאָרק, 2 סענטיאַבער 1915

אָט אַף דעם אַדרעס דאַרף מען אונדז שרײַבן.

דײַן בריוו האָסטו אומזיסט אַדרעסירט קײַן מאָנטעקלעמען. מיר זײַנען איצטער אין בעלמאַר, באַם יאַם. אַלגע וואַזגעט זיך נאָך אַלץ מיטן פוס. טיסי איז קראַנק געוואָרן אַף גריפּ. ביכלאַל האָט דער זומער אונדז געבראַכט ווייניק פאַרגעניגן. הײַנט וואָלטן געדאַרפט אַרויספאָרן פון קאָפּענהאַגען אַהער עמאַ און מישאַ. מאַרוסיע איז אין שטאָט, זוכט אַ דירע פאַר אונדזער ווינטערדיקער רעזידענץ. ניו־יאָרק איז אַ שטאָט מיט 6 מיליאָן באַפעלקערונג, און אָנשטענדיקע דירעס האָט ער ניט. ס'איז שווער אונדזער ברודער אײַראָפּעיער זיך צופּאַסן צו דעם אַמעריקאַנער אײַגנאַרטיק־העסלעכן לעבן. דער יאַקרעס איז אָן איבעראַשנדיקער. באַקומענדיק 10 טויזנט באַ דער צײַטונג, אַכוץ זײַטיקע האַכנאָסעס, קומען מיר קוים אויס! מיר בעטן גאָט, עס זאָל זיך פאַרענדיקן די מילכאָמע, מיר זאָלן זיך אומקערן אַהיים. שרײַב, שטיי ניט אָפּ. אַ גרוס מ(אָיסיי) ס(אַוועליעוויטשן) און די קינדער.

דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

16 (29) אָקטיאַבער 1915

טײַערע נאַטאַשע !

אורטײַלנדיק לויט דײַן בריוו פאַרן 20 סענטיאַבער, האָסטו נאָך דעמלט ניט געוווּסט וועגן מישעס טויט. איך מיין, אַז פון ליאַלין האָסטו זיך שוין דערוווּסט אין מעשעד פון דעם דאָזיקן כודעש וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן און וואָס צו אויס־דריקן אים האָב איך אַפילע ניט קײַן ווערטער! וואָס זשע שוין זאָגן וועגן אַלגען? בעסער שוין גאָרנישט ניט זאָגן... אויב דו האָסט נאָך ניט געגעבן קײַן אַנאָנס אין דער אָרטיקער צײַטונג („מיסל”) צי וואָלסטו איצטער ניט געגעבן? ער איז געשטאָרבן דעם 29 אויגוסט אין קאָפּענהאַגען, קלײַבנדיק זיך קײַן אַמעריקע, אין עלטער פון 24 יאָר, אַ סטודענט פונעם לעצטן קורס פון לאָזאַנער אוניווערסיטעט. אָט איז אַלץ. 2 וואָכן צוריק האָט עמאָטשקע זיך אומגעקערט אַהער אַליין. אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד — קאָנסטו זיך פאָר־שטעלן. מיר האָבן אַף זיי געוואַרט אינצווייען, און זי האָט זיך אומגעקערט איינע... מער איז נישטאָ וואָס צו שרײַבן און וועגן וואָס צו שרײַבן. איך האָב פאַר אָט דעם יאָר פאַר־לוירן 25 פונט וואָג, נאָר איך האַלט זיך אַף די פיס און אַרבעט אומופהערלעך. אַלגע, איז אַ גרויסער סאָפּעק, צי זי קאָן שרײַבן, אַכוץ אַ גרוס. זײַ געזונט און שרײַב אונדז. פון ליאַלין האָבן מיר פריידיקע בריוו. גאָט צו דאַנקען. טיסי איז מיט אונדז. אַלע זײַנען גע־זונט.

איך קוש.

דײַן פעטער סאָלאָמאָן.

ביטע, פאַרגעס ניט צושיקן דעם נומער פון דער צײַטונג.

דערמיט פאַרענדיקן מיר די פּובליקאַציע פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו זײַן פּלימעניצע נאַטאַ־שע מאַזאָר, וועלכע געפינען זיך אין לענינגראַדער „פּושקין־הויז”. 37 בריוו, וועלכע כאַפּן אַרום אַ צײַט־אָפּשניט פון 1886 ביז 1915 — פון די טעג, ווען שאָלעם־אַלייכעם איז נאָרוואָס אַרויס אַף דער גרויסער ליטעראַרישער וועלט, ביז דעם לעצטן, „אַמעריקאַנער”, פּעריאָד פון זײַן שאַפונג. לויט אָט די בריוו קאָן מען צונויפשטעלן קימאַט אַ פולע ביאָגראַפיע פונעם גרויסן שרײַבער — אַ ביאָגראַפיע פון אַ לעבן, וואָס איז געווען אָנגעזעטיקט מיט פרייד און פּײַן, מיט גליק און ליידן, מיט באַגײַס־טערונג און ייִעש. מיט איין וואָרט, צו דעם, וואָס מיר האָבן ביז אַהער געוווּסט וועגן שאָלעם־אַליי־כעמען, זײַנען צוגעקומען דעטאַלן, וועלכע זײַנען אַוואַדע אינטערעסאַנט פאַר יעדן איינעם, וועמען עס איז ליב און טײַער דער געניאַלער פאָלקס־שרײַבער.

נומאַ ראַבינאָוויטש — נאָרמאַן רייבין

מיט אַ יאָר צען-צוועלף צוריק האָבן די ייִדישע און אויך ניט ייִדישע צײַטונגען פֿון דער וועלט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מיטיילונג:

„אין ניו-יאָרק איז אין עלטער פֿון 77 יאָר געשטאָרבן דער זון פֿון שאָלעם-אליינכעמען נאָרמאַן רייבין (ניומאַ ראַבינאָוויטש).

נ. רייבין איז געווען אַ מאָלער אינעם באַוווּסטן „קאַרנעגי האָל“, ווו ער איז גלײַכצײַטיק געווען באַשעפֿטיקט אַלס לערער פֿון קונסט“.

דער קינסטלער נאָרמאַן רייבין... און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ האָב איך שוין געלייענט וועגן אים, אָבער ווו? איך האָב זיך אָנגעהויבן גריבלען אין זיקאָרן, און ער האָט מיך געבראַכט צו די נאָטיצן פֿונעם אַרטיסט פֿון מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער באָריס יאַקאָוולעוויטש פּעטקער וועגן די גאַסטראָלן פֿון דעם דאָזיקן טעאַטער אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. צווישן אַנדערס האָט ער דערציילט:

... דאָקטאָר ראָטענבערג האָט מיר געייצעט באַזוכן די אַטעליע פֿונעם קינסטלער נאָרמאַן רייבין, וואָס געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿונדאַנען, לעבן „קאַרנעגי האָל“.

— טוט אַ קוק אויף זײַנע בילדער, און דערנאָך וועל איך אײַך דערציילן וועגן אים. נאָר זאָגט ניט, אַז דאָס האָב איך אײַך געשיקט, זאָל זײַן, אַז איר זײַט אַ צופֿעליקער באַזוכער.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין אַטעליע.

— וואָס אינטערעסירט אײַך? — האָט מיך געפֿרעגט אויף ענגליש אַ מענטש פֿון ניט הויכן וווּקס, וועמען איך האָב ניט זייער באַקוקט.

איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל אַ קוק טאָן אויף די בילדער. ער האָט מיך אײַנגעלאַדן, און איך האָב אויפֿגיך באַקוקט עטלעכע לײַוונטן, אָנגעמאָלטע בכלל אין רעאַליסטישער מאַניר, אפֿשר מיט אַ צומיש פֿון באַדינגלעכקײַט. פֿאַרגעבן עטלעכע אַלגעמיינע פֿראַגעס, בין איך אַוועק.

ווען איך האָב זיך דערנאָך באַגעגנט מיט ראָטענבערגן, האָב איך געזאָגט, אַז כ'האָב אים געפֿאָלגט, נאָר ניט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט ער מיך אַהין געשיקט.

— און וואָס האָב איך דאָרט געדאַרפֿט זען?

— גאָרנישט, אַחוץ דעם באַלעבאָס. איר ווייסט, וויאַזוי איז דער עמעסער פֿאַמיליע-נאָמען פֿון שאָלעם-אליינכעמען?

— יאָ, ראַבינאָוויטש.

— און אָט דעם קינסטלער רופֿט מען נאָרמאַן רייבין. איך האָב פּאַשעט געוואָלט, איר זאָלט זען שאָלעם-אליינכעמס לעבעדיקן זון.

— אַ שאָד, וואָס איר האָט מיר גלײַך דאָס ניט געזאָגט. איך וואָלט אים באַקוקט בעסער.

— נאָר איר וואָלט דאַן ניט געפֿונען בײַ אים קיין באַזונדערע מעלות.

— כ'וועל אַרײַנגיין נאָכאַמאָל.

— אַוודאי, אויב עס וועט אײַך פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן.

איך בין ווירקלעך נאָכאַמאָל אַרײַנגעגאַנגען, אָבער שוין ניט געטראָפֿן דעם קינסטלער אין אַטעליע...

באָריס פּעטקער האָט באַזוכט נאָרמאַן רייבינס אַטעליע אין אָנהייב פֿון די 70-ער יאָרן. דעם בוך נאָטיצן וועגן די גאַסטראָלן פֿונעם קינסטלערישן טעאַטער האָט ער אַרויסגעגעבן אין 1976. אָבער נאָך אין גוויסע אײדעס וועגן נאָרמאַן רייבינען האָבן מיר. עס גייט אַ רייד וועגן די רײַזע-נאָטיצן פֿונעם איצטיקן רעדאַקטאָר פֿון וואַרשעווער „פֿאָלקס-שטימע“ אַוורהם קוואַטערקאָ, וועלכע ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין נום. 9 (219) פֿון וואַרשעווער „ייִדישע שריפֿטן“ פֿאַרן יאָר 1966 „אין הויז פֿון שאָלעם-אליינכעם“. ער באַשרײַבט זײַן באַזוך אין הויז אויף 100 לענאָקס-אַוועניו אין ניו-יאָרק, ווו שאָלעם-אליינכעם האָט אַ געוויסע צײַט נאָך זײַן קומען קיין אַמעריקע געוווינט און ווו אין דער צײַט, ווען א. קוואַטערקאָ האָט באַזוכט אָט דאָס הויז, האָבן געלעבט שאָלעם-אליינכעמס טאָכטער מאַרי און איר מאַן בענציען גאָלדבערג.

ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם-אליינכעם אין זײַן צוואָע פֿאַרזאָגט, אַז זײַנע אייגענע זאָלן אין טאָג פֿון זײַן יאָרצײַט זיך צונויפֿקלײַבן, אויסקלײַבן עפּעס אַ מעשה פֿון זײַנע מעשהלעך פֿון די סאַמע פֿריילעכע, און פֿאָרלייענען עס אין וואָסער אַ שפּראַך ס'וועט זיי זײַן מער פֿאַרשטענדלעך. אין יענעם טאָג, דעם 13-טן מײַ 1966, אין טאָג פֿון שאָלעם-אליינכעמס יאָרצײַט, האָבן אין ניו-יאָרק זיך צונויפֿגעקליבן, ווי עס דערציילט א. קוואַטערקאָ, שרײַ-

שאָלעם־אַלייכעם און זײַן זון נומאַ (לייקוואוד, ניו־דזשערסי, ווינטער 1915)

בער און געלערנטע, און צווישן שאָלעם־אַלייכעמס אייגענע איז בײַגעווען נאָרמאַן ראַבע (ראַבינאָוויטש), דער באַוווּסטער קינסטלער, לערער פֿון דער קונסט־סטודיע אין „קאַרנעגי האָל". און נאָכאַמאָל שרײַבט ער וועגן אים: „שאָלעם־אַלייכעמס אייניציקער זון איז אַ קינסטלער־פּלאַסטיקער און לערנט מיט שילער די דאָזיקע קונסט".

נאָכעם־נומאַ ראַבינאָוויטש, אָדער אױפֿן אַמעריקאַנער אױפֿן — נאָרמאַן רייבין, איז דעמאָלט נאָך געווען ניט קיין גאָר אַלטער מענטש — אינגאַנצן 65 יאָר. ער האָט נאָך געדאַרפֿט לעבן מער פֿון צוועלף יאָר, און ווען די וועלט וואָלט געווען מער אויפֿמערקזאַמער צו זײַן פּערזענלעכקײַט, וואָלטן מיר עפּשער געוווּסט אַ סאַך מער וועגן אים. דערווײַל מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס עס איז יאָ באַוווּסט און וואָס אַ נײַעם שטויס דערצו האָבן געגעבן שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, צו זײַן זון מישע און צו דער פּלימעניצע נאַטאַשע מאַזאָר, וועלכע פֿאַרהיטן זיך אין לענינגראַדער „פּושקין־הויז". נומאַ ווערט אין זיי זייער אָפֿט דערמאָנט. און אויב צוגעבן אַ ריי דעטאַלן, וועלכע ווערן דערמאָנט אינעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך", באַקומט זיך אַ גאַנץ קלאָרער פּאָרטרעט פֿון שאָלעם־אַלייכעמס מיזיניק ביז זײַן 15־יאָריקן עלטער, דאָס הייסט ביזן 1916, ווען דער שרײַבער איז געשטאָרבן.

נומאַ איז אַלט 3 יאָר, און דער פֿאָטער שרײַבט אים פֿון אָדעס (דעם 21 אויגוסט 1904):

„נומטשיק מײַן טײַערער! איך האָב דיר געקויפֿט: 4 פֿערדלעך, 1 פֿײַפֿעלע, 1 האָנעכל, 2 קריגעלעך, 1 שאָלעכל, 1 טעצעלע, 6 סאָלדאַטלעך רוסישע, 2 יאַפּאַנצעס. און אויך אַ זייגערל, און קאָנפֿעטן. אַף ווידערזען!" (פֿאַרוואָס רוסישע און יאַפּאַנישע סאָלדאַטלעך — איז פֿאַרשטענדלעך: עס גייט די רוסיש־יאַפּאַנישע מילכאָמע).

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1904:

„וואָס מאַכט נומטשיק? ער פֿאַרשטייט, אַז איך בין אַוועקגעפֿאָרן?" (שאָלעם־אַלייכעם איז דעמאָלט געווען אין ווילנע — ער האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַרויסגעבן אַ ייִדישע צײַטונג).

דעם 15־טן נאָיאַבער 1904 (פֿון פּעטערבורג):

„וואָס מאַכט נומטשיק? ווי עס טוט מיר וויי מײַן האַרץ, אַז איך זאָג אַרויס אָט דעם נאָמען! ווי דערלעב איך שוין אײַך צו זען..."

דעם 22־טן אָקטיאַבער 1905 (פֿון קיִעווער האָטעל „אימפּעריִאַל", וווּ שאָלעם־אַלייכעם האָט מיט אַ טייל פֿון זײַן מישפּאָכע זיך געראַטעוועט פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס):

„מע האָט באַדאַרפֿט זען נומטשיקן אױפֿן פּאָגראָם!.."

די ערשטע דערמאָנונג, אַז אין נומאַן באַווײַזט זיך אַ טאַלאַנט פֿון אַ קינפֿטיקן קינסטלער, געפֿינען מיר בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין זײַן טאָגבוך, וואָס ער האָט געשריבן אַף דער שיף „סט. לויִס", ווען ער, זײַן פֿרוי אָלגע און דער ייִנגערער זון זײַנען געפֿאָרן צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע. דער טאָגבוך איז דאַטירט דעם 16־טן אָקטיאַבער 1906:

„נומטשיק כאַפּט זיך אויף מיט אַ פֿראַגע: וווּ זײַנען מיר? ער וויל ניט קיין אַמעריקע, ער וויל קיין זשענעווע. דאָס האַרץ ווערט פֿאַרקלעמט פֿון ווייטיק... אויפֿשטיין ווילט זיך ניט, נאָר נומטשיק האָט זיך אָפּגעבעטן. מיר האָבן אים אָנגעטאָן ליגנדיק. איצט זיצט ער

אַף דער ערד, זיפּצט, שפּילט אין דאָמינאָ אַליין מיט זיך און מאָלט אָן אַן אופהער..."

און אין דעם זעלבן טאָגבוך:

„איר וואָלט באדארפט זען נומטשיקן, ווי ער האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין קאבינע אַף דער ערד צווישן די בעטלעך, אָפּגעצאמט זײַנע מאיאָנטקעס. עס זיצט זיך א קינד און זינגט זיך: „אָקעאן! אָקע־אן!"

געקומען קיין אמעריקע, נעמט זיך נומא גאנץ ערנסט פאר זײַן מאָלערײַ. דאָס ווערט זײַן באליבטע שפּיל, און שאָלעם־אלייכעמען געפעלט עס זייער: עפשער וואקסט טאקע אין זײַן מיזיניק א באגאבונג פון א קינסטלער. דעם 3־טן מארט 1907 שרײַבט ער צו די קינדער פון ניו־יאָרק:

„איך שיק אײַך נומטשיקס צייכענונגען — זײַן איינציקע אונטערהאלטונג. אך, ווי ער בענקט נאָך אײַך!.."

בא נומאן איז גרויס דער אינטערעס צו דער נאטור, צו אלע שיינקײַטן, וואָס זי פארמאָגט. אין נערווי האָט ער באזונדערס אויסגעטיילט א פעלדז, וועלכן ער האָט אָנגערופן „רוסישער פעלדז". דעם 1 (14) נאָיאבער 1908 שרײַבט שאָלעם־אלייכעם צו דער פּלימעניצע נאטאשע:

„אלזאָ, דו קלײַבסט זיך קיין נערווי? מיר טרוימען שוין וועגן יענער צײַט... נאומטשיק קלײַבט זיך דיר באווײַזן דעם „רוסישן פעלדז" — די איינציקע מערקווירדיקײַט אין נערווי".

ס'איז געקומען די צײַט, נומא זאָל זיך אָנהייבן לערנען, און די עלטערן, וועלכע געפינען זיך אין נערווי, באגלייטן אים קיין לאָזאן. דעם 26־טן מארט 1914 שרײַבט שאָלעם־אלייכעם צו נומאן פון נערווי:

„טײַערער נומטשיק! איך באגריס דיך מיט דײַן ארײַנטרעטן אין גימנאזיע (קאָלעדזש) און ווינטש זיך און דער מאמען, מיר זאָלן דערלעבן צו דײַן ארײַנטרעטן אין אוניווערסיטעט און צו דײַן ענדיקן אים. אַף דײַן בארמיצווע וועל איך, פארשטייט זיך, קומען צו פאָרן".

צו דער בארמיצווע פון זײַן מיזיניק גרייט זיך שאָלעם־אלייכעם טאקע זייער ערנסט. און דאָ באקומט ער פּלוצעם א בריוו פון דעם קיִעווער מויעל מוישע באראָטשין, וועלכער דערמאָנט שאָלעם־אלייכעמען אזא געשיכטע. מיט דרײַצן יאָר צוריק, ד.ה. אין 1901, ווען שאָלעם־אלייכעם האָט נאָך געוווינט אין קיִעוו, האָט ער אפן בריס פון זײַן ייִנגסטן זון איבערגעגעבן באראָטשינען א פלאש „קארמעל"־ווײַן, ער זאָל זי באהאלטן בא זיך אין קעלער א פארכאסמעטע און אין דרײַצן יאָר ארום, צו נומאס בארמיצווע, וועט מען די פלאש עפענען און טרינקען לעכאַיִם אַף דער סימכע. דעריבער האָט דער קיִעווער מויעל זיך אָנגעפרעגט בא שאָלעם־אלייכעמען: ערשטנס, צי לעבט זיין בריסניק, און צווייטנס, צי וועט שאָלעם־אלייכעם, וווינענדיק אין אויסלאנד, פראווען די בארמיצווע פון זײַן זון. און דריטנס, וואָס זאָל ער טאָן מיט דער אָפּגעהיטער פלאש ווײַן?

שאָלעם־אלייכעם ענטפערט באראָטשינען האלב־ערנסט און האלב אין שפאס, ווי געוויינלעך:

„אײַער ליבער בריוו, רעב מוישע, האָט מיר געבראכט פיל פרייד און פיל אגמעסנעפעש.

געפרייט האָב איך מיך, וואָס מיר ביידע האָבן דערלעבט די בארמיצווע פון מײַן מיזיניקל, וועלכן איר האָט אזוי קונציק אָפּערירט, אז ער קאָן שוין איצט ניט ארײַן נישט אין קיין שום רישעשע גימנאזיע, נישט אין קיין שום רישעשן אוניווערסיטעט, אימירצעשעם, און אפילע איבערנעכטיקן א נאכט אין אײַער הייליקער שטאָט קיִעוו טאָר ער שוין אויך ניט. און א סוואָרע, אז אפילע אַף דער סלאָבאָדקע וועט ער שוין אויך באלד ניט טאָרן... האקלאל, איר האָט אים געמאכט פאר א לײַט. און ער וועט אײַך קיינמאָל ניט פארגעסן די טויווע, וואָס איר האָט אים געטאָן מיט דער אָפּעראציע... איר זאָלט זען א יונגאטש! הויך און שיין און געזונט, קיינעןהארע, און א שקאָץ, קיינעהאָרע, לערנט, קיינעהאָרע, דער ערשטער צווישן די שווייצארישע גאָיִם אין קאָלעדזש (גימנאזיע), און שפּילט שאָך מיט גרויסע שפּילערס און גיט זיי א בערדע, און לייענט ייִדיש און לאָשנקוידעש אינדערהיים, באם לאָזאנער ראָוו, וואָס קען נישט מער, אָבער נישט ווינציקער, וויפל בא אונדז א באהעלפער בא א דארדעקע־מעלאמעד, — האקלאל, עס וואקסט א ייִד מיט גאָטס הילף..."

וואָס שײַעך דעם אגמעסנעפעש, וואָס שאָלעם־אלייכעם האָט געהאט פונעם מויעלס בריוו, דערקלערט ער דאָס אזוי:

„סטײַטש, איר קענט מיך, דאכט זיך, פון א יאָר מיט א מיטוואָך, — איר זאָלט מיר שטעלן אזא שײַלע, צי האלט מען נאָך בא מיר פונעם מינהעג פון בארמיצווע? איז איין מאָל אוועק. וועהאשייניס, איר זאָלט מיך אפילע ניט קענען פערזענדלעך, נאָר גלאט וויסן, אז איך בין עפּעס מיט גאָטס הילף א שטיקל שרײַבער באם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט ליב דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק האָט אים, דאכט זיך, אויך ניט פײַנט, — בא שאָלעם־אלייכעמען זאָל מען ניט האלטן פונעם מינ־



רעפּראָדוקציע פון אן אייל־בילד, געמאָלט פון שאָלעם־אַלייכעמס זון נומא ראַבינאָוויטש (נאָרמאַן רייבין)

העג באַרמיצווע? און אז ניט קיין שרײַבער — גלאַט א ייִד, וואָס איז ניט פרעמד אין די קליינע אויסיִעס, דאַרף געדענקען דעם פּאָסעק: לילה ויום קיץ וחורף וכו׳ וכי׳. אז ס׳איז יאָ אזוי, דאַרף מען אײַך אָפּצאָלן דערמיט, איר זאָלט וויסן, אז אָט דער שייגעץ טראָגט א טאַלעסקאָטן פון קליינווײַז אוף, ווערט ניט אנשלאָפן ביז ער זאָגט ניט אָפּ „שמע ישראל", דאָס זעלבע אינדערפרי פאַרן קאָלעדזש. און אנו, פּרוּווט אים געבן, אדראַבע, פּייסעך זאָל ער עסן כאָמעץ! אָדער גלאַט לאָז עמעצער זאָגן א שלעכט וואָרט אף א ייִדן! איך בין ניט מעקאַנע יענעם גאָי, וואָס זאָל אים זאָגן „זשיד"! א גליק, וואָס בא אונדז הערט מען עס ניט לעסאטע..."

און דער סאמע איקער:

„די באַרמיצווע איז אקוראַט שאבעס ראָש־כוידעש ניסן פּאַרשע וואַיִקרא, דעם 28 (15) מאַרט. נאָר מיט א טנײַ: אויב איך וועל קאָנען זיך אויסדרייען פונדאנען אהיים קיין לאָזאַן ביז יענעם שאבעס, אניט וועלן מיר פּראַווען די באַרמיצווע מיט א וואָך שפּעטער, שאַבעס האַגאָדל. מײַן באַרמיצווע איז אויך געווען שאבעס האַגאָדל, כאָטש געבוירן בין איך אין פּעוואָראַל... דער כילעק איז נאָר, וואָס איך האָב געזאָגט א דראָשע, א גאַנצן שיר, א געדרייטן, א געפלאָכטענעם, אף אונדזער ייִדיש, און מײַן בען וועט אנדערש דאַרשענען, אף אן אנדער לאָשן — איך ווייס ניט, וועלכע דראָשע איז בעסער..."

און ענדלעך, מיקוייעך דעם פּלעשל ווײַן. שאָלעם־אַלייכעם שרײַבט, אז ער וועט זיך אייצענען מיט דער אָרטיקער טאַמאָזשנע, צי מע קאָן איבערשיקן פון קיִעוו קיין שווייץ אזא זאַך, און אויב ניט, זאָל דער קיִעווער מויעל אופּעפענען דאָס פלעשל, אָפּטרינקען א קויסע לעקאָוועד נומאס באַרמיצווע, דערנאָך דאָס פלעשל גוט פאַרקאָרקעווען, און ווען ער, שאָלעם־אַלייכעם, וועט נאָך פּייסעך זיך אראָפּכאַפּן פון זײַן נעסיִע איבער „ריסנלאנד" קיין יעהופּעץ, וועלן זיי שוין דאָס איבעריקע אויסטרינקען...

פאַרבעטנדיק די בערקאָוויטשעס און די קויפמאַנס אף נומאס באַרמיצווע, שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם צו זיי פון לאָזאַן דעם 1־טן אפּרעל 1914:

„אך, ווען טאַמאַרקע זעט נומאַן אין דעם פּאָרמעלן היטל! און ווי הויך ער איז אויסגעוואַקסן! און ווי שיין ער איז געוואָרן! א פּאַרשוין!"

אף דער סימכע האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרבעטן ניט בלויז די אייגענע, נאָר אויך זײַנע נאָענטסטע פרײַנט. איינער פון זיי, דער דאָקטער גערשן לעווין, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס: „אף שאבעס־האַגאָדל איז שאָלעם־אַלייכעם צוריקגעקומען קיין לאָזאַן, און איך האָב דערהאַלטן פון אים אָט די קאַרטע: „שאָלעם־אַלייכעם האָט די ערע אײַנצולאַדן אײַך צו דער באַרמיצווע פון זײַן זון נומא (נאָכעם) הײַנטיקן שאבעס (שאבעס־האַגאָדל) 4־טן אפּרעל 1914, אין דער סינאַגאָגע, $8\frac{1}{2}$ אינדערפרי פּרעציז, און 4 אזייגער אף טיי, פּאַנסיִאָן העליִאָט".

קיין קיִעוו האָט שוין שאָלעם־אַלייכעם זיך ניט געקאָנט דערקלײַבן. מיט נומאס מויעל האָט ער זיך ניט באַגעגנט. עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און קיין קיִעוו איז שוין געווען א סאך ווײַטער, איידער פון לאָזאַן — שאָלעם־אַלייכעם איז אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע. און דער מיזיניק, וועלכן אלע אין דער מישפּאָכע האָבן גערופן „דאָס קינד", אויך מיט אים. דעם 15־טן אפּרעל 1915 שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם פון ניו־יאָרק צו דער טאָכטער עמאַ:

„בא אונדז האָבן אלע קעסיידער איבערגעקרענט. ערשט נעכטן איז געווען דער ערשטער טאָג, וואָס דאָס קינד איז אופגע־

שטאַנען. ער איז שוין פֿון מײַן וווּקס, רעדט ענגליש, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן..."

אין די ווײַטערדיקע בריוו:

„נומא האָט דרײַ באַשעפטיקונגען: 1) ער לייענט ווערביצקאַן, 2), בײַסט די נעגל און 3) שפּילט אין שאָך. זאָל ער נאָך שרײַבן בריוו?" (7 יול 1915).

„נומטשיק איז אויך דערשלאָגן (פֿון מישעס טויט). אויך ער האָט באַגריפֿן אונדזער בראָך (מ ײַ ן אָ ר ע מ ע ר ב ע ן־י אָ כ י ד אַצינד!)" (21 סעפּטעמבער 1915).

„נומא האָט זיך אַזוי אויסגעצויגן, אַז ס'איז שווער אים צו דערקענען". (14 אָקטאָבער 1915).

צו זײַן פֿרײַנט, דעם שרײַבער מאָרדכע ספּעקטאָר שרײַבט ער דעם 2־טן נאָוואַבער 1902:

„דאָס באַשעפֿעניש־ל (געמיינט נומאַן) האָט אָנגעטאָן אַ גימנאַזיסטיש קאַשקעטל — זאָלסט אים זען, וואָלסטו געוועזן די קאַפּאָרע!"

און ווידעראַמאָל וועגן נומאַס טאַלאַנט צו מאָלערײַ. דעם 28 מײַ 1915 שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם צו מענדעלע מוכר־ספֿרימען:

„נומא, דער מיזיניק, איז אַזאַ מאַזיק אַף ענגליש רעדן, אַז מע קאָן מיינען — ס'איז אַן אַמעריקאַנער! ער האָט אַ טאַלאַנט צו מאָלן, און שטעלט אײַך פֿאָר — ער מאָלט קאַריקאַטורן".

אין שײַכעס דערמיט איז אינעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" פֿאַראַן אַן אָנמערקונג: „שאָלעם־אַלייכעמס זון האָט יִנגלווײַז געהאַט אַ נייגונג צו מאָלן קאָמישע פֿיגורן, און שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דעם געזען אַ יערושע־זאַך. איצט (עס גייט אַ רייד וועגן דעם יאָר 1926, ווען עס איז דערשינען די ערשטע אויפֿלאַגע פֿונעם „שאָלעם־אַלייכעם־בוך"), גיט זיך דער יונגער מאָלער אָפּ מיט מאָלערײַ פֿון ערנסטן כאַראַקטער".

דאָס לעצטע מאָל דערמאָנט שאָלעם־אַלייכעם דעם יִנגסטן זון אין זײַן צוואָע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דעם 19 סעפּטעמבער 1915, נאָך דעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם טויט פֿון זײַן עלטערן זון מישע:

„אָף מײַן קייווער און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָר און שפּעטער אַלעמאָל צום יאָרצײַט זאָל מײַן איבערגעבליבענער איינציקער זון, ווי אויך מײַנע איידעמס, אויב זיי ווילן וועלן, זאָגן נאָך מיר קאַדיש..."

צום באַדויערן, איז אונדז גאָר ווייניק באַוווּסט וועגן נומא ראַבינאָוויטשעס ווײַטערדיקן לעבנס־וועג נאָכן טויט פֿון זײַן פֿאָטער. מיר ווייסן בלויז דאָס, וואָס עס איז פֿאַרצייכנט אין אָט די נאָטיצן. אַוודאי וואָלט געווען גוט, ווען מיר וואָלטן געקאָנט דערציילן וועגן דעם קינסטלער נאָרמאַן רייבין און אַפֿילע באַווײַזן זײַן שאַפֿונג. דערווײַל קומט אויס זיך באַנוגענען מיטן פּאָרטרעט פֿון זײַן פֿאָטער, וואָס ער האָט אָנגעמאָלט פֿאַרן „שאָלעם־אַלייכעם־בוך".

„די אומשולדיקע קראַסאַוויצע מיטן אויסערגעוויינלעכן סייכל"

אין שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו נאַטאַשע מאַזאָר, וואָס געפֿינען זיך אין לענינגראַדער „פּושקין־הויז", ווערט זײַן טאָכטער ליאַלי (סאָרע) דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט דעם 12־טן יול 1909 אין שײַכעס מיט דעם, וואָס די טאָכטער געפֿינט זיך דעמלט אין באַראַנאָוויטש און טיילט מיט פֿונדאַרטן, אַז מישע, וועלכער איז אויך דאָרט אָף קאַניקולן, וועט האָבן אַ מאַסע לימודים.

דאָס צווייטע מאָל שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם צו נאַטאַשען וועגן דער זעלבער טאָכטער דעם 24־טן סעפּטעמבער אין דעם זעלבן יאָר: „ליאַלי האָט איצט נאָך סוקעס כאַסענע (פֿאַר קריפּמאַנען). צוביסלעכווײַז, הייסט עס, ווערט צעשווימט אונדזער מישפּאָכע".

אין אַ בריוו פֿאַרן 15־טן נאָוועמבער 1909 בעט ער נאַטאַשען, זי זאָל אָנשטאָט אים פֿאָרן קיין זשמערינקע אָף ליאַליס כאַסענע.

ווען בײַ ליאַלין ווערט געבוירן דאָס ערשטע קינד, איז שאָלעם־אַלייכעם אָפֿן זיבעטן הימל. דאָס צווייטע מאָל ווערט ער אַ זיידע. דאָס קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן בעלאַ, און שאָלעם־אַלייכעם שיקט אָפּ אַ ספּאַסיקן בריוו צו זײַן טאָכטער און איר מאַן

מיכאל (מיקאעלא) קויפמאַן:

דאָס, וואָס אונדזער מיקאעלא
זינגט: ער האָט א טאָכטער בעלא —
בין איך אים מוילל.
בעלא איז אף איטאַליעניש „שיין" —
לאָז זי אייך וואַקסן, זײַן מאָלע כיין
און טאָקע האָבן סייכל.
נאָר דאָס, וואָס איר האָט מיך געמאַכט
(צום צווייטן מאָל שוין) פאַר א זיידן —
האָב איך מיך שטאַרק פאַרטראַכט:
איך קאָן ניט מויכל זײַן אײַךביידן..

די עלטערן קאָנען זיך ניט אָפּלויבן אף דער שיינקײַט און אפילע אפן „אויסערגעווינלעכן סייכל" פון זייער ערשטלינג, און שאָלעם-אלייכעם וואַרט מיט אומגעדולד אף דער ערשטער באַגעגעניש מיטן צווייטן אייניקל. אין א בריוו צו די קויפמאַנס פון באַדענווײַלער שרײַבט ער דעם 15־טן מײַ 1911:

„ליאַלי, איך בין דיר א באַלכויוו אינצווייען: ערשטנס, ביסטו ערשט נעכטן געווען אן אימענינצע, צווייטנס, ביסטו אן ערשטלינג-מוטער. ס'איז אײַנגעפירט, אז א געווירן שיקט מען מאַטאָנעס. איז אָט וואָס: דאָ האָט זיך געעפנט לעבן דער אַפּטייק א קלייט, אויסשליסלעך פון מאָדישע דאַמען-זאַכן. בעלאַס ביידע מומעס (עמאַ און מאַרוסי) ווען דיר באַשטעטיקן, אז מע קאָן אַראָפּ פון זינען פון דעם דאָזיקן קלייטל! אַלצדינג איז דאָרטן איבערנאַטירלעך! וועל איך אַרײַנגיין מיט דיר, און דו אליין וועסט זיך אויסקלײַבן אַלצדינג, וואָס דיר וועט זיך פאַרגלוסטן, קיין אָפּזאָג וועט ניט זײַן. און אויך פאַר בעלאַן וועט זיך דאָרט עפּעס געפינען. איך שפּאַס ניט. דו זע נאָר צו געזונט ווערן און קום צו פאָרן וואָס גיכער מיט דײַן „אומשולדיקער קראַסאַוויצע מיטן אויסערגעווייינלעכן סייכל". און וואָס ס'איז שײַעך דיך, איז ליבשאַפט צום קינד מאַכט א יונגע מוטער טויזנט מאָל שענער. איך קוש אײַך דרײַען און פיל א געוויסע סימפּאַטיע צו א געוויסן קליינעם נעפעשל, וואָס האָט נאָך ניט צײַט געהאַט רעכט צו באַטראַכטן די דאָזיקע שיינע וועלט פון גאָט".

דערווײַל האָט שאָלעם-אלייכעם ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו זען זײַן אייניקל, נאָר ער טראַכט די גאַנצע צײַט וועגן איר. צו נאַטאַשע מאַזאָר, וועלכע האָט, אַפּאָנעם, יאָ געזען ליאַלין מיט איר ערשטלינג, שרײַבט שאָלעם-אלייכעם דעם 2־טן (15־טן) אַפּרעל 1912:

„און ווי איז דיר געפעלן ליאַלי מיט איר בעלען? צי דען טרײַבט זי ניט איבער און שאַצט ניט איבער, ווי, אַגעוו, יעדע מוטער?"

דעם 8־טן (21־טן) מײַ 1912 שרײַבט ער דער פּלימעניצע ווידער:

„ליאַלי זשע, נעבעך, מיט איר קראַסאַוויצע בעלען איז דערווײַל געצוווּנגען, איבער אַלגעס קראַנקײַט, וועלכע האָט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער, זיך מוטשען אין בערלין".

דעם 10־טן יאַנוואַר 1914 שרײַבט ער צום אייניקל טאַמאַרע:

„גיב איבער א גרוס דער פרוי בעלע קויפמאַן. זאָג איר, אז זי שרײַבט פּונקט ווי א הון אפן זאַמד". (בעלא איז דעמאָלט געווען דרײַ יאָר).

די מילכאָמע האָט צעשיידט שאָלעם-אלייכעמס געזינד. ער און אַלגע, די בערקאָוויטשעס זײַנען אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, די קויפמאַנס זײַנען געבליבן אין רוסלאַנד. דעם 5־טן אויגוסט 1915 שרײַבט שאָלעם-אלייכעם א בריוול פון ניו-יאָרק צו זײַן אייניקל:

„מײַן ליבע, טײַערע בעלאָטשקע!

איך שרײַב דיר, אז בא אײַך איז א מילכאָמע און בא אונדז ניט, אז דו ביסט אין אַדעס אפן פאָנטאַן, און מיר אין אַמעריקע אף א דאַטשע, און אז דאָ איז זייער הייס, און אז בא אײַך איז פאַראַן א יאַם, הייסט ער דער שוואַרצער יאַם, און בא אונדז איז פאַראַן א יאַם, הייסט ער אָקעאַן. דער אַטלאַנטישער אָקעאַן, און נאָך שרײַב איך דיר, אז איך האָב דיך זייער ליב און אז איך האָף נאָך צו זען דיך און די מאַמע און דעם פּאַפּאַ מיכאַל, וואָס איז שוין באַלד א דאָקטער. און איך בין ניט קיין דאָקטער. איך בין א שרײַבער..."

פון א בריוו צו די קויפמאַנס פאַרן 2־טן דעקאַבער 1915:

„...און בעלא לייענט שוין? וואָרט נאָר — אַקאָרשט ווי מע קוקט זיך ניט אום, וועט זי כאַסענע האָבן. מײַן טעוויע זאָגט, אז אַלע מיידלעך האָבן א מיִעסע געוווינשאַפט: באַטאָג עסן זיי, באַנאַכט וואַקסן זיי". (בעלא איז דעמאָלט אַלט געווען קוים פינף יאָר!)

שפּעטער וועט מיכאַל קויפמאַן זיך דערמאָנען, ווי די גאַנצע מישפּאָכע האָט געלעבט אין דער שווייץ און שאָלעם-אלייכעם האָט ליב געהאַט אוועקצוגיין שרײַבן אונטערן פרײַען הימל, אפן ברעג פון דער אָזערע, און פלעגט אָפט מיטנעמען מיט זיך זײַן טעכטערל, דאָס צווייאָריק אייניקל. „מיר גייען אוועק שרײַבן!" — פלעגט ער אָנזאָגן אין שטוב.

נאָך אן אויסצוג פון שאָלעם-אלייכעמס

בריוו צו די קויפמאַנס פון ניו־יאָרק, געשריבן דעם 2־טן דעקאַבער 1915:

„און וואָס מאַכט בעלאָטשקע? נאָך אַלץ שיין און ליב?"

אין פריידן און אין לײַדן, אין האָפענונג און אין פאַרצווייפלונג האָט שאָלעם־עליכעם געטראַכט וועגן דעם גורל פון זײַנע קינדער און אייניקלעך. אין איינעם פון די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אין בערן (שווייץ) דעם 1־טן פעברואַר 1913 צו י. ד. בערקאָוויטשן, דריקט ער אויס זײַן שווערע שטימונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע ווייטיקן, וועלכע האָבן אים דעמאָלט געפּײַניקט:

„עס קאָן זײַן, אַז איך וועל גיין אין גרוב. און איך האָב גרויסע יסורים, וואָס איך וועל ניט דערלעבן אײַך אַלעמען צו זען. און איר, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו מיר, לעבט אַלע הײַנט. איך בין מיך קלאָר ניט מעצאַער, וואָס מײַן לעבן ווערט איבערגעשניטן. וואָרעם איך האָב גענוג געלעבט, אויך אַ סך קאָוועד געהאַט באַם לעבן. און אויך אַ שטיקל יערושע האָב איך איבערגעלאָזט אויף נאָך מײַן טויט פֿאַר מײַן פֿאָלק, וואָס איך האָב ליב געהאַט מיט גרויסער ליבשאַפֿט. אָבער — אָט די יונגע שפּעלעך, וואָס האָבן זיי געזינדיקט? און די שפּעלעך זײַנען נאָך זייער יונג! טאַמאַראַ און בעלאַ וועלן מיך שוין גאָרניט געדענקען, און אַפֿילע נומאַ האָט נאָך ניט דערגרייכט צו באַרמיצווע..."

„טאַמאַראַ און בעלאַ וועלן מיך שוין גאָרניט געדענקען"... שאָלעם־עליכעם האָט אַ טאָעס געהאַט. ביידע אייניקלעך האָבן אים גוט פֿאַרגעדענקט. טאַמאַראַ האָט אַפֿילע אָנגעשריבן זיכרוינעס וועגן איר באַרימטן זיידן, וועלכע עס האָט צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1926 דער „שאָלעם־עליכעם־בוך". זי איז דעמאָלט אַלט געווען 20 יאָר.

„... די בעסטע טעג זײַנען געווען, בײַס מיר פֿלעגן אַרויסגיין צוזאַמען אויף לאַנגע שפּאַצירן, דערהויפּט אין באַדענווײַלער. אויפֿן שפּאַציר פֿלעגט ער אָדער לעבעדיק שמועסן, דערציילן פֿאַרשיידענע, אַצינד פֿאַרגעסענע זאַכן, אָדער די שטילע רויִקײַט פֿונעם וואַלד פֿלעגט אים אַרײַנברענגען אין אַ שטימונג פֿון פֿרידלעכקײַט און שטיל שווײַגן. עפּשער האָט ער דעמאָלט „צוגעטראַכט" זײַנע מײַסעס, און עפּשער האָט ער גלאַט געטראַכט וועגן זאַכן, וואָס זײַנען געווען העכער פֿון מײַן קינדערשן פֿאַרשטאַנד. איך בין אים נאָכגעגאַנגען שטיל, האַלטנדיק זיך שטײַף פֿאַר זײַן וואַרעמער פֿאָטערלעכער האַנט.

אַ באַזונדער שיינעם ווינקל אינעם וואַלד האָט ער פּײַערלעך אָנגערופֿן מײַן פּעטער (עס גייט, אַפּאָנעם, אַ רייד וועגן נומאַן. — כ. ב.), אַ קלענער ווינקל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ יונגער יאָלקע מיט אַ שטיין, איז אויסגעפֿאַלן אויף מײַן כיילעק. די דאָזיקע מאַיאָנטקעס זײַנען אונדז געשענקט געוואָרן ניט אויף צו באַנוצן זיך מיט זיי, ניט אַפֿילע צו קומען מיט זיי אין נאָענטער באַרירונג, נאָר בלויז צו קוקן אויף זיי פֿונדערווײַטנס. און פֿונדעסטוועגן פֿון אַלע מײַנע מאַיאָנטעס געדענק איך אָט די אַמבעסטן".

מערקווירדיק, וואָס שאָלעם־עליכעמס „מאַיאָנטעס", וועלכע ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשענקט זײַנע אייניקלעך, דערמאָנט אויך אין אירע זיכרוינעס זײַן טאָכטער ליאַלי:

„... — זעסט אָט די בערג?.. נו, און בלומען אַזעלכע האָסטו שוין אַמאָל געזען?.. דו גיב אַקאָרשט אַ קוק, וואָס פֿאַר אַ קאָליר דער ים האָט!...

ער האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומפֿירן אומעטום דעם ערשטן טאָג פֿון מײַן אָנקומען קיין איטאַליע און האָט ניט אויפֿגעהערט צו באַוווּנדערן יעדעס בלימעלע, גלײַך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ גאָרניט געזען טאָג־טעגלעך אין פֿאַרלויף פֿון לאַנגע כאַדאָשים.

— נו? האָסט שוין געזען?..

און זאָגן זאָגט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי אָט די אַלע בערג און די בלומען און דער ים געהערן צו אים. און אינדערעמעסן, האָבן זיי דאָך טאַקע געהערט צו אים מער ווי צו אַלע אַנדערע. ווײַל ווער נאָך ווי ער האָט אַזוי אויפֿריכטיק מיטן גאַנצן האַרצן, באַוווּנדערט זייער שיינקײַט, זיך געצויגן צו זיי אין העכסטן עקסטאַז?

— און וואָס זאָגסטו עפּעס אויף מײַן זון?

זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן „מאַרינע". פֿאַריסן דעם קאָפּ אַרויף און צוגעשטעלט די האַנט צו די אויגן, קוקט ער גלײַך אויף דער זון".

ניט בלויז טאַמאַרע בערקאָוויטש און ניט בלויז ליאַלי קויפֿמאַן האָבן דערמאָנט, ווי־אַזוי שאָלעם־עליכעם האָט גערן געשענקט די גרויסע נאַטור־אוצרעס, וועלכע ער האָט געזען אַרום זיך בײַס די שפּאַצירן מיט די קינדער און אייניקלעך. ניט ווייניקער מערקווירדיק איז, וואָס מיר האָבן וועגן דעם געלייענט מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק, אין סאָף דעקאַבער 1990, אין דער מאָסקווער צײַטונג „פּראַוודאַ" — אַן אינטערוויו פֿונעם ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט וויקטאָר ליניק, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

„ — יאָ, איך געדענק אים, — פּאַמעלעך אונטערקלײַבנדיק ווערטער און ווי מוירע האָבנדיק זיך אײַנטונקען אין דער אומגלייב־

לעך ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, דערציילט די פרוי מיט יונגע, בלישטשענדיקע אויגן, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר. — איך בין אַלט געווען אַ יאָר דרײַ. שטאַרק זיך אָנטשעפּענדיק דעם זיידן פאַר די הענט, שפּאַצירן מיר, איך און מײַן שוועסטער טאַמאַרע, מיט אים אויפֿן קוראָרט אין באַדענווײַלער, שוואַרץ. „איר זעט אָט דעם וואַלד? — ווענדט ער זיך צו אונדז. — איך האָב אים אָקאָרשט געשענקט טאַמאַראַטשקען. און אָט יענע אָזערע? איך גיב זי אָפּ בעלאָטשקען", — לאַכט ער. דאָס הייסט — מיר. מיר זײַנען אַנציקט פֿון זײַן ברייטהאַרציקײַט. און ער דערציילט אונדז פֿאַרשיידענע געשיכטעס, צוטראַכטנדיק זיי אויפֿן אָרט, גראַמט לעכערלעכע ווערטער, דערפֿינדט עפּעס אַ שפּראַך, וואָס איז פֿאַרשטענדלעך בלויז פֿאַר אונדז דרײַען...

איך הער די ווערטער, וועלכע זי קלײַבט אונטער אויף איר מוטער־שפּראַך — רוסיש, און פֿיר איבער דעם בליק פֿון איר אויפֿן ריזיקן פֿאָטאָגראַפֿישן פּאָרטרעט, וואָס איז צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע — צוויי קליינינקע מיידעלעך, וועלכע זיצן אויף די קני פֿון אַ נאָך ניט קיין אַלטן מענטשן, זייער זיידן. די קלענערע, פֿון רעכטס — דאָס איז די באַוווּסטע אַמעריקאַנער שרײַבערין בעל קאַופֿמאַן, וועלכע זיצט אַנטקעגן מיר. איר סענסאַציאָנעלער בעסטסעלער פֿון די 60־יאָרן „אַרויף אויף די טרעפּ, וואָס פֿירן אַראָפּצו" איז ניט איין מאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן בײַ אונדז אין לאַנד. פֿונדעסטוועגן קען מען איר זיידן מער, ווײַל דאָס איז — דער באַוווּסטער שאָלעם־אַליכעם.

ניט ווייניקער פֿון דרײַ פֿערטל יאָרהונדערט זײַנען פֿאַרגאַנגען פֿון יענעם טאָג, ווען עס איז געמאַכט געוואָרן די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע. און מע קען צו זיך ניט קומען פֿון אָט דעם פֿאַרגלײַך — יענץ מיידעלע און אָט די דאַמע, וואָס זיצט אַנטקעגן מיר. עס פֿאַרקישעפֿט דער סוד פֿון דער צײַט, דער סוד פֿונעם לעבן".

אָט איז זי, די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע, וועגן וועלכער עס גייט אַ רייד אין דעם אינטערוויו, וואָס דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט האָט גענומען בײַ דער אַמעריקאַנער שרײַבערין בעל קאַופֿמאַן, שאָלעם־אַליכעמס אייניקל. ערגעץ האָבן מיר שוין אָפּגעמערקט, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט שטאַרק געוואָלט, עמעצער פֿון זײַנע יאָרשים זאָל ווערן אַ שרײַבער. און זײַן טרוים איז טײלווײַז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין אַ בריוו צו טאַמאַרען שרײַבט ער פֿון נערווי דעם 21־טן מאַרט 1912:

„אַ שאָד פֿונדעסטוועגן, וואָס דו האָסט אָפּגעלייגט דײַן רײַזע אויף נאָך פּייסעך. מיר איז אומעטיק צו שפּאַצירן אויף דער מאַרינע. דערפֿרעג זיך, ווען וועט שוין זײַן פּייסעך, און קום צו פֿאָרן וואָס גיכער. און דערווײַל שרײַב אָן נאָך עפּעס אַ דערציילונג. דײַן צווייטע דערציילונג האָב איך באַקומען און איבערגעשיקט צו נומאַן. ער שרײַבט אויך דערציילונגען. און איך שרײַב אויך דערציילונגען. מיר אַלע שרײַבן דערציילונגען".

בעלא איז דעמלט געווען נאָך צו יונג, זי זאָל „אויך שרײַבן דערציילונגען", און אַוודאי וואָלט דער זיידע געווען זייער צופֿרידן, ווען ער וואָלט דערלעבט צו זען איר שאַפֿונג. דערווײַל שפּירט ער נאָר, ווי זי וואַקסט, וויאַזוי זי אַנטוויקלט זיך. „אַ בריוו פֿאַר בעלאָטשקען (פֿון ניו־יאָרק, דעם 2־טן סעפּטעמבער 1915): דאָס שרײַב איך דיר אַ בריוו, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער אויסוואַקסן און זיך אויסלערנען צו שרײַבן מיר בריוו. און קעדיי דו זאָלסט אויסוואַקסן, דאַרפֿסטו טרינקען אַ סך מילך, עסן זופּ און גרינס און וואָס ווייניקער קאָנפֿעטן. אַ גרוס דײַנע ליאַלקעס".

און נאָכאַמאָל וועגן בעלאַן (פֿון אַ בריוו

שאָלעם־אַליכעם מיט זײַנע אייניקלעך טאַמאַראַ און בעלא (מאָנטרע, 1912)

בעל קאופמאן

צו ליאַלין פאַרן 14־טן אָקטיאַבער 1915): „און דאָס ציגעלע בעלאַ וואַקסט מיסטאַמע און ווערט קליגער פון טאָג צו טאָג. שענק איר איין קוש, נאָר א שטאַרקן, פון מײַנעטוועגן".

ער האָט זייער געוואָלט, אז זײַנע אייניקלעך זאָלן קענען יִידיש און העבראיִש. אין לעצטן בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעשריבן פון ניו־יאָרק צו די קויפמאַנס (זיי האָבן געלעבט דעמלט אין אָדעס), גייט א רייד וועגן ביאַליקס יובילײ, און שאָלעם־אַלייכעם זאָגט אָן דעם אייניקל: „זאָל זשע בעלאָטשקע א קוש טאָן ביאַליקן פאַר מיר לעקאָוועד זײַן יובילײ. עס וועט זײַן א שאָד, אויב בעלאָטשקע וועט ניט קענען העבראיִש גענוג, קעדיי צו לייענען אין אָריגינאַל אונדזער הערלעכן פּאָעט!"

צום באַדויערן, האָט אזוי געטראָפן, אז זײַן אייניקל האָט נישט אויסגעלערנט ניט יִידיש, ניט העבראיִש... זי איז געוואָרן א שרײַבערן, נאָר אן אמעריקאַנער שרײַבערן, וואָס איר מוטער־שפּראַך איז רוסיש און די שפּראַך, אויף וועלכער זי שרײַבט אירע ווערק, איז ענגליש. נאָר דאָס איז שוין א גאַנץ נאַטירלעכע זאַך פאַר אונדזער צײַט...

און איצטער גיבן מיר דעם סאָף פון דעם אינטערוויו, וואָס די מאָסקווער „פּראַוודאַ" האָט גענומען בא דער אמעריקאַנער שרײַבערן בעל קאופמאַן.

„די באַלעבאָסטע פון דער דירע איז עקספּאַנסיוו, האַסטיק, באַוועגלעך. זי טוט זיך א הייב פונעם פּאָטעל, דערמאָנענדיק זיך עפּעס, טוט זי זיך א לאָז אויף די הויכע דינינקע אָפּצאַסן אין שכיינעסדיקן צימער און קערט זיך אויך געשווינד צוריק.

דורכן צעפּראַלטן אויף דער פעשענעבעלער פּאַרק־אַוועניו פענצטער רײַסט זיך אַרײַן א גערויש. אין גאַסטצימער, וווּ מיר שמועסן, — א דרײַ צענדליק פּאָליצעס מיט ענג צעשטעלטע ביכער. צווישן זיי — א סאַך רוסישע. איך זע פּילצאָליקע סאָוועטישע אויסגאַבעס פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. דאָ שטייען אויך בעל קאופמאַנס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין פּסטר.

— איך האָב דאָך אָנגעהויבן צו שרײַבן אויף רוסיש, — זאָגט זי פאַרקלערט. — אין אָדעס, וווּ מיר האָבן געוווינט מיט די עלטערן, פלעג ארויסגיין א קינדער־זשורנאַל „קאָלאָקאָלטשיק". מײַן ערשט „ווערק" — א ליד פון פיר שורעס — האָט מען דאָרט אָפּגעדרוקט. זי האָט געהייסן „פרילינג". איך געדענק זי ביז הײַנט. מע מעג זי איבערלייענען?

Дома душно, И так скучно
Все сидеть, сидеть одной.
На дворе ж тепло и звучно
И так радостно весной.

— אָט אזא ליטעראַרישער דעביוט צו זיבן יאָר, — לאַכט הילכיק בעל. — צו עלף יאָר האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן א דראַמע, אין וועלכער עס זײַנען געווען 28 פּערזאָנען. איך האָב באַשריבן זייער אויסערלעכן אויסזען, די קליידער, דערבײַ אזוי פּראָטימדיק, אז ווען כ'האָב פאַרענדיקט אָט דעם אַרײַנפיר, האָט שוין ניט געסטײַעט קיין קויכעס פאַרצוזעצן. נאָך דעם איז מײַן שאַפונג אנשוויגן געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן. און ווען איך האָב אָנגעהויבן נאָכאַמאָל צו שרײַבן שוין דאָ, אין אמעריקע, האָב איך געשריבן, פאַרשטייט זיך, אויף ענגליש.

— איך געדענק יענע ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע — אין אָדעס און אין מאָסקווע. ס'איז געווען הונגער און קעלט, נאָר ס'איז געווען א טעאַטער, עס זײַנען געווען וואַכטאַנגאָוו, סטאַניסלאַווסקי. אויף אייביק איז פאַרבליבן די דערשטוינונג פון דעם „בלויען פויגל" אין סטאַניסלאַווסקיס שטעלונג. ביז הײַנט קלינגט אין זיקאָרן: „אין לאַנגער ריי מיט גלויבן מיר גייען נאָכן בלויען פויגל". מײַנע עלטערן האָבן, אפּאָנעם, אופגענומען יענע צײַט גאָר אנדערש. דעם טאַטן דעם דאָקטער האָט מען געהאַלטן פאַר א בורזשוי מיט אַלץ, וואָס עס איז געווען מיט דעם פאַרבונדן. ווען זיי האָבן פאַרטראַכט

ארויסצופֿאָרן, איז מײַן מאמע אוועק צו לונאטשארסקין און האָט אים געזאָגט, אַז זי איז שאָלעם־אליינכעמס טאָכטער און וויל צוזאמען מיט דער מישפּאָכע אַװעקפֿאָרן צו איר מאַמען קיין אמעריקע. דער פֿאָלקס־קאָמיסאר האָט גלײַך פֿאראָרדנט אויסצוטיילן פֿאר אונדזער מישפּאָכע א באזונדערן וואגאָן. מיר זײַנען דערפֿאָרן ביז ריגע און פֿון דאָרטן — מיט א פֿאראָכאָד קיין אמעריקע. ביכלאַל פֿלעג איך שטענדיק באמערקן, וואָס פֿאר אן אײַנדרוק פֿלעג מאכן אַף די מענטשן אין רוסלאנד דער נאָמען פֿון מײַן זיידן. איך וווּנדער זיך ניט — מע האָט אים ניט אומזיסט אָנגערופֿן פֿראָלעטארישער שרײַבער. ער האָט זייער פֿײַנט געהאט די גווירים.

— און ווּ איז ער, לויט אײַער מיינונג, מער פּאָפּולער — אין רוסלאנד צי אין אמעריקע?

— נו, אין אמעריקע האָט מען אים ניט געקענט ביז דעם „פֿידלער אפֿן דאך" (א מיוזיקל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן לויט די מאָטיוון פֿון שאָלעם־אליינכעמס „טעוויע דער מילכיקער"). אָבער דאָס איז דאָך ניט שאָלעם־אליינכעם. אין סאָוועטנפֿארבאנד האָט מען אים ארויסגעגעבן מער ווי אין דער גאנצער איבעריקער וועלט.

— צי זײַנען אײַך געפֿעלן די טעאטראלע און טעלעוויזיע־ספּעקטאקלען לויט זײַנע ווערק בא אונדז אין לאנד?

— געפֿעלן. און ווען איך האָב דערזען מיכאַיל אוליאנאָוון אין דער ראָל פֿון טעוויע דעם מילכיקן, האָב איך זיך פּאָשעט אײַנגעליבט אין אים.

— וואָס האָט איר ארויסגעטראָגן פֿאר זיך פֿון שאָלעם־אליינכעמס שאפֿונג?

— בא אים איז פֿאראן א דערציילונג, ווּ איינער א קאפּצן, וואָס זעט שלעכט, טראָגט ברילן אָן גלעזלעך — אַף מער האָט אים קיין געלט ניט געקלעקט. פֿרעגט מען בא אים: „וואָס איז דער סייכל?" ענטפֿערט ער: „בעסער עפּעס־וואָס, איידער גאָרניט". אָט אזא פֿילאָסאָפֿיע. קענען פֿארײַסן די נאָז קעגן דער שפּיל פֿונעם גוירל, זיך ניט אונטערגעבן קיין שום אומשטענדן. דאָס האַלט איך פֿארן סאמע איקער...

איך האָב א טראכט געטאָן: ווי שיידט זיך דאָס אונטער פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון טורגענעווס מיידלעך, פֿאר וועלכע ס'איז אָדער אלץ, אָדער גאָרניט.

— בא שאָלעם־אליינכעמען איז דאָך אזוי, — זאָגט בעל, ווי זי וואָלט געלייענט מײַנע געדאנקען. — אויב קיין פֿלייש איז ניטאָ, וועלן מיר עסן פֿיש. אויב קיין פֿיש זײַנען ניטאָ, וועלן מיר עסן רעטעך. און אזוי ווײַטער. א וווּנדערבארע אויסגעהאלטנקײַט.

אונדזער שמועס שפּרינגט איבער פֿון איין טעמע אַף אן אנדערער, פֿון איין סיוזשעט אַף אן אנדערן, וועבט זיך פּונקט ווי א מעשונעגער בארג־טײַך, וועלכער בײַט אלעמאָל זײַן ריכטונג...

— צי קלײַבט איר זיך ניט אָנשרײַבן אײַער ביאָגראפֿיע? בא אײַך איז דאָך אזא אינטערעסאנט לעבן, — האָב איך בא איר געפֿרעגט שוין נעענטער צום סאָף פֿון אונדזער פֿארצויגענעם שמועס.

— איך האָב געהאט פֿאָרשלאָגן פֿון פֿארלעגער, — האָט בעל קאופֿמאן געזאָגט מיט ס'איז נאָך פֿרי. ווארט צו, ביז איך וועל אויסא זיפֿץ. — נאָר איך האָב זיי געענטפֿערט — וואקסן.

און אירע יונגע, בלישטשענדיקע אויגן האָבן כיטרע א פֿינקל געטאָן".

כאַים בײדער

פון שאָלעם־אַלייכעמס דיכטונג

שלאָף, אלעקסע...

1

שלאָף, אלעקסע, יוירעש פײַנער,
ליכטיקער פארשוין!
שלאָף, בעך־יאָכיד, קאדיש מײַנער!
שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויין!

2

זאָלסט מיר וואקסן, זײַן א גרויסער,
האָבן קאסעס געלט,
שטעט און דערפער, זײַן א קייסער
איינער אין דער וועלט.

3

וועסט מיר זײַן א גרויסער כאָכעם,
קליגער נאָך פון מיר,
און א מיילעך־שעבימלאָכים,
מיט א לאנד סיביר.

4

וועסט אימירצעשעם פארמאָגן
רענטעס פולע זעק,
און פיל שענקען מיט אָסטראָגן,
קלויסטערס אָן אן עק.

5

און זשאנדארמען מיט קאזאקן,
שאָמרים בא דער טיר,
די, וואָס קאָנען בראָקן, האקן,
שמייסן אָן א שיר.

6

האָב ניט מוירע פאר יאפּאָניע —
זײַ נאָר נישט קיין נאר —
ס׳לעבט נאָך מאָסקווע, ס׳לעבט נאָך פאָניע,
ס׳דארפן נאָך א צאר.

7

צאָלן וועסטו קאָנטריבוציע,
שטילער! מאך א שווײַג!
זאָג זיי צו א קאָנסטיטוציע —
כ׳שטעל ארויס א פײַג.

8

לאָזן פלאפלען סאָציאליסטן,
מיינען, ס׳ט׳עפּעס זײַן,
לאָזן שיסן אנארכיסטן,
וויפל ס׳וועט ארײַן.

9

וועסט אין ספאלניע זיך פארשליסן,
פונקט ווי איך אצינד,
לאָזט דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
דו זאָלסט זײַן געזונט.

10

לאָזן האווקען די גאזעטן,
שרײַען אף די ציין,
פובליציסטן און פּאָעטן
לאָזן זינגען שיין.

11

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רײַסן.
ס'איז שוין ניט קיין נײַס;
מ'עט זיי כאפּן, מ'עט זיי שמײַסן,
הענגען אײנציקװײַז.

12

פ'ראַן פּאָליציע פ'אלע עקן,
סישטשיקעס א סאך,
פ'ראַן א קאנטשיק, פ'ראַן א שטעקן,
פ'ראַן א גוטע זאך.

13

וואָס מע רופט דאָס אָן „קראַמאָלאַ
ניעזיבלעמיך אָסנאָוו"..
שלאָף, אלעקסע, ס'איך, ניקאָלאַ, —
ס'לידל נעמט א סאָף.

עפּיטאַפּיע

דאָ ליגט א ייִד א פּאַשעטער,
געשריבן ייִדיש־דײַטש פאר ווײַבער
און פארן פּראָסטן פאָלק האָט ער —
געווען א הומאָריסט א שרײַבער.

דאָס גאנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט קאַפּאָרעס.
די גאנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי־ווײ — געווען אף צאָרעס!

און דאפּקע דעמלט, ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט און פלעג זיך פרײען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בעסאָד, אז קײנער זאָל ניט זען.



קאַפּיטל ה

אַ שטילע טראַגעדיע מיט אַ ראַשנדיקן סאָף

(אַרויסגענומענע פֿון די צײַטונגען)

נומער איינס: „איבער אַ מיידל, וואָס האָט זיך געהאַנגען הײַנט אין איינער פֿון די טורמעס, האָבן אַרעסטאַנטן דערקלערט אַ הונגער אויף דרײַ טעג און אויפֿגעהויבן אַ גרויסן סקאַנדאַל. מע האָט געמוזט אָנקומען צו דער הילף פֿון מיליטער. דרײַ בונטאָווטשטשיקעס זײַנען געהאַרגעט אויף טויט. עלף פֿאַרוווּנדעט. אַכט פֿון זיי טויטלעך".

נומער צוויי: „דאָס מיידל, איבער וועלכער עס האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער אויפֿשטאַנד פֿון די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס, האָט מען געפֿונען געהאַנגען אויף די אײַזערנע גראַטעס פֿונעם פֿענצטער אויף צונױפֿגעדרייטע פּאַסן פֿון אַ צעריסן העמד. די סיבה, וואָס

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 1 — 4, 1991.

האָט געצוווּנגען דאָס מיידל צו באַגיין זעלבסטמאָרד אַף אַזאַ מוירעדיקן, מיִעסדיקן שטייגער אין טורמע, איז נאָך מער מעומעדיק, ווי איר טויט".

נומער דריַי: „אונדז איז געראָטן אַרויסצוקריגן אייניקע פּראַטים וועגן דעם געהאַנגענעם מיידל, וואָס מע האָט דאָ ניט לאַנג געפונען אין איינער פון די טורמעס. און אָט וויִאַזוי עס ווערט אונדז געמעלדעט פון זייער אַ זיכערן קוואַל: מיט אַ קורצער צײַט צוריק זיַינען אַנטלאָפן פון געפענקעניש עטלעכע אַרעסטאַנטן דורך אַ וווּנדערלעכן אופן, וואָס איז קימאַט אומגלייבלעך: אַרום האַלבע נאַכט האָט מען אָנגעקלונגען צום סמאָטריטעל פון דער טורמע אין טעלעפאָן מיט אַ געוויסן „פּאַראָל", אַז באַלד וועט קומען צו פאָרן אין טורמע אַרײַן אַ ראַטמיסטער מיט עטלעכע סאָלדאַטן, צו פאַרנעמען און ברענגען צו פירן צום פּראָקוראָר אין אַ באַזונדערער קאַרעטע אייניקע פּאָליטישע פאַרברעכער, צווישן זיי איינס אַ מיידל, אַ געוויסע פּאָליטישע, וואָס ווערט באַשולדיקט אין פיל פאַרברעכנס. און, ווירקלעך, אין עטלעכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען דער ראַטמיסטער מיט די סאָלדאַטן, זיך געמעלדעט מיט אַ פאַרכאַסמעטן פּאַקעט פונעם פּראָקוראָר, אין וועלכן עס זײַנען געווען ריכטיק אויסגערעכנט די זעלבע נעמען פון די פּאָליטישע פאַרברעכער, וואָס דער פּראָקוראָר האָט זיי אופגעפאָדערט דורכן טעלעפאָן.

אין פאַרלויף פון איין האַלבער שאָ זײַנען אַלע פאַרמאַליטעטן אָפּגעטאָן געוואָרן, און דער ראַטמיסטער מיט די אַרעסטירטע זײַנען אָפּגעפאָרן. ערשט אַפן אַנדערן טאָג אינדערפרי, נאָך דעם, אַז מע האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן צוריק אַף דער קאַרעטע, און נאָך דעם, ווי מע האָט זיך אָנגעפרעגט דורכן טעלעפאָן באַם פּראָקוראָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ פּאָקוס, אַ קונציקער שווינדל פון רעוואָליוציִאָנערן.

דעם זעלבן טאָג אינדערפרי איז אָבער געראָטן איינעם פון די טיכטיקע פּאָליציִע-שפּיִאָנען צו דערקענען איינע פון די אַנטלאָפענע, און ער האָט זי אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין אוטשאַסטאָק. פון דאָרט האָט מען זי אָפּגעפירט אינעם צווייטן אוטשאַסטאָק, פונעם צווייטן אינעם דריטן... אַף מאָרגן אַרום פאַרנאַכט האָט מען געפונען די אומגליקלעכע אַ געהאַנגענע. דער נאָמען פון דער אומגליקלעכער, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, איז מאַניע, אָדער מאַשע באַשעוויטש".

נומער פיר: „הײַנט אַזייגער 10 אינדערפרי האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע הונדערט סטודענטן און אַריבער צען טויזנט אַרבעטער און האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן אַ פּאַניכידע פאַר דער געהאַנגענער באַשעוויטש. גיך האָט זיך באַוויזן פּאָליציִע און האָט צעטריבן דעם גאַנצן עולם, קיין ערנסטער צוזאַמענשטויס איז ניט פאָרגעקומען. עטלעכע און דרײַסיק זײַנען אָפּגעפירט געוואָרן אין האָספּיטאַל".

נומער פינף: „דעם זעלבן טאָג, מיט צוויי שאָ שפּעטער, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּאַניכידע פאַר מאַשע באַשעוויטש, און ווײַל דערבײַ זײַנען געהאַלטן געוואָרן אָנצינדנדיקע רעדעס און ס'איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַ רויטע פאָן, איז דער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציִע געווען אַ סאַך ערנסטער. מע ציילט צוויי און צוואַנציק געהאַרגעטע און מער אַלס הונדערט שווער פאַרוווּנדעטע; אונטער זיי פיל פרויען און קינדער.

איצט איז רויִק".

נומער זעקס: „אַלס נאָכווייעניש פונעם צוזאַמענשטויס איבער דער פּאַניכידע פאַר דער געהאַנגענער באַשעוויטש, האָט אין אייניקע פאַבריקן אויסגעבראָכן אַ שטרײַק, וועלכער פאַרשפּרייט זיך אויך אין אַנדערע שטעט. עס ווערט פּלאַנירט אַן אַלגעמיינער באַנשטרײַק.

אין די הויפן איז אָנגעגרייט מיליטער, אַף די גאַסן איז רויִק".

* * *

די לופט איז געוואָרן וואָס אַ טאָג געדיכטער און שטיקנדיקער, שווערע וואָלקנס האָבן באַצויגן דעם הימל. עס האָט זיך געטראָגן אַ רייעך פון שוועבל. דער שטורעם האָט

זיך געדריקט אַלץ נעענטער און נעענטער. יעדע מינוט האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אַ וואַלקנברוך, אַן אויסגוס, אַ מבול.

נאָר אויב די טרויעריקע געשיכטע מיט מאשע באַשעוויטש האָט אומעטום אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ ראַש זי האָט באַדאַרפט אַרויסרופן אין דער שטאָט, וווּ די מאשע באַשעוויטש איז געבוירן, וווּ קימאַט אַלע האָבן זי געקענט, וווּ אַ מינדסט קינד האָט געקאָנט אָנווײַזן אויף איר מיטן פינגער און זאָגן: „אָן גייט מאשע". די זעלבע שכיינים פון ליפּע באַשעוויטש, וואָס פלעגן פריִער אַנטלויפן פון דעם האַלץ־ייִד מיט זײַנע כידושים וועניפלאָעס פון זײַן טאָכטער מאשע, די זעלבע גוטהאַרציקע לײַט האָבן מיטאַמאָל באַקומען ראַכמאָנעס אויף דעם אָרעמען פאָטער אין זײַן גרויסן טיפן אומבאַשרײַבלעכן טרויער און האָבן באַקומען כיישעק צו טרייסטן מיט ווערטער דעם, וואָס קאָן ניט זײַן געטרייסט, פאַרהיילן מיט אַ קרעכץ דעם גרויסן וויי־טיִק, וואָס קאָן ניט אויסגעהיילט ווערן קיינמאָל. די גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט ליפּעס טאָכטער, האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן דערמאָנען אין דעם דאָזיקן מיידל מיט די אונטערגעשוירענע האָר און אין אירע אַלע גוטע מײַלעס, און יעדערער האָט באַקומען כיישעק צו זאָגן דעם אומגליקלעכן פאָטער כאָטש אַ גוט וואָרט. און אַגעוו זיך אויספרעגן בא אים, וויִאַזוי און וואָס און ווען, און צי האָט ער עפּעס געהאַט פון איר בריוו די לעצטע צײַט, און וואָס האָט זי אים געשריבן, און צי ס'איז עמעס איר אַנטלויפן פון דער טורמע, ווי מע שרײַבט, און וויִאַזוי איז זי דערצו געקומען?

— דאַכט זיך, אַזוי איז זי געווען אַ מיידל, גאָרנישט, גלײַך מיט אַלע... גיי זײַ אַ נאָווי, אַז פון דעם מיידל וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַזאַ... אַזאַ... וואָס פון איר וועט רעדן די גאַנצע וועלט!

ליפּע באַשעוויטש, אין דער ערשטער מינוט, אַז ער האָט דערהערט פונעם גרויסן אומגליק, האָט ער זיך אויסגעריסן אַ שטיק באָרד, זיך געלאָזט לויפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אַליין נישט צו וויסן, וווהין ער לויפט. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול פון די פיס, זיך אָפּגעריסן די לאַץ פון דער סײַוויסײַצעריסענער קאַפּאָטע, געריסן קריִע אויך מיט ווײַב און קינדער. און אַלע האָבן אַוועקגעזעצט זיך „שיווע". נאָר איין אַליק (אַ באָכערל פון אַכצן יאָר) האָט נישט געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט אַפילע קיין טרער. עס האָט זיך אים נאָר אָנגעצונדן דאָס פּאָנעם, די אויגן זײַנען בא אים געוואָרן ווי איבערגעקערט, זיך אַ טאַפּ געטאָן אין די הויזן־קעשענעס און אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע! איך פאָר גלײַך אַהין. איך בעט אײַך, איר זאָלט מיך ניט צוהאַלטן.

און עס האָבן נישט געהאָלפן ניט דעם טאַטנס בייזערן זיך, ניט דער מאַמעס טרערן, נישט דאָס געוויין פון די קלענערע קינדער, — אַליק איז אַוועק און איז ווי אין וואַסער אַרײַן. ווו איז אַהינגעקומען אַליק — ווייסט ניט ליפּע באַשעוויטש. לאָזט אים צורו — ער ווייסט נאָר איין זאַך: ער ווייסט, אַז ער האָט געהאַט אַ מאשע, וואָס קיינער פאַרמאָגט נישט אַזאַ מאשע, און איצט איז זי נישטאָ! ליפּע ווייסט, אַז די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע וועלט וויגט זיך מיט זײַן מאשע! אַפילע איציקל שאָסטעפּאַל, וואָס פלעגט פון אים אַנטלויפן, שטעלט זיך אויך הײַנט אָפּ אַלעמאָל, ווען ער דערזעט אים, און פרעגט זיך אויס אויף מאשען. פון איציקלס טאָכטער שמועסט מען ניט! ווען ניט זי, וואָלט ער מיט זײַן ווײַב און קינדער שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער... אַפילע גויִים, קריסטן, סטודענטן האַלטן אויף פּאַניכידעס, אומעטום, דאָ אויך. עס וועט הײַנט זײַן, זאָגט מען, אין דער גרויסער שול אַן אַסיפע, אַ מין האַזקאָרע־נאַשאָמעס. אַהינצו דאַרף מען גיין, כאָטש אַפילע זײַן ווײַב שלאָגט אים אָפּ דערפון. זי זאָגט: מע דאַרף נישט גיין. נאָר וואָס ווייסט אַ ייִדענע? לעמײַ זאָל מען ניט צולאָזן אים דאָס שטיקל פאַרגעניגן, האָרכן, וואָס לײַטן וועלן זאָגן וועגן זײַן מאשען?.. און ליפּע לאָזט זיך גיין אין דער גרויסער שול, און טרעפט אין דרויסן שוין אַזאַ מין אַדילעס, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַזעלכן נישט געזען. דער גרעסטער מיליאָנער זאָל שטאַרבן, וועט ער ניט צונויפנעמען אַזאַ מין אַוילעם! און איי־

הייניק אין שול וואָס טוט זיך! מע קאָן דען אהין אריַין? מע לאָזט דען? א גליק, וואָס מע האָט אים דערקענט.

— דעם פאָטער!.. לאָזט אריַין דעם פאָטער!..

און ליפע באשעוויטש גייט מיט גאדלעס, קוים וואָס מע שטופּט אים דורך, אהין ארוף, ארויף, דאָרט, ווו איציקל שאָסטעפּאַל, ווו די בערנשטיינס מיט די האלפּערנס, מיט די אלע איבעריקע גרויסע... ער זעט פאר זיך א סאך באקאנטע פּנעמער. דעם אפּטייקער סאפּראנאָוויטש, נעכעמיע דעם שוסטער מיט זיַינע באָנים, יודל קאַטוינטי און נאָך און נאָך... אלצדינג איז דעקאָרירט מיט טרויער, באהאנגען מיט שווארצן... און אומעט איז אויסגעגאָסן אף אלע פּנעמער... מאנצבלען און ווייַבער צוזאמען... אף דער בימע שטייט עפּעס אן אומבאקאנט באָכערל מיט געלע האָר, שיַינט אים א סטודענטל צו זיַין, אויב ניט דעם אפּטייקערס זונדל, און האלט זייער א פּיַיערדיקע רעדע. ליפע פארשטייט אים ניט... רעדן רעדט ער אפילע זייער שיין, זיס, געשמאק, נאָר ער פארשטייט אים ניט... פּסוקים גאנצע ברענגט ער... סדאָם און אמירע... דויר האמאבל... דער אוילעם ווישט די אויגן, און אים, דעם פאָטער, גאָרנישט; און ער פארשטייט אליין ניט, פארוואָס אים איז גאָרנישט... און אפילע נאָכדעם, ווען עס קומט ארויף דער כאזן מיטן כאָר, און דער כאָר הייבט אָן זינגען, און דער כאזן פּיסקלט זיך, און עס לאָזט זיך הערן דער טרויעריקער ווייַנענדיקער נוסעך אויסגעצויגן: „אל מלא רחמים”... און די שול ווערט פול מיט געוויין... עס וויינען יונגע קינדער... עס וויינען אלטע ייִדן... ווייַבער כאלעשן... און ער, דער פאָטער, גאָרנישט; און ער פארשטייט אליין ניט, פארוואָס אים איז גאָרנישט... נאָר אז עס קומט צו די ווערטער: „את נשמת הבתולה מרים גיטעל בת רב ליפא שהלכה לעולמה”, — דערפילט דער אומגליקלעכער פאָטער, ווי עפּעס מיטאמאָל האָט זיך געגעבן א ריס אָפּ בא אים אין הארצן, א שטיק ארוף אין גאָרגל און א זעץ, ווי מיט א האמער, איבערן מויעך, און עס רייַסט זיך ארויס בא אים פונעם האלדז, נישט ווי בא א מענטשן, נאָר ווי בא א געקוילעטן אָקס, ארוף און אראָפּ, און ער אליין דערשרעקט זיך פאר זיַין מעשוגעדיקן קאָל און צעלאכט זיך פון זיַין אָקסן-שטים שטיל צו זיך אין באָרד אריַין... און דער כאָר הערט ניט אוף צו זינגען. און דער כאזן הערט ניט אוף צו מאכן פּיסקעס, באוויַיזן, וואָס ער קאָן... און דער אָרעמער ליפע פילט, אז ער האָט פארגעסן אין דער מינוט, צו וואָס ער איז אהער געקומען, און וואָס טוט דאָ דער אוילעם? און אז אף דער בימע גייט ארוף א נייַער פּארשוין, עפּעס אן אומבאקאנטער, א געזונטער, א באוואקסענער, א האָריקער, ווי א בער, מיט א שטים פון א בער, און דונערט מיט זיַין בערן-שטים: „ווייסט איר, ווער איז געווען מאשע באשעוויטש?” — דאָ דערמאָנט זיך ליפע, צו וואָס ער איז אהער געקומען און וואָס עס טוט דאָ דער אוילעם... נאָר ער קאָן ניט פארשטיין איין זאך: וואָס זאָגט עפּעס אָט דער באוואקסענער נעפעש אף זיַין מאשע, אז זי איז געווען? וואָס הייסט, זי איז געווען? נו, און איצט ווו איז זי?.. און בעשום-אויפן קאָן זיך ליפע באשעוויטש נישט דערמאָנען, ווו זיַין טאָכטער מאשע איז?.. און ליפע באשעוויטש קאָן ניט פארשטיין, וואָס טוען די סאָלדאטן אין שול? סאָלדאטן, רייַטנדיק אף פערד? און וואָס לויפט אזוי דער אוילעם? וואָס שפּרינגט מען דורך די פענצטער? וואָס פאר א מעהומע אף זיי? וואָס פאר א בעהאָלע? און א זעץ פון א נאהייַקע ניכטערט אים אויס, און מע טרייַבט אים צוזאמען מיט נאָך מענטשן אין אוטשאסטאָק אריַין, און דאָרטן אין הויף שרייַבט מען זיי איבער, און אז עס קומט צו אים, גיט מען אים האלדז-איַיך-נאקן און מע וואַרפט אים ארויס:

— איר זעט ניט, אז דער אלטער איז געררירט?..

* * *

— דער רועך האָט מיך געטראָגן אין שול אריַין! — האָט געזאָגט איציקל שאָסטעפּאַל נאָך דעם, אז ער איז ארויס פון שול פריַי. אָפּגעקומען סאכאקל מיט איין נאהייַקע אין פּלייצע. — א גליק, וואָס איך בין א ריינער מענטש און בין נישט פארמישט אין די „דאָזיקע” זאכן...

— וואָס דו ביסט נישט פארמישט אין די „דאָזיקע" זאכן איז פון די קליינינקײַטן; זעסטו, דאָס, וואָס אונדזער טעמע איז ארויס פון זייערע הענט ריין — דאָס איז יאָ א גליק!

אזוי ענטפערט אים זײַן פרוי שיווקע און דאנקט גאָט יעדן טאָג, יעדע שאָ, יעדע מינוט, וואָס איר טאָכטער איז מיט איר. איר זאָגט דאָס הארץ, — א מוטערס הארץ פילט, — אז נישט אף לאנג האָט איר גאָט געשענקט די מאטאָנע; איז ניט הײַנט — איז מאָרגן וועט כאָלילע קומען אן אויסכאפּעניש אף איר קינד.

אזוי האָט זיך א ביסל דורכגערעדט דאָס הארץ שיווקע שאָסטעפּאַל פאר איר קעכן כאווע די ייִדענע, און קיינער האָט זי נישט געקאָנט אזוי פארשטיין און אזוי מיטפילן, ווי כאווקע די ייִדענע, וואָס האָט אליין אויך געהאַט אן „אומגליק".

כאווקע דער ייִדענעס „אומגליק" איז באשטאנען אין דעם, וואָס זי האָט געהאַט א זון אן „אומגליק". געהייסן האָט ער שמוליק, נאָר גערופן האָט זי אים „דער אומגליק".

— גלאַט, מע טאָר ניט זינדיקן, נאָר דעם עמעס פארלייקענען טאָר מען אויך ניט. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אן אומגליק. אזוי א קוק טאָן אף דער מיצווע, דאכט זיך, א גאנץ פײַנער באָכער, א הויכער, א גלאַטער, א לעבעדיקער, און רעדט מיט אים — דאכט זיך, נישט קיין נאר אויך, און א שטילער, א סטאטעטשנער באָכער, און אן ארבעט־יונג, גאָלדענע הענט! ער איז א זייגערמאכער; זײַן באלעבאָס, יאָסי דער זייגערמאכער, קאָן זיך פון אים גאָרנישט אָפּלויבן. אז מע שמועסט, א געראָטענער! איז אָבער דער שווארץ־יאָר זאָל אים וויסן — זינט ער האָט זיך „זניוכעט" מיטן שוסטערס באָנימלעך, פארכאפּט זאָלן זיי אײַך ווערן, איז דאָס קינד געוואָרן אן אנדער קינד! ערשטנס, וואָס פאר א מעכוטן ביסטו גלאַט מיט א שוסטערס א ייִנגל? דײַן טאטע איז ניט געווען קיין שוסטער, און דער זיידע דײַנער אויך ניט... וואָלט דאָס נאָך ניט געווען אזא אומגליק, ווען ער זאָל ניט לייענען קיין ביכלעך פון עקספּראָ... — טפו! איך האָב פארגעסן, ווי ס'הייסט! — און ער זאָל ניט מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, דארן דעם קאָפּ פאר יענעמס ארבעטער. וואָס גייט דיך אָן, צי יענעמס ארבעטער וועלן ארבעטן צוועלף שאָ, צי פערצן, צי אכצן שאָ? פון מײַנטוועגן מעגן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואנט מיט די באלעבאטים אינײנעם אפילע זעקס און צוואנציק שאָ אין מעסלעס, וואָס עפּשער ניט אזוי?..

— געוויס אזוי! — זאָגט שיווקע און קוקט זיך ארום, צי טאמארע הערט ניט זייער שמועס. — ס'איז הײַנט מיט זיי אומעטום צאָרעס און צאָרעס!

פריִער, אײדער די טאָכטער איז געקומען פון פעטערבורג, האָט זי געציילט די מינוטן, זי זאָל שוין קומען בעשאָלעם, און אז זי האָט דערהערט, אז עס זײַנען געשלאָסן אַלע גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן, האָט זיך שיווקע פּאָשעט מעכײַע געווען.

אן עק, א סאָף — מע וועט אופהערן שטודירן, מע וועט שוין קאָנען אמאָל א שידעך טאָן מיט א קינד, שוין צײַט!..

צום סאָף, גיי זײַ א נאָווי, אז מע וועט ניט לערנען, וועט זײַן נאָך ערגער! וואָרעם וואָס קאָן נאָך זײַן ערגער פון דעם, ווי זען א קינד גייט ארום ווי א שאָטן, נודעט זיך, ווערט פארפאלן אף צוויי־דרײַ שאָ, מע ווייסט ניט ווו, גיט זיך אָפּ מיט פוסטע זאכן, פירט קענטשאפט מיט אזעלכע מענטשלעך, ווי דעם שוסטערס קינדער, — אָסער אויב זי פארשטייט, וואָס דאָס איז מיט איר! הײַנט די שרעקן, וואָס מע הערט זיך אָן אצינד! הארגענען, שיסן, אופרײַסן איז הײַנט געוואָרן א וואָכעדיקער גאנג, און דאָ רעדט מען ערשט פון אומגליקן, פון בלוט־פארגיסונגען, וואָס וועלן זײַן!.. גוואלד, וויִאזוי לעבט מען איבער אָט די אלע פּכאָדים?!

* * *

דעם זעלבן טאָג, אפדערנאכט, איז בא טאמארע שאָסטעפּאַל געווען א שטיקל פארזאמלונג. פון פארנאכט אָן האָט זי געהייסן צומאכן די לאָדנס און געבעטן מאכן טיי. ארום אזייגער עלף האָבן זיך איינציקווײַז אָנגעהויבן צונויפקלײַבן, און מיינסטנס אף דער הינ־

טערשטער טיר, יונגעליַט, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען דעם שוסטערס צוויי באָנים, יודל קאַטוינטיס א זונדל, היַינט דער באוואקסענער האָריקער נעפעש, ניַידיטש, און צום לעצט האָט זיך אריַינגעכאפט אויך שמוליק, כאווע דער יידענעס ייִנגל. די גאנצע ציַיט, וואָס די יונגעליַיט זײַנען געגאנגען, האָט איציקל שאָסטעפאל נישט גערוט, געקנייטשט מיט די פלייצעס, אופגעכאפט זיך פונעם אָרט און ארומגעלאָפן איבער דער שטוב, פארלייגט די הענט ארונטער, און געפיַיערט מיט די אויגן — מאָלע גאזלען! נאָר אז ער האָט דערזען אריַינגיין צו דער טאָכטער דער קעכנס בענאָק, איז ער געוואָרן געפלעפט, אנידערגעפאלן אף דער קאנאפע, זיך געכאפט מיטביידע הענט באם קאָפ און גענומען שאָקלען זיך און שריַיען:

— גוואלד! גוואלד! גוואלד!..

— איציע! גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו אים שיווקע, און איציקל מאכט צו איר מיט די הענט און לייגט צו א פינגער צום מויל:

— שא! שטילער! שריַי ניט! דו מאכסט אונדז אומגליקלעך!.. אומגליקלעך מאכסטו אונדז!.. מיר הערן ניט! מיר זעען ניט! מיר ווייסן גאָרנישט! מיר זײַנען נישטאָ אינדערהיים — ש־ש־שא!!!..

קאפיטל ו

א ביטער שטיקל ציַיט

איציקל שאָסטעפאל איז פונדעסטוועגן ניט געשלאָפן. ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט. אז מע האָט אזא טאָכטער, אזא גערא̇טענע טאָכטער, ווי ער האָט, באדארף מען זען זי כאסענע מאכן, איר רעדן א שידעך. נאָר וויאזוי? געוויינלעך, אפן ניַיעם שטייגער, מאָדערן, נאָך דער ציַיט. די רעכטע האנט טאָר ניט וויסן, וואָס די לינקע טוט, כאָסן־קאלע אליין דארפן ניט וויסן, אז זיי זײַנען כאָסן־קאלע. דער שאדכן דארף שטיין אין א זיַיט, און דער באָכער דארף זיך באקענען מיטן מיידל און ארומטאנצן ארום איר אזוי לאנג, ביז די ציַיט וועט קומען, ביז די שאָ וועט שלאָגן... נישטאָ קיין שענערע זאך אף דער וועלט, ווי זען א באָכער, אָדער עטלעכע באָכערים טאנצן ארום א מיידל, ווילן זיך אויספיַינען פאר איר, איבערשטיַיגן איינער דעם אנדערן.

ארום טאמארע שאָסטעפאל האָבן געטאנצט פיַינע באָכערים, די פיַינסטע באָכערים אין שטאָט. און מאכמעס זיי האָבן געטאנצט ארום אזא רעוואָליוציאָנערקע, ווי שאָסטעפאלס טאָכטער, זײַנען זיי געוואָרן, זעלבסטפארשטענדלעך, ברענענדיקע אָנהענגער פון דער רעוואָליוציע, אריַינגעוואָרפן אלעמאָל א הויך וואָרט, ארויסגעוואָרפן א שיינע פראזע. טאמארע שאָסטעפאל האָט אָבער געפאָדערט פון די בורזשואזע רעוואָליוציאָנערן, אז זיי זאָלן ארויסוויַיזן זייער סימפאטיע צו דער באוועגונג ניט נאָר מיט שיינע פראָזעס, ניט נאָר מיט הויכע ווערטער אליין, נאָר מיט דעם, וואָס זיי פארמאָגן, — און וואָס קאָנען פארמאָגן אזעלכע „בורזשואזע פרינצן", אז ניט קיין געלט? און וואָס נאָך קאָן מען פאָדערן פון אזעלכע בורזשואזע רעוואָליוציאָנערן, אז ניט קיין געלט? און די בורזשואזע רעוואָליוציאָנערן האָבן געעפנט זייערע ביַיטעלעך און האָבן געגעבן געלט צוליב דער „באוועגונג", איינער איבערן אנדערן, — און מער האָט טאמארע פון זיי ניט פארלאנגט, און איז געווען צופרידן פון דער באקאנטשאפט, און זיי אוודע — אלע זײַנען געווען צופרידן, און מער פון אלעמען איז געווען צופרידן דער שאדכן, וואָס האָט זיך געדרייט „הינטער די קוליסן". זיַין גאנצע ארבעט איז געווען „הינטער די קוליסן". ער האָט זיך נאָר אריַינגעכאפט איין מאָל אין וואָך, צווישן טאָג און נאכט, צו די שאָסטעפאלס, געכאפט עטלעכע ווערטער מיט איציקלען אָדער מיט שיווקען, נאָכגעפרעגט זיך:

— נו? ווו האלט דאָס?..

— דאנקען האשעם ייִסבאָרעך, דאכט זיך, עס גייט אף א גאנג... — האָט געזאָגט איציקל שאָסטעפאל, און שיווקע האָט צוגעלייגט:

— דער, וואָס לעבט אייביק, זאָל וועלן העלפֿן, ס'זאָל שוין זײַן וואָס גיכער...

דער, וואָס לעבט אייביק, האָט זיך אָבער נישט געכאַפּט העלפֿן וואָס גיכער. דער, וואָס לעבט אייביק, האָט צײַט, און דער זומער איז זיך געגאַנגען מיט זײַנע הייסע לאַנגע טעג, און ס'איז געקומען א נאכט, א וואַרעמע, א שיינע זומער־נאכט, אַן אויסגעשטערנטע, מיט א טיפֿן בלויען הימל, מיט א זינגען פֿון פֿייגלען פֿונעם ניט־ווײַטן גאָרטן. עס ליגט זיך בא אָפֿענע פֿענצטער און עס שלאָפֿט זיך ניט, און עס דענקט זיך, און עס פּלאָנטערן זיך גאָלדענע מאכשאָוועס בא אונדזער איציקל שאָסטעפּאַל אין קאָפּ, גוטע, ליכטיקע, טײַערע מאכשאָוועס: א קנאַסמאָל... א כופּע... פֿאַר ייִדן א כופּע־וועטשערע... פֿאַר קריסטן א באַל... אַפֿן באַל פּריצים א סאַך: דער „פּרעדסעדאַטעל" פֿון „אינטענדאַנטסקע פּראַוולעניע"... דער „סמאָטריטעל" פֿון דער טורמע... צוויי גענעראַלן... און נאָך פּריצים... זיי טרינקען געשמאַק פֿון גרויסע קויסעס, הייסן זיך צופֿירן צו דער קאַלע, לויבן זי אין טאָג אַרײַן, לויבן אַלע ייִדישע מיידלעך: „אַלע ייִדישע מיידלעך, זאָגן זיי, זײַנען שיין, זײַנען מאָלע כיין, רייצנד, רייצנדו!.."

פּלוצעם דערהערט איציקל שאָסטעפּאַל א קלונג. ווער קאָן דאָס צו אים קלינגען אזוי שפּעט? די דינסטן אַלע שלאָפֿן שוין. ער הערט נאָך א קלונג און נאָך א קלונג. מע מוז זיך אַליין מאטריעך זײַן גיין עפֿענען.

און איציקל שאָסטעפּאַל איז זיך מאטריעך ביכוווידו־אַוועאַצמוי און גייט אַליין עפֿענען די טיר, און ער דערזעט... אַנטאָן איוואַנאָוויטש!

אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאָלאָדקאָוו איז שאָסטעפּאַלס אַן אַלטער באַקאַנטער. ער איז דאָ פּריסטאַוו שוין פֿון קאַמע וועקאַמע יאָרן. און איז א ווויִלער גוי — ער נעמט א קערבל... מיט איציקל שאָסטעפּאַל איז ער גאָר א גוטער־ברודער: ער זאָגט שאָסטעפּאַלן „דו" און פּאַטשט אים אין די פּלייצעס. אַלע יאָמטעוו כאַפּט ער זיך אַרײַן צו שאָסטעפּאַלן אַף א גלעזל ווײַן, לויבט די פֿיש און רעדט אים אויס, לעמײַ ער האָט א גאַדלענטע א טאָכטער. טאַמאַרע, אַלעמאָל ווען זי זעט אים, באַהאַלט זי זיך, ווײַל בעשום־אויפֿן ניט אַרויסקומען צו אַנטאָן איוואַנאָוויטשן. אַנטאָן איוואַנאָוויטש פֿאַרשטייט דאָס, ווינקט מיט איין אויג צום פֿאָטער און זאָגט: „דו באַלעוועסט זי צופֿיל! צופֿיל איז זי בא דיר געפּעסטעט! מע טאָר א טאָכטער אזוי ניט נאָכגעבן!.." אזוי מוסערט אים אַנטאָן איוואַנאָוויטש פֿאַר דער טאָכטער, און איציקל שאָסטעפּאַל קוועלט אָן, ווערט ברייטער ווי לענגער.

דערזען כאָלאָדקאָוון, האָט זיך איציקל שאָסטעפּאַל געגעבן א לאָז צו אים:

— אַנטאָן איוואַנאָוויטש! — און איז אָבער באַלד אָפּגעשפּרונגען צוריק, וואָרעם ער האָט דערזען הינטער כאָלאָדקאָווס פּלייצעס אַן אומבאַקאַנטן נאַדזיראַטעל מיט א זשאַנדאַרמסקע אָפֿיצער מיט עטלעכע סאָלדאַטן א צוגאָב...

א גליק, וואָס איציקל שאָסטעפּאַל איז ניט קיין ייִדענע און האָט נישט קיין טעווע פֿון כאַלעשן... ער לאָזט אַרײַן די פּאָליציע, בייגט זיך און נייגט זיך צו זיי און בעט זיי, זיי זאָלן אַרײַנגיין. מע פֿאַרשפּאָרט זיי אָבער בעטן, זיי גייען אַליין.

— ווּ איז דײַן טאָכטער?

אוואַדע האָט איציקל שאָסטעפּאַל געוווּסט, אז זיי וועלן זיך נאָכפֿרעגן אַף דער טאָכטער... צו וועמען דען וועלן קומען אַזעלכע געהויבענע געסט?.. ער בעט זיי צוּוואַרטן, ער וועט גיין אופֿוועקן די טאָכטער און וועט זי אַרײַנרופֿן אהער... מע באַדאַנקט אים. מע דאַרף ניט. זיי וועלן אַליין... זיי לאָזן זיך צו דער טאָכטערס צימער... דער פֿאָטער האַלט אויסגעשטרעקט די הענט און ציטערט...

שיווקע האָט דערהערט אומבאַקאַנטע קוילעס, איז זי א דערשראָקענע אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט מיט א ליאַרעם:

— איציע, וואָס איז?

— גאָרנישט, גאָרנישט, גיי צוריק! — זאָגט צו איר דער מאַן און מאַכט אַף איר מיט בײדע הענט, זי זאָל אוועקגיין... נאָר ווי קאָן זי אוועקגיין, וויסט איז איר, אז זי זעט בא זיך סאָלדאַטן אין שטוב, און דאָס האַרץ זאָגט איר, אז דאָס איז צוליב דער טאָכטער.

— איציע! זאָג מיר, וואָס טוט זיך דאָ, איציע? — אזוי בעט זיך נעבעך די אָרעמע

פרוי בא איר מאַן, ער זאָל איר זאָגן, און איר מאַן הערט נישט אויף צו מאַכן מיט די הענט, זי זאָל גיין.

שיין און רויִק ווי טאָמיד, גרויסאַרטיק ווי א פּרינצעסן, קומט אָן טאַמאַרע פון איר צימער. דאָס ווײַסע שאַלכל אויף די קוים צונויפגענומענע האָר גיט צו נאָך מער כיין צו איר שיין ליכטיק פּאָנעם. מיט איין קוק פון אירע גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן נעמט זי אַרום דאָס גאַנצע בילד. שטיל גייט זי צו צום פּאָטער און צו דער מוטער, וואָס שטייען האַלבטויטע מענטשן, רעדט זיי אויס דאָס האַרץ:

— ס'איז גאָר נישט, האָט נישט קיין יעסורים... עס וועט מיר גאָר ניט זײַן... מע וועט מיך נישט קעפּן...

און טאַמאַרע נעמט אַרום די מוטער, נאָכדעם דעם פּאָטער, און קושט זיי (דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן זומער, און עס מישט זיך אַרײַן פּאָליציע און זאָגט, אַז ניט איצט איז די צײַט פון קושן זיך...

וואָס א קראַנקע אָנגעשראָקענע פאַנטאַזיע קאָן איבערטראַכטן אין איין מינוט, וועט דאָס א האַנט ניט באַשרײַבן אין קיין טאָג... עס איז נישט געווען די שרעק און די צאָרע אויף דער וועלט, וואָס דער אומגליקלעכער פּאָטער האָט איבערגעטראַכט וועגן דעם אין די מינוטן, וואָס די פּאָליציע מיט די זשאַנדאַרמען האָבן „געאַרבעט", און שרעקלעכער פון אַלץ איז געווען דער געדאַנק, טאָמער האָט דאָס א שײַכעס מיט ראָמאַנענקאָן?.. פון דער איינציקער מאַכשאָווע אַליין איז אים געוואָרן קאַלט און הייס, און ווידעראַמאָל קאַלט.

און אַז טאַמאַרע איז אָפּגעגאַנגען, און די רעדער פון אַן עקיפּאַזש האָבן איציקל שאָסטעפּאַל געגעבן צו וויסן, אַז זײַן טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעפאָרן זײַן איינציק קינד, זײַן איינציקע ליבע, גוטע, טײַערע טאַמאַרע, האָט דער אומגליקלעכער פּאָטער גענומען ערשט אַרומלויפן הין און צוריק איבער אַלע כאַדאָרים, אויקען און אָכקען, ברעכן די הענט, רײַסן זיך בא די האָר, שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין וואַנט, און צום סאָף איז ער אַנידערגעפאַלן צו שיווקען אויף די הענט און האָט זיך צעוויינט: „פאַרפאַלן! פאַרשפּילט אונדזער קינד!.."

* * *

דער ערשטער, צו וועלכן דער אומגליקלעכער פּאָטער האָט זיך א וואָרף געטאָן, איז געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַנטאָן איוואַנאָוויטש. דער פּריסטאַוו אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאַלאַדקאָוו איז נאָך געשלאָפן, אַז איציקל שאָסטעפּאַל האָט פון דער גרינג, קוים־קוים, אָנגעקלונגען צו אים אין דער טיר. אים איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן א שרײַבערל מיטן נאָמען נעטשיפּאָרענקאָ, און א הונט סירקאָ. איציקל שאָסטעפּאַל איז גוט באַקאַנט סײַ מיטן שרײַבערל נעטשיפּאָרענקאָ, סײַ מיטן הונט סירקאָ. ער האָט מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע זיך נאָכגעפרעגט באַם שרײַבער אויף אַנטאָן איוואַנאָוויטשן, און געוויר געוואָרן, אַז אַנטאָן איוואַנאָוויטש שלאָפט נאָך, איז ער אַרײַנגעגאַנגען מיט שטילע־שטילע טריט צום שרײַבערל נעטשיפּאָרענקאָ אין קאַנצעליאַריע אַרײַן, דאָרט האָט ער אים אַרײַנגעשמוגלט אין האַנט אַרײַן א זילבערן קערבל. נעטשיפּאָרענקאָ, א שוואַרצער באָכער מיט א פּלאַטשיקן שטערן און מיט שטאַרק־אָנגעשמירטע האָר, האָט דאָס זילבערנע קערבל שטיל אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע, געגעבן א הוסט אין האַנט אַרײַן און געבעטן שאָסטעפּאַלן, ער זאָל זיך זעצן נעענטער צום אָפּענעם פענצטער: באַם פענצטער איז בעסער.

נעטשיפּאָרענקאָ איז געווען גערעכט: באַם פענצטער איז בעסער. א הייסער זומערדיקער פרימאָרגן. גרין און פריש איז בא כאַלאַדקאָוון אונטער די פענצטער. א קליין גערטנדל מיט א צוויי־דרײַ יונגע ביימעלעך. אין גאָרטן שפּראָצן אַרויס מיט גאַדלעס יונגע ציבעלקעס, גרינער סאַלאַט און שעאַר יעראָקעס. א קײַלעכיקע צעקודלטע הון פּירט זיך אַרום מיט איר כאַליאַסטרע און פאַרהילכט דעם קאָפּ מיט איר קוואָקען און מיט זייער פּישטשען. נעטשיפּאָרענקאָ שרײַבט, און די פּען בא אים סקריפּעט. איציקל שאָסטעפּאַל קוקט

אין גאָרטן ארויס און טראכט וועגן אוילעמהאזע, וואָס איז אינגאנצן אָפּגעגעבן געוואָרן צו יעשועןְ. „יאנקעוו, וואָס האָט אויסגענארט בא יעשועןְ די בכוירע און בא יִיצכאָקן די בראָכע, האָט מאקעס, צאָרעס האָט ער מיט שלעק, מיט וויטיק, מיט געבראָטענע לייד. אָט איז ער, איציקל שאָסטעפּאל, א יִיד א נאָגיד, מע קאָן זאָגן א גוויר, האָט איין קינד סאכאקל, — וואָס פאר א פארגעניגן האָט ער געהאט אין זייַן לעבן? האָט ער זיך פאַרגונען ווען האָבן אזא גערטנדל? אזעלכע גרינע פּרישע ביימלעך? הינער מיט קליינע הינדעלעך?.. וואָס ווייסט ער פון א לעבן צו זאָגן, אכוץ געשעפט און ווידעראמאָל געשעפט? אכוץ פּאָרעץ און פּאָרעץ און ווידעראמאָל פּאָרעץ? שיין האָט ער זיך אויסגעפּייַנט דער כאָכעם יאנקעוו אקעגן זייַן פּראָסטן ברודער יעשועןְ!..

פון צווייטן צימער הערט זיך א באקאנט קאָל: „נע־טשי־פּאָ־רען־קאָ!” דאָס איז אנטאָן איוואנאָוויטש אופגעשטאנען פונעם שלאָף, רופט צו זיך דעם שרייַבער. אין עטלעכע מינוט ארום רופט מען ארייַן צו אים שאָסטעפּאלן. איציקל שאָסטעפּאל לייגט אוועק אנטאָן איוואנאָוויטשן אפן טיש א פארכאסמעטן פּאקעט. אנטאָן איוואנאָוויטש כאפּט א קוק מיט איין אויג אפן פּאקעט און טוט א זאָג צו שאָסטעפּאלן: „צו וואָס?..” איציקל שאָסטעפּאל ענטפערט אים ניט אף דער פראגע און פרעגט אים, צי איז ער גוט געשלאָפן? א מינוט זיצן זיי ביידע שטיל. נאָכדעם ווענדט זיך דער יִיד צום פּריסטאוו מיט זייער אן אונטערטעניק שמייכעלע:

— אנטאָן איוואנאָוויטש דארף זיך שטויסן, וואָס איך בין געקומען... אנטאָן איוואנאָוויטש מוז וויסן, וואָס דאָ איז... איך פאָדער פון אנטאָן איוואנאָוויטשן קיין זאך ניט, נאָר דאָס איינציקע — ער זאָל מיר זאָגן, וואָס דאָ איז?..

— ביסט א גרויסער נאר, שאָסטעפּאליעץ! (אזוי רופט אים דער פּריסטאוו.) אף דיר איז מיר א וואונדער. דו ביסט דאָך עפּעס א יִיד, און יִידן זייַנען אלע קלוג, — ווי קומט דאָס, דו זאָלסט מיך פרעגן אזא זאך? דו פארשטייסט דען אליין ניט, אז איך ווייס גלייַך מיט דיר? וואָס ווייסט פּאָליציע? פּאָליציע איז א בעזעם, א שטעקן אין די הענט פון דער העכסטער מאכט. מע הייסט אונדז גיין — גייען מיר, מע הייסט אונדז נעמען — נעמען מיר..

— אנטאָן איוואנאָוויטש וועט מיר זאָגן כאָטש, ווו זי איז? ווו מייַן טאָכטער איז?..

— דייַן טאָכטער, שאָסטעפּאליעץ, איז אין טורמע.

— אין טורמע?..

איציקל שאָסטעפּאל פילט, ווי מע האָט אים געגעבן מיט א פּיסטויל אין הארצן. עס באשלאָגט אים א שווייס, און ער ווערט קלענער מיט א גאנצן קאָפּ.

— אנטאָן איוואנאָוויטש זאָל זייַן א גוטער, וואָלט ער מיר געזאָגט, צו וועמען איך זאָל גיין, צו וועמען איך זאָל מיך ווענדן?..

— צום סמאָטריטעל פון דער טורמע פארוואָס גייסטו ניט? — פרעגט אים דער פּריסטאוו. — ביסט דאָך מיט אים א גאנץ קנעפּל!.. איר מאכט דאָך ביידע „כאפּעס”.. (אנטאָן איוואנאָוויטש באווייַזט אים מיט דער האנט, וויִאזוי זיי ביידע מאכן כאפּעס.) גיי זיך דורך צו אים, עפּשער וועט ער דיר עפּעס קאָנען זאָגן, פארוואָס מע האָט זי פארנומען? כאָטש איך גלייב ניט אין דעם. ערשטנס, ווייסט ער גלייַך מיט אונדז ביידן. דאָס ווייסט נאָר די זשאנדארמעריע, ווייַטער קיינער נישט... און, צווייטנס, איז ער א גרויסער הונט, דייַן סמאָטריטעל. איאָ ,ער איז א הונט?

— נאָך א מין הונט! א הונט שעבעהונט! — זאָגט איציקל שאָסטעפּאל, שטייט אוף, גלייַכט זיך אויס די ביינער, לאָזט ארויס א טיפן זיפץ, און אז ער שטייט שוין בא דער טיר, באקומט ער פון אנטאָן איוואנאָוויטשן אן אויסרייד, לעמיַ האָט ער אזויפיל נאָכגעגעבן דער טאָכטער? אנטאָן איוואנאָוויטש האָט אים וויפל מאָל געזאָגט, אז א קינד טאָר מען אזוי ניט נאָכגעבן, אזויפיל באלעווען!..

— אצינד זעסטו, שאָסטעפּאליעץ, אז איך בין דיר א גוטער־פרייַנט?..

מיט א היץ אין קאָפּ און מיט א קעלט אין הארצן כאפּט זיך ארויס פונדאנען איציקל שאָסטעפּאל און לאָזט זיך צום סמאָטריטעל פון דער טורמע.

די טורמע איז א טורמע — אזוי ווי אלע טורמעס. אן אומעטיקע, א הויכע, א שטומע, מיט א סאך קוימענס און מיט א סאך פענצטערלעך פון אויבן ביז אראָפּ, ווי א מאלעכהא־

מאָוועס מיט אויגן. וויפל מאָל איציקל שאָסטעפּאַל איז דאָ געווען, האָט ער קיינמאָל נישט קיין טראכט געטאָן וועגן די נעשאָמעס, וואָס רייניקן זיך אינעם דאַזיקן גענעם... און אז ער האָט יאָ וועגן א טראכט געטאָן, איז דאָס געווען א מאכשאָווע אף א רעגע. ווען האָט ער צײַט דערויף?.. קיינמאָל האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז פאר אים וועלן אמאָל האָבן אן אינטערעס אָט די קליינע פענצטערלעך, אָט די אײַזערנע גראטעס, אָט די שטומע ווענט, וואָס שווײַגן, ווילן ניט זאָגן, וואָס דאַרטן, אינווייניק, טוט זיך... שוין זשע געפינט זיך דאַרטן איצטער זײַן טאָכטער גלײַך מיט אלע די, פאר וועלכע ער שטעלט צו „פּראָוויאַנט"? עס קאָן ניט זײַן! עס איז א כאָלעם! א בייזער כאָלעם!..

ער פאָרט צו צו דער טורמע, שפּרינגט אראָפּ פון דער דראָזשקע און קלינגט אָן צום סמאָטריטעלס טויער, וואָס פון דער רעכטער זײַט פאַרקן. א קליין ווײַס שטיבל מיט גרויסע טעפּ מיט בלומען אף די פענצטער און מיט א גרינעם פּאָפּוגײַ אין א געגילט שטײַגל.

דער סאָלדאט, וואָס בא דער טיר, קען שוין שאָסטעפּאַל דעם פּאָדריאַדטשיק און ער ווייסט, אז אף א טרונק בראנפן וועט שוין דאָ זײַן געוורים. אלעמאָל, ווען דער ייִד קומט אהער, רוקט ער אים ארײַן א זילבערנע מאטבייע אין האנט ארײַן. פאר וואָסערע מײַסים טויווים — ווייסט ער אליין נישט...

— איר דארפט צום פּאָרעץ? זײַט זיך מאטריִעד אהער, אין קאנצעליאַריע: דאָרטן זײַנען זיי...

אזוי זאָגט צו אים דער שוימער, האלט שוין גרייט די האנט אף צו מעקאבל זײַן די מאטבייע, און לאָזט ארײַן דעם סויכער שאָסטעפּאַל צום סמאָטריטעל אין קאנצעליאַריע.

דער סמאָטריטעל פון דער טורמע, מיראָן פּאַדייִטש קאבאלקין איז א גוי א סויכער. אים האָט נאָך קיין ייִד נישט אָפּגענאַרט; און דער ייִד, וואָס מיינט, אז ער האָט אָפּגענאַרט קאבאלקינען, האָט זיך נאָכדעם געוויס ארומגעקוקט, אז קאבאלקין האָט אים אָפּגענאַרט... איין אייגל קוקט בא אים ארויס קיין צאָפן-זײַט, און דאָס אנדערע קוקט אײַך גלײַך אין דער נעשאָמע ארײַן. ער האָט א טעווע, אז ער רעדט מיט אײַך, צעשפּיליעט ער דעם מונדיר און פאַרשפּיליעט זיך, האָט צו טאָן קעסיידער מיט די קנעפּ. און רעדן רעדט ער גיך, צו דער זאַך, האָט פײַנט פּוסטע רייד. דערזען איציקל שאָסטעפּאַל בא זיך אין קאנצעליאַריע, האָט ער צו אים א מאך געטאָן מיט ביידע הענט, געקוקט מיט איין אייגל:

— ניין, ברודערל, בא מיר פרעג ניט, איך ווייס גאָרנישט ניט! גאָרנישט ניט! און בין פאַרנומען היינט! און איך האָב קיין צײַט ניט! האָב קיין פּאַריבל ניט!..

און איציקל שאָסטעפּאַל מוז נעבעך גיין צוריק און מיט א וויסט הארץ כאַפּן נאָכאמאָל א קוק אף די שטומע ווענט פון דער הויכער טויטער טורמע.

„ווּוהין פאָרט מען?" — טראכט זיך איציקל שאָסטעפּאַל און הייסט זיך פירן אף דער רײַכסטער גאס און שטעלט זיך אָפּ און קלינגט אָן פריִער צו יענע מעכוטאָנים, וואָס זייערע קינדער שאדכענען זיך צו זײַן טאָכטער. זיי וווינען ווי די „מאָנארכן" אין די שענסטע פּאַלאצן, און דאַפקע אקעגן גובערנאטאָר...

געטראָפן א לאקיי בא דער טיר מיט א שווארצן פראק און מיט א ווײַסן שניפּס, און דאַפקע א גוי, און דאַפקע א ראָשע, וואָס לאָזט נישט צו קיין ייִדן אריבער דער שוועל: „אין קאָנטאָר ארײַן!" — איין ענטפער פאר אלעמען, — איז ער געפאלן אף אן אייצע: ער האָט ארײַנגעשמוגלט דעם „גויִשן פּאָרעץ" וואָס בא דער טיר א „כאָצי פויגל" און האָט אים געזאָגט, ער זאָל זאָגן דעם „ייִדישן פּאָרעץ", אז אים וויל זען איסאַק שאָסטעפּאַל... אזוי טאַקע מיט די ווערטער: איסאַק שאָסטעפּאַל!.. עס האָט געהאָלפן! ברייט זײַנען אופגעעפנט געוואָרן פאר אים די טירן, אין א שיינעם זאל האָט מען אים ארײַנגערופן, אף א ווייכן שטול האָט מען אים באזעצט, און מיט זייער א פרײַנטלעך שמייכעלע האָט מען אים אופגענומען, געוואָלט מעכאבעד זײַן מיט טיי, — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. נאָר אז ס'איז געקומען צו דער זאַך, צוליב וועלכער ער איז אהער געקומען, איז דאָס פרײַנטלעכע שמייכעלע פאַרשוווּנדן געוואָרן, און עס האָט זיך באוויזן אף זייערע פּענעמער א שטיקל בעהאָלע.

— וואָס? אײַער טאָכטער אין טורמע?.. וואָס זאָל דאָס באטײַטן?.. שרעקלעך! שרעקלעך! א קלאָפּ, פּאָשעט ווי מיט א קויל אין הארצן!.. וואָס פאר אן אייצע זאָל מען אײַך

געבן? לײדער קאָן מען נישט העלפֿן דערצו גאָרנישט... נישט באַקאַנט מיט די „דאָזיקע“ לײַט...

אָט אַזאַ מין װאָרעמען „באַרעכאַבע“ האָט געהאַט איציקל שאָסטעפּאַל בײַ זײַנע געהויבענע מעכוטאָנים, װאָס זײערע זינדלעך שאַדכענען זיך צו זײַן טאָכטער.

* * *

דער אײנציקער, װעלכער האָט בעעמעס מיטגעפֿילט דעם אָרעמען פֿאָטער אין זײַן גרויסן אומגליק און אין װעלכן איציקל שאָסטעפּאַל האָט געפֿונען אַן עמעסן איבערגעגעבנסטן פֿרײַנט, איז געװען, װי דער לעזער קאָן זיך שטויסן, סאַשע סאַפּראַנאָװיטש.

דעם אַפּטײקערס זונדל האָט נישט געװאַרט, ביז שאָסטעפּאַל װעט קומען צו אים און װעט אים בעטן, ער זאָל עפּעס טאָן. סאַשע, װיבאַלד ער האָט נאָר דערהערט, אַז באַנאַכט האָט מען צוגענומען טאַמאַרען, איז ער גלײַך אַרופֿגעלאָפֿן אַרױף צו שאָסטעפּאַלן און האָט געטראָפֿן די אומגליקלעכע מוטער, שיװקע שאָסטעפּאַל, אין אַזאַ לאַגע, װאָס מע האָט געמוזט רופֿן באַלד אַ דאָקטער, מינטערן און ברענגען רעפֿועס פֿון דער אַפּטײק, און שפּעטער, אַז דער פֿאָטער איז געקומען פֿון זײַן „גליקלעכער“ רײַזע איבער זײַנע קריסטלעכע און ייִדישע גוטע-פֿרײַנט און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין שטוב אַרײַן מיט אַזאַ פּאָנעם, װאָס מע האָט פֿאַרשפּאָרט װערטער, — האָט סאַשע זיך אַלײן אַרויסגערופֿן, אַז טאָמער דאַרף מען ערגעץ גײן געװויר װערן, גײט ער; טאָמער דאַרף מען אָנװענדן פּראָטעקציעס, אויסנוצן זכוס-אָװעס, האָט ער אַ װעג דורך זײַן פֿאָטער. דער אַפּטײקער האָט זײער פֿיל באַקאַנטע קריסטן, אָפּיצערן, װאָס ער שפּילט מיט זײ אין קאָרטן...

— שאַט! — האָט אַ זאָג געטאָן סאַשע און האָט זיך געגעבן אַ פּאַטש אין שטערן. — איך האָב! איך האָב! בײַ מײַן פֿאָטער איז דאָ אַ באַקאַנטע פּערזאָן, אַן אַלטע „באַרישניע“, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ הײסט זי, זי קומט צו אונדז אַלע טאָג אין דער אַפּטײק. האָט די נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ אַ ברודער אַ זשאַנדאַרמסקע ראָטמיסטער, װאָס ער מוז װיסן אַלץ. אויב איר װעט מיר דערלויבן, טו איך שוין אַ גײ צו דער נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ... איך בין בײַ איר אַ גאַנצער כאָשעװ...

— אויב איך װעל אײַך דערלויבן? — זאָגט איציקל שאָסטעפּאַל און קאָן מער נישט רעדן, און װען ער זאָל זיך ניט שעמען פֿאַרן אַפּטײקערס זונדל, װאָלט ער אים געפֿאַלן אױפֿן האַלדז קושן, װאָרעם ער פֿילט, אַז ער, סאַשע, איז אים אַ פֿרײַנט, אַן עמעסער, אַן איבערגעגעבענער פֿרײַנט, דער אײנציקער צװישן אַלע גוטע-פֿרײַנט!..

סאַשע איז אַװעק צו דער „אַלטער באַרישניע“ און האָט זי געטראָפֿן בײַ זיך אין גאָרטן איבערזעצן קװײטן. דערזען דעם יונגן סאַפּראַנאָװיטש, האָט זי זיך אױפֿגעהויבן פֿון איר אַרבעט און איז אים געגאַנגען אַקעגן מיט אַ שײנעם „גוט-מאָרגן“, אים אויסגערעדט, פֿאַרװאָס ער קומט ניט אָפֿט אַהער, אין דעם קלײנינקן גאַנײדן, װאָס זי אַלײן מיט אירע אײגענע הענט האָט באַשאַפֿן. דאָ האָט אים נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ מיט איר הענטל באַװיזן בעעמעס אַ קלײנעם גאַנײדן פֿון פֿאַרשײדענע בלומען, װאָס שמעקן, יונגע בײמלעך, װאָס בליִען, סאַמעטן גראָז, װאָס בעט זיך, מע זאָל דאָס אַ גלעט טאָן, און געלע שמאָלע סטעזשקעלעך, מיט זאַמד אויסגעשאָטן, װאָס ציִען זיך, װי געלע סטענגעס אױף גרין זײַדנצײַג, מיט בלומען באַפּוצט פֿון דער מילדער האַנט פֿון דער דאָזיקער פֿײע, אָדער פּרינצעסן פֿון גאַנײדן, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ. עס איז נאָר געװען אָן אַװײרע אָן אַ פּאַרדראָס, װאָס די פֿײע, אָדער די פּרינצעסן פֿון דעם גאַנײדן, מיט די ברילן אױף דער נאָז, האָט מיט איר גראָבלעכער מאַנצבלשער שטים גענומען אויסרעכענען, װאָס דאָס קאָסט, װאָס דאָס גאַנצע הויז קאָסט, און װאָס דאָס הויז ברענגט אײַן, און װאָס דער גאָרטן ברענגט אײַן, — „ס'איז נישט קעדײַ, עס טראָגט ניט אַפֿילע קײן פֿינף פּראָצענט...“ אַ פֿײע מיט ברילן... אַ פּרינצעסן מיט פּראָצענט... אַך, װי װײניק דאָס שטימט מיט דעם קלײנינקן גאַנײדן!.. און סאַשע טרעט צו צו זײַן זאַך, װאָס צוליב דעם איז ער געקומען.

די גאַנצע צײַט, וואָס דער יונגער סאָפּראָנאָוויטש האָט גערעדט, איז די אַלטע „באַרישניע" געשטאַנען, די הענט פֿאַרלייגט אַהינטער, געקוקט דורך די ברילן אַרויף אויפֿן הימל און געהערט מיט קאָפּ. און אַז סאַשע האָט געענדיקט, האָט זי אַוועקגעשטעלט די ברילן אויף אים און געזאָגט מיט איר גראָבלעכער מאַנצבלשער שטים:

— ווילט איר, הייסט דאָס, איך זאָל דורך מײַן ברודער אײַך איבערגעבן אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו דער געפֿאַנגענער, וויאַזוי הייסט זי? טאַמאַרע? אַ פּאַטעטישער נאָמען... זייער אַ פּאַטעטישער נאָמען!.. אָבער איך מוז אײַך זאָגן, מײַן ליבער יונגערמאַן, אַז די אויפֿגאַבע איז ניט פֿאַר מיר. איר ווילט וויסן, פֿאַרוואָס? איך וויל נישט האַנדלען מיט אַ זשאַנדאַרמסקי.

— אײַער ברודער דער ראָטמיסטער... — וויל איר סאַשע אָפּענטפֿערן.

— מײַן ברודער איז דער זעלבער, וואָס זיי, דער זעלבער זשאַנדאַרם. איך וויל אים נישט קענען! איך וויל זײַן פּנים נישט אָנקוקן!

אויף אַזאַ קלאַפּ האָט זיך סאַשע ניט געריכט. סאַשע איז אָבער ניט פֿון די מענטשן, וואָס פֿאַרלירן זיך באַם ערשטן אָפּשטויס. ער האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפֿטן. ער האָט אָנגעשיקט אויך זײַן פֿאָטער אויף דער „אַלטער מויד", און ער האָט געפּועלט, אַז זי זאָל זיך איבערבעטן צוליב דעם מיט איר ברודער דעם זשאַנדאַרמסקי ראָטמיסטער. און עס איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין עטלעכע טעג, האָט נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געבראַכט צו טראָגן אין דער אַפּטייק אַרײַן אַ גאַנצן פּאַק מיט נײַס, פֿאַרדרייטע, פֿאַרפּלאָנטערטע, פֿאַרקריפּלטע. דער רועד אַליין קאָן דאָ ברעכן דעם קאָפּ: עפּעס אַ מיידל, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַנגען אין טורמע... און אַ באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַוועקגעשיקט איינעם אויף יענער־וועלט...

— דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי וויסן דאָרטן! זאָלן זיי אײַך אַלע ברעכן די קעפּ! און מיך זאָלט איר לאָזן צורו און נישט בעטן מער, איך זאָל מיר שמוצן די הענט! און פֿאָלגט מיך, יונגערמאַן, טוט אַ שפּײַ אויף דעם גאַנצן אייסעק און קומט בעסער צו מיר אין גאָרטן הײַנט, וועל איך אײַך מעכאַבעד זײַן מיט „שפּאַנקעס", מײַן אייגענע פֿלאַנצונג, איר האָט נאָך אַזעלכע שפּאַנקעס ניט געגעסן! ווען איך האָב אַזעלכעביימער אַ סאַך, וואָלט איך געקאָנט פֿאַרגרעסערן די האַכנאָסע פֿונעם גאָרטן אינצווייען, אויב ניט אינדרײַען...

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז סאַשע סאָפּראָנאָוויטש האָט איבערגעגעבן טאַמאַרעס פֿאָטער די דאָזיקע ידיִע אין זייער אַן אײדעלער פֿאָרם, אָדער ווי זײַן פֿאָטער דער אַפּטייקער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זײַן אַפּטייק־לאָשן: „אַ ביטערע פּיל אײַנגעוויקלט אין גאָלד". ער האָט געמאַכט די גאַנצע געשיכטע צו קליינגעלט, און אַז איציקל שאָסטעפּאַל האָט מיט שרעק און מיט האָפֿענונג אויסגעהערט די דאָזיקע באַפּוצטע געשיכטע, האָט אים דאָס פּנים געשײַנט, די אויגן געלויכטן, ווי באַ אַ קליין קינד, וואָס מע האָט נאַרוואָס באַשטראָפֿט און איבערגעבעטן מיט אַ שפּילכל: „ער ווייסט שוין, ער פֿאַרשטייט שוין — אַלץ איבער אָט דעם ראָמאַנענקאָ, יימאַך שמוי ווזיכרוי!..

פֿון יענעם טאָג אָן האָט סאַשע נישט גערוט. ער האָט דורכגעשלאָגן, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אײַזערנע טירען, און זיך באַקאַנט מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס ער וואָלט זײַנע יאָרן אויסגעלעבט און וואָלט זיי נישט געקענט. ער איז געוווירן געוואָרן סוידעס... עס איז אים געראָטן, געוויינלעך, פֿאַר געלט (שאָסטעפּאַל האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט), צו לייענען אַ קאָפּיע פֿון טאַמאַרעס אַ בריוו צו איינעם אַ כעווערעמאַן מיטן נאָמען מאַרטשענקאָ. אַ בריוו אַ הייסער, אַ פֿלאַם־פֿײַעריקער בריוו... סאַשע וואָלט זיך גערעכנט גליקלעך, ווען טאַמאַרע שרײַבט צו אים, צו סאַשען, אַזאַ בריוו... ער האָט נעבעך אַלץ געמוזט אַראָפּשלינגען, נאָר עס האָט זיך נישט געהאַנדלט דאָ אום זײַנע אייגענע געפֿילן צו טאַמאַרען; דאָ איז געווען נייטיק אַרויסצורײַסן זי פֿון די אײַזערנע נעגל, אַרויסשלעפּן זי פֿונעם אָפּגרונט, אין וועלכן זי איז אַרײַן און אין וועלכן זי האָט וואָס ווײַטער אַלץ מער געזונקען. עס האָט זיך באַ זיי געוויקלט איין איניען אינעם אַנדערן: דער נאָמען מאַרטשענקאָ איז געווען געבונדן מיט ראָמאַנענקאָ. ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ איז געווען

איַינגעפלאָנטערט אין דער געשיכטע פון מאשע באשעוויטש, וואָס האָט אזוי טראגיש גע־מאכט א סאָף צו איר לעבן אין טורמע...

און אָפטער גאסט איז געוואָרן איציקל שאָסטעפאל בא זיַין שאָכן דעם אפטייקער אין הויז... ער האָט זיך באפריַינדעט ניט נאָר מיטן אפטייקערס זונדל, נאָר אויך מיטן אפטיי־קער אליין, און מיט סאשעס כאווער, קעסלער. עס איז געווען צו זען אלע פארנאכט באם אפטייקער אין שטוב א קליינע אסיפע פון היימישע מענטשן: סאָלאָמאָן סאפראנאָוויטש, איציקל שאָסטעפאל, סאשע סאפראנאָוויטש און זיַין כאווער שימען קעסלער, און מע האָט גערעדט נאָר פון איין פערזאָן — פון טאמארען, און נאָר פון איין זאך — פון איר באַ־פריַיונג.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — אזוי מאכט איציקל שאָסטעפאל צו זיַין פרוי שיווקע. — אָט דער סאפראנאָוויטש (שוין אויס „אפטייקער”) איז א גאנץ וויל מענטשל. מיר איז געפעלן, וויאזוי ער פירט זיך מיט זיַין זון (שוין אויס „זונדל”, נאָר „זון”!), וויאזוי ער גיט אים אָפ קאָוועד און וויאזוי ער האָט אים ליב — און ס'איז טאקע דאָ וועמען!..

אויך דער אפטייקער האָט געביטן די מיינונג אף זיַין שאָכן שאָסטעפאל. ער זאָגט צו זיַין זון:

— א ראכמאָנעס נעבעך אף אונדזער שאָסטעפאל! (שוין אויס „אידאש”!) ער איז גאָרנישט אזא ווילדער מענטש, כלעבן!

קאפיטל ז

אלצדינג רוט

מיט ריזנטריט איז זיך די באוועגונג געגאנגען איר וועג איבער אלע שטעט און שטעטלעך אין איין גרויסן ווידערקאָל, אין וועלכן עס האָט אָפגעקלונגען דאָס איינציקע וואָרט פריַיהייַט... אלע רעדער פון דער גרויסער לאנד־מאשין האָבן זיך ווי דורך א באפעל פון א גרויסן מעכאניקער, אָדער דורך א קישעף פון א צויבער־שטעקן, אָפגעשטעלט, און אלץ איז ווי פארשטאָרבן געוואָרן, און א מאָדנע רו און א מערקווירדיקע שטילקייַט איז אריַינגעטראָטן אין גאנצן לאנד, א מין נאטירלעכער פיַיערטאָג, א גרויסער יאָמטעוו, נישט אזא יאָמטעוו, וואָס ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די מענטשן בעיערושע, נאָר אזא מין יאָמטעוו, וואָס מענטשן אליין האָבן אים באשאפן, וואָס מענטשן אליין האָבן, נאָך א סאך יאָרן שווער ארבעטן און נאָך א סאך יאָרן זיך ארומריַיסן איינער מיטן אנדערן, מיט־אמאָל אים, דעם יאָמטעוו, ארויסגערופן אין לעבן, האָבן זיך פארייניקט אונטער איין אידיי און זיך צונויפגעקליבן אלע אין איין אָרט און געזאָגט צו זיך אליין: הייַנט זאָל זיַין שאבעס וועַנעפעש — גערוט און אויסגערוט!..

— א גוט־יאָמטעוו איַיך! — האָט געזאָגט יודל קאטוינטי, אריַינגעפאלן צו נעכע־מיע דעם שוסטער מיט אזא יאָמטעוודיקן אריסזען, ווי סיַידן סימכאסטוירע קאָן א ייִד זיַין אזוי בעגילופן. עפשער איז דאָס געווען דערפאר, וויַיל יודל קאטוינטי איז שוין גע־ווען אין א פּאָר ערטלעך בא באקאנטע באלמעלאָכעס און געטרונקען לעכאַיִם לעקאָוועד דעם גרויסן יאָמטעוו, וואָס „מיר, באלמעלאָכעס”, האָבן געמאכט? און עפשער איז דאָס געווען דערפאר, וויַיל זיַין „זוגאָסי” (אזוי האָט ער זי גערופן: „מיַין זוגאָסי”) האָט אים ארויסגעטריבן, ער זאָל גיין קריגן ערגעץ אף שאבעס? און עפשער איז די פריילעכקייַט אים געקומען דערפון, וואָס זיַין „קאדיש” איז איבערגעפירט געוואָרן פון איין געפענ־קעניש אינעם אנדערן, און ס'איז א סוואָרע, אז מע זאָל אים מישפּעטן מיט פעלד־געריכט, אָדער, ווי יודל רופט דאָס אָן „בעכעסעד אווערָאכמים — מיט יוישער און מיט סאָוועסט, א שטריקל אפן האלדז און פּאָזשאלויטע אוּוו קאזנו”?..

— א מיצווע, זאָל זיך א הונט ניט גלוסטן קיין האָמענטאַש, אז ער הערט ניט די מעגילע!

אזוי לאָזט אויס יודל קאַטוינטי מיט זײַן בלומענשפּראַך און באַקומט א פּאָרציע פֿון נעכעמיע דעם שוסטערס ווײַב, זיסל:

— א כאַרפּע און א בושע אין אײַער ווײַטן האַלדז אַרײַן! ווי שעמט זיך דאָס ניט א ייִד הײַנטיקע צײַטן רעדן אַזעלכע ווערטער און מאַכן כויזעק פֿון אַן אייגענעם זון, וואָס האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן פֿאַר אײַך און פֿאַר מיר און פֿאַר אונדז אַלעמען? אײַער גליק, וואָס מײַנע קינדער זײַנען איצט נישטאָ אינדערהיים; מײַן כאַיִם וואָלט אײַך געגעבן א פּעטשאַטעק, אז ס'וואָלט אײַך פֿינצטער געוואָרן אין בײדע אויגן!

— וואָט טיעבע יוּיצער האַמעירעס! — זאָגט יודל קאַטוינטי, און נעכעמיע דער שוסטער זעצט דאָס איבער אויף ייִדיש:

— אָט האָסטו דיר א כאַסענע!

— וואָס דען? זעצט זיך אַזוועק אַזאַ ייִד אָפּלאַכן פֿון זײַן אייגן קינד, וואָס איז זיך מאַפֿקיר פֿאַר דער וועלט...

— פֿאַר דער וועלט? — זאָגט יודל. — די „וועלט" האָט, הייסט עס, אַרײַנגעשיקט א בריוול צו מײַן זון: „יעדידי רעב וועלוול! הינײַ קיפּיי קאַשער אַזוי ווי איך, „וועלט", בין פֿאַרבײַ, איך דאַרף האָבן פּרײַהײַט, לעכיין באַקאַשטי, זאָלסט זיך מאַטריִעך זײַן צו מיר לעמאַנהאַשעם מיט נעכעמיע דעם שוסטערס צוויי באָנים און מיט כאַווע דער ייִדע־נעס קאַדיש, און מיט נאָך אַזעלכע אַנשי־כאַיִם פֿון אונדזער פֿאָלק אַמכאָ... שאַ! באָרוך האַבאָ, א ייִד רעב ליפּע!..

דאָס איז געווען ליפּע באַשעוויטש.

ווען יודל קאַטוינטי זאָל נישט געבן צו וויסן, אז דאָס איז ליפּע באַשעוויטש, וואָלט מען אים זיכער נישט דערקענט. אזוי שטאַרק האָט זיך דער אָרעמער „האַלק־ייִד" איבער־געביטן. זײַן בעזעמדיקע באָרד איז געוואָרן ווײַס ווי שניי און צעשפּרייט אין דער ברייט איבערן גאַנצן פּאָנעם. און דאָס פּאָנעם אַליין איז געוואָרן מאָדנע געל־גלאַנצנדיק און גע־קנייטשט, ווי א צעקנייטשטע מעגילע אויף דער לינקער זײַט. דער שטערן האָט זיך אַרויף־גערוקט אַרויף מיט צוויי גאַנץ טיפֿע ווינקלען. דאָס היטל טראָגט ער איבער די אויגן, דאָס האַרץ בײַ אים איז צעכראַסטעט. די קאַפּאָטע איז צעפּליקט, איין אַרבל אויסגעריסן, און א גרויסן שטעקן אין האַנט טראָגט ער, און די אויגן בײַ אים ברענען ווי קוילן, קוקן אין איין פּינטל אַרײַן, און רעדן רעדט ער מיט א ניגון, און איין אָפּשטעל, שטייט ניט אויף איין אָרט, גייט פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער און וועקט דעם אוילעם, גרייט אים צו צום גרויסן אומגליק, צום אויסגוס, צום שטורעם, וואָס קומט אויף דער וועלט.

— הערט צו, פֿעלקער! — אזוי האָט ליפּע אָנגעהויבן מיט א ניגון פֿון פּאָסעק, אז ער איז אַרײַנגעקומען צו נעכעמיע דעם שוסטער. — פֿאַרגעסט, איר מענטשן פֿון דער וועלט, וואָס מײַן מויל טוט צו אײַך רעדן אַצינד. וואַכט אויף פֿון אײַער שלאָף, הייבט אויף אײַערע אויגן אַרויף און אַראָפּ, אַרום און אַרום, און זעט, ווי עס כמאַרעט זיך דער הימל. שוואַרצע וואָלקנס טראָגן זיך אינדערלופֿטן, דער ווינט טוט זיי טרײַבן מיט א גרויס אײַ־לעניש, און זיי פֿאַרדעקן דעם גאַנצן הימל. אָט באַלד ברעכט אויס א שטורעם, אָט באַלד קנאַלט אויס א דונער און עס טוט א זעץ א רעגן, א שלאַקסרעגן, אָבער נישט קיין רעגן פֿון וואַסער, נאָר א רעגן פֿון בלוט. עס פֿליסן טײַכן, טײַכן פֿון בלוט לויפֿן באַרג־אַראָפּ, פֿילן אָן די הײַזער, טרײַבן אַרויס די מענטשן אויף דער גאַס, לויפֿן אַרום ווי מעשוגאָיִם, שרײַען און פֿילדערן, קוקן אַרויף, גייען ביזן האַלדז אין בלוט און רופֿן גאָט, ער זאָל זיי העלפֿן. אָבער ער הערט ניט, דער גאָט, ער איז א גאָט פֿון נעקאָמע. ער קאָן אײַך ניט פֿאַרגעסן אײַערע זינד און אײַער שולד, וואָס איר טוט פֿעלשן, נאַרן איינער דעם אַנדערן, שווינדלען און ליגנערן און פֿאַרגיסן אומזיסטיק בלוט...

— אָט וועט איר באַלד הערן, ווי ער וועט אויסלאָזן מיט א מאָדנעם געזאַנג! — אזוי באַמערקט יודל קאַטוינטי, און ער האָט געטראָפֿן. ליפּע באַשעוויטש פֿאַלט אַרײַן פֿו־נעם פֿריִערדיקן נוסעך אינעם נוסעך פֿון קינעס און לאָזט אויס זײַן דראָשע אזוי:

— זאמלט אײַך צונויף אַלע, אײדער עס קומט דער בלוטיקער מאַבל אױף דער װעלט, טוט טשװוּע, זײַט מיספּאַלעל און זאָגט: אָנאַ ד׳ הושיעה נאַ — עגעדען, מאַגעדען, מאַג־דאַדען! ע־ע־ע־ע־עגעדען, מאַגעדען, מאַגראַ־אַ־אַ־אַדען!!!...

— רעב ליפּע! עפּשער װעט איר עפּעס עסן? — פֿרעגט אים נעכעמיע דעם שוסטערס װײַב.

— עסן? — פֿרעגט ליפּע און פֿאַלט אַרײַן צוריק אין זײַן פֿריִערדיקן נעװױעסדיקן טאָן אַרײַן. — אײַער אײגן פֿלײש װעט איר עסן, אײנס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהײט, אַ מוטער װעט אױפֿרעסן איר אײגן קינד, און קינדער װעלן מאַכן אַ סודע פֿון זײערע על־טערן, אַ ברודער װעט פֿאַרקױפֿן זײַן אײגענע שװעסטער, אַ כאָסן — זײַן קאַלע. עס װעט אױסגעמעקט װערן דאָס װאָרט „ראַכמאָנעס” פֿון דער װעלט, ביז גאָטס צאָרן װעט ניט אױסגעגאָסן װערן אין אַ גרױס דערטרינקעניש, אַ מאַבל פֿון בלוט און פֿון טרערן. דאָס זײַנען די טרערן פֿון אַלמאָנעס און יעסױמים, פֿון אַלטע פֿאָטער און מוטער, פֿון שװעסטער און ברידער, װאָס האָבן זיך געלאָזט פּײַניקן פֿון די אומרײנע רעשאָיִם און האָבן נישט געװאָלט רופֿן צו גאָט און ליבן זײַן נאָמען און זינגען צו אים אױף אַ קאָל: עגעדען, מאַ־געדען, מאַגדאַדען! ע־עגעדען, מאַגעדען, מאַ־אַגדאַ־אַדען!!! ע־ע־ע־ע־עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַ־אַ־אַ־אַדען!!!...

— װוּ איך האָב ערגעץ אַ סױנע און װוּ איר האָט אַ סױנע און אױף אַלע גױיִשע סאָנים געזאָגט געװאָרן אַזאַ סאָף, ריבױנעשעלױלעם!

אַזױ זאָגט זיסל די שוסטערן און װישט די אױגן מיטן פֿאַרטעך, ליפּע באַשעװיטש הערט נישט אױף צו זאָגן נעװױעס אַלץ מיט דעם זעלבן נוסעך:

— זעט איר דען ניט, װי עס פֿאַלן שטײנער פֿונעם הימל? פֿײַערדיקע שטײנער. פּעך און שװעבל, און פּעדערן, פּעדערן, פּעדערן אָן אַ שיר? הערט איר דען ניט קײן גע־שרײ פֿון געשענדעטע װײַבער, פֿון צעריסענע קינדער, און פֿון אַלטע לײַט מיט צװעקעס אין מױעך? זעט איר דען ניט קײן אױפֿגעשניטענע בײַכער, אָנגעפּילט מיט לעבעדיקע קעץ?..

— זאָל שױן זײַן גענוג, רעב ליפּע, גײט אײַך געזונטערהײט! — זאָגט צו אים זיסל און באַגלײט אים אַרױס פֿון דער טיר. און עס הערט זיך נאָך פֿון יענער זײַט ליפּעס גע־זאַנג אַלץ מיטן אײגענעם טרױעריקן נוסעך פֿון קינעס: „עגעדען, מאַגעדען, מאַגראַדען!”...

קאַפּיטל ה

מאַזלטאָװ! גוט־יאָמטעװ!

. . . .

. . . .

װאָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפֿן? פֿונװאַנען האָבן זיך גענומען אַזױפֿיל מענטשן אױף דער גאַס? װאָס לױפֿן דאָס אַרום פֿון גאַנצפֿרי אָן סטודענטן מיט לאַנגע פּאַפּירן אין די הענט און טײלן יעדן אײנציקן, װעמען זײ באַגעגענען, פֿראַנק און פֿרײַ? װאָס נעמט מען זיך אַרום אינמיטן גאַס? װאָס קושט מען זיך? װאָס גראַטולירט מען זיך? װאָס גיט מען אָפּ מאַזלטאָװ? און װוּ איז ערגעץ פּאָליציע? פֿאַרװאָס זעט מען ניט קײן סאָלדאַטן, קאָ־זאַקן, זשאַנדאַרמען?..

די גאַסן װערן אַלע מינוט פֿולער, מענטשן — מערער. קײן טראַמװײַ, קײן דראָזש־קעס זעט מען ניט פֿאָרן. אַלץ באַװעגט זיך, אַלצדינג גײט. בײדע זײַטן טראָטואַרן און די גאַנצע גאַס אינמיטן זײַנען געפּאַקט מיט מענטשן. און די פֿענצטער פֿון די מענטשן לײַכטן. און אָנגעטאָן איז מען יאָמטעװדיק און רױטע בענדלעך האָט מען זיך צוגעשפּיליעט אױפֿן האַרצן. און רױטע פֿאָנען האָט מען אױפֿגעהאַנגען אױף די טױערן פֿון די הײַזער, רױטע טישטעכער האָט מען אױסגעהאַנגען אױף די באַלקאָנען, רױטע קױלטן אױף די פֿענצטער.

אַט האָט זיך אָפּגעשטעלט א מיידל מיט א רויט זײַדן טיכל אפֿן קאָפּ. אין איין מאָמענט רײַסט זי אראָפּ פון קאָפּ דאָס רויטע טיכל, צערײַסט דאָס אף א סאך קליינע שטיקלעך, צעטיילט זיי צווישן די סטודענטן, וואָס רינגלען זי ארום פון אלע זײַטן און רײַסן די רויטע שטיקלעך בא איר פון די הענט. אלע זײַנען יאָמטעווידיק, פריילעך, אָבער ערנסט, ס'איז פאָרגעקומען עפּעס א גרויסע, א מוירעדיק-גרויסע זאך...

* * *

איציקל שאַסטעפּאל איז נאָך געשלאָפן, ווען מע האָט אָנגעקלאַפּט צו אים אין דער טיר אריַין.

— ווער איז? — האָט זיך געלאָזט הערן איציקלס קאָל.

— ס'איז איך, סאפּראנאָוויטש.

— סאשע? וואָס איז דאָרט?

— מאזלטאָוו, קאָנסטיטוציע!

— וואָס?

— א קאָנסטיטוציע האָט מען אונדז געשענקט... שטייט אוף. עס קערט זיך די וועלט!

— שיווקע, דו הערסט?

— ווײ איז מיר! וואָס האָט זיך געטראָפן?

— קאָנסטיטוציע!..

— איך בעט אײַך, זאָלט איר געזונט זײַן, וואָס איז דאָס אזעלכעס — זאָגט שיווקע צו סאשען, און איציקל ווערט אין קאַס, מאכט מיט די הענט און גיט איר צו פארשטיין אף די פינגער:

— וואָס פארשטייסטו ניט? קאָנסטיטוציע הייסט א קאָנסטיטוציע!

און איציקל דרייט אויס דעם קאָפּ צו סאשען, ווי איינער רעדט: „גייט טײַנעט מיט א ייִדענע!" סאשע סאפּראנאָוויטש אָבער האָט געדולד און גיט צו פארשטיין דער מאדאם שאַסטעפּאל, וואָס הייסט דאָס קאָנסטיטוציע, און ער גיט צו, אז וויבאלד מע האָט געגעבן א קאָנסטיטוציע, קאָנען מיר האָפן אף אמניסטיע.

— איר פארשטייט? אין א פּאָר שאָ ארום וועלן מיר האָבן די זכיע צו זען טאמארען פרײַ אָט דאָ-אָ אין שטוב!

סאשע זאָגט דאָס מיט אזא איבערצײַגונג, אז די פאָטער-און-מוטער קוקן זיך איבער איינס מיט דאָס אנדערע, קאָנען זיך ניט אײַנהאלטן און צעוויינען זיך. ער געזעגנט זיך אָפּ אפּגיך און לויפט ארויס און באגעגנט זיך אף די טרעפּ מיטן פאָטער.

— סאשע? פונוואַנען איז?

— פון די שאַסטעפּאלס.

— האָסט זיי אָנגעזאָגט די בסורע?

— נו, געוויס.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסטו מיר געזאָגט?

— קאָנסטיטוציע!..

— ווארט אויס, פּאפּא, ביסט נאָך ניט פארטיק.

— וואָס רעדסטו, סאשע, גאָט איז מיט דיר! אָט איז די צײַטונג, נא לייען!

— איך האָב שוין געלייענט, געלייענט...

— נו?

— נו — נו!..

קיין ווערטער האָט מען מער נישט באדארפט. דער פאָטער האָט פארשטאנען, וואָס דער זון מיינט. ער קען אים. דער אפּטייקער איז אריסער זיך פון סאשעס ענטפער. ער

האָט אויפֿגעשטעלט אויף אים די בלויע ברילן און וויל אים עפּעס זאָגן, קומט אָן די „אַלטע מויד" מיטן הונט העקטאָר און פֿאַלט אַרויף דעם אַפּטייקער אויפֿן האַלדז און קושט זיך מיט אים און גראַטולירט אים מיט דער קאָנסטיטוציע און זאָגט, אַז איצטער זײַנען אַלע מענטשן גלײַך... און וויל זיך צעקושן אויך מיטן אַפּטייקערס זון. קומט אָן פֿון דער אַנדערער זײַט קעסלער און *שלעפּט* אים אַוועק, און נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונא בלײַבט מיטן אַפּטייקער אינצווייען, און זי קוקט אַרויף דורך אירע ברילן, און עס לאָזט זיך הערן איר מאַנצבלשע *שטים*:

— זעט נאָר, וואָס דאָרטן טוט זיך!

דאָס, וואָס זיי האָבן דערזען, לאָזט זיך ניט באַשרײַבן אַזוי גרינג. דאָס איז געווען אַ מאַבל פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן איינעם מיט די גאַסן, און צוזאַמען מיט די גאַסן האָבן זיי געוואַקסן און באַוועגט זיך, ניט מענטשן זײַנען געגאַנגען, נאָר גאַסן, גאַנצע גאַסן, און קעפּ, געדיכט ווי זאַנגען אין פֿעלד, האָבן זיך געוויגט קוים־קוים, ווי עס וויגן זיך די זאַנגען פֿון אַ קליין לײַכט ווינטל, און פֿאָנען האָבן געפֿלאַטערט איבער די קעפּ, און די באַלקאָנען פֿון די הײַזער מיט די דעכער און מיט די פֿענצטער זײַנען געווען באַהאַנגען מיט רויטן און באַזעצט מיט מענטשן, און אַלצדינג איז געווען צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם: מענער און פֿרויען און קינדער, און קריסטן און ייִדן, און שטיל איז געווען און רויִק און יאָמטעוודיק, ווי יאָמטעוו אין אַ מאָקעם קאָדעש און קיין זייכער פֿון פּאָליציע איז נישט געווען. און כאָטש ס'איז געווען אַן אָקטיאַבער־טאָג, האָט די זון געמאַכט שאָלעם מיט דער ערד צוליב דעם גרויסן יאָמטעוו אויף דעם דאָזיקן טאָג און האָט געלויכטן, געשײַנט און געוואַרעמט, ווי אינעם שענסטן זומער־טאָג. און פֿון די זײַטיקע גאַסן זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע יאַמען פֿון מענטשן מיט פֿאָנען און האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אינעם גרויסן מאַבל פֿון קעפּ, און אַלע אינאיינעם האָבן שטורעמדיק באַגריסט דעם גרויסן יאָמטעוו, דעם ערשטן פֿרײַהײַט־טאָג אינעם גרויסן לאַנד. און עס האָבן זיך געהערט פֿאַרשיידענע לידער און געזאַנגען. און עס האָבן זיך אַרויסגעריסן אַלעמאָל פֿאַרשיידענע ווערטער און אויסגעשרייען, נאָר אָפּטער פֿון אַלע ווערטער האָט מען געקאָנט הערן דאָס וואָרט: „קאָנסטיטוציע!", „קאָנסטיטוציע!"

טויזנטער קולעס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון טויזנטער העלדזער און האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט מיט דעם איינציקן ליבן טײַערן וואָרט: „קאָנסטיטוציע!"

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט נאָר די מענטשן — די הײַזער, די דעכער, די גאַסן, די ביימער, די שטאָט, די שטיינער האָבן געשריגן „קאָנסטיטוציע!". עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די ערד ציטערט און שרײַט: „קאָנ־סטי־טו־ציע!".

איינער פֿון דעם גאַנצן מאַבל מיט מענטשן איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אַן איבערגעקערטער פֿאַס און האָט אויסגעדונערט מיט אַ גראָבער באַסאָווער *שטים*, אין וועלכער ס'איז געווען צו דערקענען דעם באַוואוסטענעם פֿאַרשוין *מישע בערעזניאַק־נײַדיטש*.

— *בירגער! דאָס ערשטע מאָל הערט איר* אָנגערופֿן מיט דעם דאָזיקן פֿרײַען נאָמען „בירגער"! דערלויבט מיר, אַן אומבאַקאַנטן, צו גראַטולירן אײַך מיט דעם גרויסן יאָמטעוו, מיט דעם גרויסן טריִומף. בירגער! מיר פֿײַערן אונדזער טריִומף, מיר פֿרייען זיך מיט אונדזער יאָמטעוו! פֿאַרגעסט אָבער נישט אונדזערע קעמפֿער, די, וועלכע האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט, די, וועלכע האָבן געשענקט זייער לעבן, די, וועלכע האָבן אַוועקגעטראָגן זייערע קעפּ אויפֿן עשאַפֿאָט פֿאַר אונדז און פֿאַר אונדזער פֿרײַהײַט. אויף די קני זאָלט איר פֿאַלן, אַלע ביז איינעם!

און דער גאַנצער מאַבל פֿון מענטשן שטעלט זיך אַוועק, ווי איין מענטש, אויף די קני, און דער רעדנער טוט דאָס אייגענע אויף דער איבערגעקערטער פֿאַס, הייבט אויף די האַנט און לאָזט אַרויס מיט זײַן באַסאָווער *שטים* די געוויסע טרויער־ליד:

„ווי זשערטוואָיו פּאַלי —
איר זענט אַ קאָרבן געפֿאַלן..."

און דער גאנצער מאבל פון מענטשן כאפּט אונטער, ווי איין מענטש, די דאָזיקע טרויער־ליד, און עס לאָזן זיך אראָפּ די רויטע פאָנען, און אלע קעפּ זײַנען אַנגעבויגן, און אלע זינגען, און פּיל־פּיל וויינען, וואָרעם פּיל־פּיל האָבן אייגענע און באקאנטע, וואָס זײַנען געפאלן... און א הייליקע שטילקײַט ווערט פארשפּרייט איבער דעם מאבל פון אָפּגעדעקטע קעפּ פון די אלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאמלט אינעם נאָמען פון דער פרײַהײַט...

און אז דער רעדנער שטעלט זיך אף די פיס, שטייט אוף מיט אים דער גאנצער מאבל פון מענטשן, און זײַן באסאָווע שטים דונערט ווײַטער:

— בירגער! מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער כּיבוד צו די געפאלענע קעמפער. איצט דארפן מיר זיך דערמאָנען אָן די קעמפער, וועלכע זײַנען נאָך ניט געפאלן. זיי לעבן נאָך און מוטשען זיך אין די ענגע פינצטערע טורמעס. אָן זיי דערמאָנט אײַך. זיי ווייסן נאָך ניט פון אונדזער גרויסן יאָמטעוו, וואָס זיי האָבן אונדז באשאפן. צו זיי, צו זיי לאָמיר גייַן! צו די מארטירער פאר אונדזער פרײַהײַט לאָמיר קומען! אלע, ווי איין מענטש, לאָמיר זיך לאָזן צו די טורמעס. קיין איינציקער זאָל ניט בלײַבן דאָ. אמניסטיע לאָמיר פאָדערן פאר אונדזערע שוועסטער און ברידער! באפרײַען זאָל מען זיי באלד, די רעגע, די טירן עפענען און ארויסלאָזן די אומשולדיקע, און זאָל מען אונדז באגעגענען מיט פײַער, וועלן מיר אלע פאלן. צו די טורמעס, בירגער, צו די טורמעס!

— הור־ר־ר־ר־ראַ!!! — קאטשעט זיך א הילך פונעם מאבל מיט מענטשן פון איין עק שטאָט ביזן אנדערן, און גאנצע כוואַליעס קעפּ טראָגן זיך אהין, צו די טורמעס!

די ערד, וואָס טראָגט אף זיך די דאָזיקע אלטע שטאָט, האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אזא הילך, פון וועלכן מויערן קאָנען צעשפּאַלטן ווערן. דער הימל, וואָס דעקט איבער די דאָזיקע ערד, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אזא באוועגונג פון מוראשקעס־מענטשן. און די זון האָט פארגעסן, אז עס איז אָן אָקטיאבער־טאָג, און האָט א צופרידענע אראָפּגעקוקט מיט איר טרויעריק פּאָנעם אף די צעהיצטע גליקלעכע מענטשן, און די גאנצע נאטור האָט גענומען אָן אָנטייל אינעם דאָזיקן גרויסן ליכטיקן הייליקן פרײַהײַט־יאָמטעוו.

<u>קאפיטל ט</u>

פארשטערט דעם יאָמטעוו

כּידושים וועניפלאָעס! וויִאזוי האָבן זיך מענטשן אינעם דאָזיקן יאָם, אינעם דאָזיקן מאבל, געקאָנט געפינען איינס דאָס אנדערע? אף אזא בעריעשאפט זײַנען געווען פּעיִק נאָר אזעלכע מאזיקים, ווי סאשע סאפראנאָוויטש און זײַן כאַווער קעסלער. די צווײ כאַווירים האָבן מיטן קויעך פון זייערע עלנבויגנס זיך דורכגעשלאָגן א וועג און האָבן, גייענדיק צו די טורמעס, זיך אָנגעשלאָגן אף איציקל שאָסטעפּאל, וואָס סע האָט אים ארויסגעטראָגן פון שטוב איינעם אליין מיט זײַן שירעם — ער ווייסט אליין ניט מיט וואָסער א קויעך.

ווי מע דערזעט אן אייגן קינד, אזוי האָט זיך שאָסטעפּאל דערפרייט, אז ער האָט דערזען דעם אפּטייקערס זון. שוין ושע איז דאָס אלץ אף דער וואָר? שוין ושע איז דאָס אלץ עמעס? קאָנסטיטוציע? אלע זײַנען גלײַך? און אפילע ייִדן אויך?.. מע וועט באפרײַען די פּאָליטישע? און אָט באלד וועט ער זען זײַן באפרײַטע טאָכטער? זײַן ליבע, איינציקע, טײַערע טאָכטער? ער קוקט זיך ארום אף אלע זײַטן, באטראכט די דאָזיקע אלע „ייִנגלעך", דאכט זיך, „גאָרנישטן", און דאָך האָבן טאקע זיי אויסגעפירט!.. און באקאנטע ייִדן באגעגנט ער, וואָס גיבן אים אָפּ מאזלטאָוו, קושן זיך מיט אים: „מיר זײַנען הײַנט גלײַך מיט אלעמען!.." ניט שוין ושע טאקע גלײַך מיט אלעמען?.. און ניט נאָר ייִדן — קריסטן באקאנטע גריסן אים, קושן זיך מיט אים, גיבן אים אָפּ מאזלטאָוו. עפּעס גאָר

מאַשיִעכס צײַטן!.. פּלוצעם דערפֿילט ער אַ האַנט אויף זײַן פּלייצע, ער דרייט אויס דעם קאָפּ:

— סאַשע?..

און איציקל נעמט סאַשען אונטער דער האַנט און ער קוקט אים אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער רעדט: „איז דאָס ניט קיין כאָלעם?..‟ און סאַשע סאַפּראַנאָוויטש האָט ווי געטראָפֿן זײַן מאַכשאָווע, און זאָגט צו אים מיט אַ שמייכל:

— יאָ. מיר גייען זיי באַפֿרײַען. נאָך אַ האַלבע שאָ, און טאַמאַרע וועט דאָ זײַן מיט אונדז... מיט אונדז!..

— אימירצעהאַשעם! — זאָגט אים איציקל מיט אַ יִירעשאָמאַיִם-פּאָנעם, האָט מוירע זיך אַליין געבן אַ גוט-אָריג און קוועטשט סאַשען די האַנט. — איז די מאַשמאָעס, הייסט עס, אַז איצטיקס מאָל האָבן מיר אויסגעפֿירט?

דאָס וואָרט „מיר‟ זאָגט איציקל שאָסטעפּאַל שוין מיט גאַדלעס, מײַנענדיק דערמיט נישט אַזוי זיך, ווי די טאָכטער... און ער דערזעט אײנעם מאַבל פֿון קעפּ אַ באַקאַנט מיידל מיט אַ באָכער אונטער דער האַנט גיין ביידע יאָמטעוודיק. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז זײַן שטוב-מיידל כאַסקע. יאָ, עס איז כאַסקע מיט איר כאָסן דעם טרובאַטש.. אַ יאָמטעוו, — טראַכט ער זיך, — אַלע זײַנען גלײַך‟. אַ ביסל טוט אים האַנאָע, וואָס אַלע זײַנען גלײַך, און אַ ביסל אַרט אים: ווי געשיקט זיך עס, אַז זײַן שטוב-מיידל כאַסקע זאָל זײַן גלײַך מיט זײַן טאָכטער טאַמאַרע?.. און צוריק טוט ער אַ טראַכט: „אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע, זאָלן זיי זײַן גלײַך, אַבי ער זאָל שוין דערלעבן זען די טאָכטער געזונטערהייט!..‟ און נאָך אַ באַקאַנט פּאָנעם דערזעט ער אינעם מאַבל פֿון קעפּ: דאָס איז נעטשיפּאָרענקאָ, דעם פּריסטאַווס שרײַבערל. „וואָס טוט דאָ דער גױעץ?‟ און ער קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און טוט אַ ווונק צו אים און אַ מאַך מיטן שירעם, און דעם קאָפּ האַלט ער הויך, מיט גאַדלעס:

— ווו איז אַנטאָן איוואַנאָוויטש? פֿאַרוואָס זעט מען אים ניט אויף אונדזער יאָמטעוו?

נעטשיפּאָרענקאָ לאָזט אַראָפּ די אויגן, טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, ענטפֿערט נישט שאָסטעפּאַלן, מע ווייסט ניט, צי איז ער צופֿרידן, אָדער ניט?..

— עס איז דעם פּריסטאַווס רעכטע האַנט, — זאָגט שאָסטעפּאַל צו סאַשען מיט גאַדלעס. נאָר סאַשע האָט זיך פֿאַרקוקט אין אַן אַנדער זײַט. דאָרט גייט זײַן פֿאָטער, סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש, געאָרעמט מיט זײַער שכיינע, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, זעען אויס גליקלעך, ווי אַ פּאָרפֿאָלק נאָרוואָס נאָך דער כאַסענע. אויף איטלעכנס פּאָנעם איז אָנגעצייכנט גליק, יאָמטעוו, יאָמטעוו, יאָמטעוו!

אַ גוואַלדיקער „הוראַ‟, אַ נײַער שטראָם פֿון מענטשן. אַן אומבאַשרײַבלעכער ענטוזיאַזם כאַפּט אַרום די גאַנצע מאַסע. דאָס האָט געעפֿנט די טויערן פֿון טורמע דער גובערנאַטאָר אַליין, און האָט נאָך געהאַלטן דערבײַ אַ רעדע און האָט באַפֿרײַט אַלע פּאָליטישע, וועלכע דער אוילעם האָט באַגעגנט מיט דער גרעסטער היספּײַלעס. און עס איז נישטאָ קיין ברעג צו דער סימכע פֿון די מאַסן, און עס קײַקלט זיך דער הילך פֿון איין עק ביזן אַנדערן:

— לעבן זאָל די פֿרײַהײַט! לעבן זאָלן די באַפֿרײַטע!

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז יעדער איינציקער וויל זען די באַפֿרײַטע מיט זײַנע אייגענע אויגן. אייניקע האָבן עס געוואָלט נאָר פֿון נײַגעריקײַט, אייניקע האָבן געהאַט אַן אינטערעס: אַן אייגענער, אַ קאָרעוו, אַ גוטער באַקאַנטער, און ביכדיי דער יאָמטעוו זאָל זײַן נאָך פֿולער און די גאַנצע שטאָט זאָל וויסן פֿון דער אַמניסטיע, האָט מען די באַפֿרײַטע גענומען פֿירן מיט מוזיק, מיט געזאַנג און מיט געשרייען „הוראַ‟ איבער די גרעסטע גאַסן פֿון שטאָט. אַלעמאָל האָט מען אָפּגעשטעלט אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע אײנעם פֿון די באַפֿרײַטע, ער זאָל זיך באַווײַזן, ער זאָל עפּעס זאָגן, כאָטש עטלעכע ווערטער — און אַ „הוראַ‟ האָט פֿאַרהילכט זײַנע רייד. נאָר אָט איז געוואָרן מיטאַמאָל אַ דערשטיקעניש. מע האָט זיך פּאָשעט געשטעלט איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ. און אויף

דער אימפּראָוויזירטער בינע האָט זיך באַוויזן זייער א שיין מיידל מיט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. מיט א ייִדישער נאָז און מיט שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן. איציקל שאָסטעפּאַל, וואָס האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צײַט אין זײַן יונגן פֿרײַנט סאַשע סאָפּראַנאָוויטש, האָט זיך געגעבן א וואָרף, אויסגעצויגן ביידע הענט אַרויף:

— מײַן טאָכטער! מײַן קלוגע, טײַערע טאָ...

מער האָט דער גליקלעכער פֿאָטער נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. ער איז איבערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן וואָרט. עס האָט זיך געטראָפֿן א מאָדנע זאַך, א זאַך, וואָס קיין מענטש האָט נישט געקאָנט פֿאָרויסזען, א זאַך, וואָס קיינער האָט עס זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן ניט אויף וואָר, ניט אין כאַלעם, א זאַך, וואָס האָט פֿאַרשטערט דעם גליקלעכסטן יאָמטעוו, פֿאַרשטערט, פֿאַרפֿינצטערט אויף לאַנג, אויף לאַנג, אויב ניט אויף שטענדיק... עס האָט זיך פּלוצעם גאָר אומגעריכט דערהערט א קנאַק פֿון א סאַך ביקסן, מע ווייסט ניט פֿון וואַנען, פֿון וועלכער זײַט, און דער מאַבול פֿון קעפּ האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז, צו וויגן, און אַלץ האָט באַקומען א מאָדנע אויסזען.

ווי' פֿון א זיסן שלאָף, ווי פֿון א גוטן כאַלעם האָט מען זיך אויפֿגעכאַפּט, און א קאַלטע שרעק האָט אַרומגענומען אַלעמען. און צווישן דעם פֿאַרגליווערטן אוילעם איז מיטאַמאָל אויסגעבראָכן א פּאַניק, א בעהאָלע, א לויפֿערײַ און א שפּרינגערײַ איבער קעפּ, אָן ערדטרעטעניש... ניט פֿאַרשטאַנען נאָך, וואָס דאָ איז געשען, האָט יעדער איינציקער אינסטינקטיוו געגעבן א טראַכט פֿון זיך, וויאַזוי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פֿונדאַנען א לעבעריקער? — און מע האָט גענומען ראַטעווען איטלעכער זײַן אייגענעם נעפֿעש... סאַשע סאָפּראַנאָוויטשעס ערשטער געדאַנק איז געווען — „טאַמאַרע״... ווו איז טאַמאַרע? וויאַזוי דערשלאָגט מען זיך צו איר און מע שלעפּט זי אַרויס פֿון דער סאַמע הושטשע? אָנשטאָט דעם, ער זאָל לויפֿן אויף צו פֿריִער, ווי אַלע, וואָס אַרום אים, האָט ער זיך געגעבן א וואָרף צוריק, אַהין, צום אויבנאָן. דאָרט, ווו טאַמאַרע איז נאָרוואָס געשטאַנען. ער האָט גענומען אַרבעטן מיטן קויעך פֿון זײַנע טרוקענע עלנבויגנס, שפּאַנען איבער קעפּ, פֿאַרגעסן יעדע סאַקאָנע, און האָט זיך סאָפּקאָלסאָף טאַקע דערשלאָגן צו דער סאַמע הושטשע, צו דער סאַמע טריבונע. דערזען די צעטומלטע פֿאַרלוירענע טאַמאַרע צווישן א סאַך צעטומלטע און פֿאַרלוירענע, געגעבן זי א נעם מיט גוואַלד אונטער דער האַנט, א שלעפּ אַרויס פֿון דער מאַסע און האָט זיך געלאָזט מיט דעם זעלבן קויעך פֿון זײַנע דאַרע עלנבויגנס און מיט דעם זעלבן שפּאַנען איבער קעפּ, איבער געהאַרגעטע און איבער לעבעדיקע מענטשן, און עס איז אים געראָטן אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער ענגשאַפֿט אויף א פֿרײַ שטיקל פּלאַץ.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך טאַמאַרע נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, וואָס זי טוט און וווהין זי גייט און מיט וועמען זי גייט. שפּעטער, אַז זי האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון דער ענגשאַפֿט אויף דעם פֿרײַען פּלאַץ און זי האָט זיך אַרומגעקוקט צוריק און האָט דערזען בלוט, בלוט פֿון אונטערגעשאָסענע, צעהאַרגעטע, צעטראָטענע מענטשן, האָט זי זיך געגעבן א רײַס אויס פֿון סאַשעס הענט און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפֿן צוריק. סאַשע סאָפּראַנאָוויטש אָבער האָט זיך באַשלאָסן טאַמאַרען פֿון די הענט נישט אַרויסצולאָזן, האָט ער זי א כאַפּ געטאָן צוריק מיט זײַנע דאַרע, נאָר שטאַרקע הענט:

— צוריק וועט איר נישט גיין!

איבעריקע ווערטער. סײַוויסײַ איז שוין אוממעגלעך געווען גיין צוריק. גיין האָט מען געקאָנט נאָר ווײַטער, אי דאָס ניט גיין, נאָר לויפֿן, וואָרעם א געדיכטע כוואַליע פֿון מענטשן האָט זיך, ווי א שטראָם, געטראָגן און געטראָגן...

און פֿון הינטן האָט זיך געהערט א שיסערײַ... און פֿערד האָבן געטראָטן איבער לעבעדיקע מענטשן...

ערשט אַז זיי זײַנען שוין געווען אויף דער וואַסילטשיקאָווער גאַס, באַם הויז נומער 13, בא דער אַפּטייק פֿון סאָלאָמאָן סאָפּראַנאָוויטש, האָט טאַמאַרע באַמערקט, אַז איר באַגלייטער סאַשע האַלט זיך מיט דער לינקער האַנט בא דער רעכטער פּלייצע, און אַז דאָס פּאָנעם איז אים בלאַס, ווי בא א טויטן.

— וואָס איז אײַך? — האָט זי אים געפרעגט, געשעמט זיך קוקן אים גלײַך אין די אויגן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, נישט געפּערלעך.

אזוי האָט איר געענטפערט סאשע מיט א פרײַנטלעך שמייכעלע, אָנווײַזנדיק איר אף דער פּלייצע, און האָט אראָפּגעלאָזט זיך פּאַוואָלינקע אף דער ערד. טאמארע האָט זיך אָנ־געבויגן איבער אים, אופגעהויבן אים מיטביידע הענט, ווי מע הייבט אוף א קינד, און מיט אלע קויכעס איז זי צוגעגאנגען צו דער טיר און האָט גענומען קלינגען אזוי לאנג, ביז עס זײַנען ארויסגעלאָפן כאווע די ייִדענע, כאסיע דאָס מיידל און דער סטאָראָזש דער גוי, און מע האָט דעם אונטערגעשאָסענעם סאשע ארופגעטראָגן צו איציקל שאָסטעפּאַל אין הויז ארײַן (דעם אפטייקערס וווינונג איז געווען צוגעשלאָסן), און ערשט דאָרט, אז מע האָט אים אוועקגעלייגט אף א קאנאפּע, צעשפּיליעט דעם ארבל, האָט מען דערזען, אז ער גייט אָפּ מיט בלוט, און סאשע האָט אָנגעהויבן כאלעשן.

— דעם דאָקטער! וואסער! אײַז! דעם אפטייקער! — און אלע האָבן זיך א וואָרף געטאָן אף אלע זײַטן, ווער נאָך וואסער, ווער נאָך אײַז, ווער נאָכן דאָקטער. שיווקע, וואָס האָט שוין געוווּסט, אז טאמארע איז פרײַ (נעכעמיע דעם שוסטערס ווײַב האָט פאר־דינט די מיצווע; זי איז געקומען צו לויפן אהיים איר אָנזאָגן די בסורע פריִער פאר אלע־מען, האָט זיך געלאָזט לויפן מיט א גוואַלד אין דער גאס ארויס און באגעגנט זיך מיטן מאַן, וועלכער איז געלאָפן אהיים האלב א טויטער. דערזען שיווקען לויפן, איז איציקל שאָסטעפּאַל שיר ניט געשטאָרבן פאר שרעק. ער האָט מיטן שירעם געוויזן נאָך פונדער־ווײַטן צו שיווקען, אז זי זאָל גיין צוריק, וואָרעם אין גאס טוט זיך כוישעך, מע שיסט.

— מע שיסט! — שרײַט צו איר דער מאַן.

— מע שיסט?

— מע שיסט! מע שיסט! גיי צוריק!

— דאָ אויך. — ענטפערט אים שיווקע. — מע האָט שוין געשאָסן! דערשאָסן!

— ווו? וועמען? — שרײַט איציקל און פאלט שיר כאלאָשעס.

— דעם אפטייקערס זון האָט מען געשאָסן...

(סאָף קומט)

אַהיים, קיין יעהופּעץ...

קיִעוו און שאָלעם-אַלייכעם. שאָלעם-אַלייכעם און קיִעוו. זיי זײַנען געקניפּט און געבונדן.

דער שרײַבער האָט זיך אין דער שטאָט פאַרליבט, קאָן מען זאָגן, פונעם ערשטן אויגנבליק.

ער האָט זיך נאָך רעכט ניט געשטעלט אַף די פיס, זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן אַף גאָטס וועלטל, ווי ער האָט זיך מיטן טאַטן געלאָזט אין דער ערשטער יאַזדע, און טאַקע קיין קיִעוו, צו אַ דאָקטער. מע איז ניט געפאָרן, נאָר געשווומען מיט אַן אַלטער פאַרויכערטער שיף, און גראַדע מיטן וווּנדערלעכן דניעפּער. און געווען איז דאָס פרילינג, די שענסטע צײַט, ווען דער גאַנצער אַרום האָט געבליט, געווען גלײַך פאַרקישעפט. די אוראַלטע שטאָט אַף די גרינע בערג האָט זיך אויסגעשיילט פונעם קאַיאָריקן דורכזיכטיקן נעפּל, און דאָס ייִנגל, שאָלעמקע, הייסט עס, איז מאַמעש געווען באַצויבערט פון דער אַרומיקער שיינקײַט און פּראַכט.

יאָ, פונעם ערשטן בליק האָט ער זיך פאַרליבט אין דער שטאָט, כאָטש ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז קיִעוו וועט אַף אייביק אַרײַן מיט דער צײַט אין זײַן גאַנצן לעבן, אין זײַנע אומשטערבלעכע ביכער.

ער האָט זיך אָבער אין דעם זעלבן טאָג אַנטוישט, און דאָס האַרץ איז בא אים פאַרכאַלעשט געוואָרן פון ווייטיק און צאַרן. געשען איז אַזוינס, וואָס ער האָט מיט זיין גאַנצער פאַנטאַזיע ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן.

נאָך דעם, ווי ער איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַן איבער די פּלעצער, גאַסן און מאַמעש פאַרגאַפט געווען פון די רײַכע וויטרינעס. קראָמען, געשעפטן, פונעם רוישנדיקן קרעשטשאַטיק און פאַרשיידנאַרטיקן אוילעם, האָט מען זיך פאַרנאַכט אַראָפּגעלאָזט אַף פּאָדאָל, זיך פאַרקליבן אין אויסרײַסעניש, אין אַ שטיקל אַכסאַניע איבערנעכטיקן, אָפּשטופן די נאַכט, ווײַל מע האָט שוין די פיס ניט געפילט.

מע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף די טאָפּטשאַנעס און גלײַך אײַנגעשלאָפן, ווי נײַ-געבוירענע, זיך דערפילט אַפן זיבעטן הימל. העלפט גאָט, און אינמיטן דער נאַכט האָט זיך פּלוצעם אופגעהויבן אין דער אַכסאַניע אַן איבערקערעניש, אַ טומל, אַ געשריי, אַ לריפּעניש. וואָס איז געשען? געשען איז דאָ אַ געוויינלעכע זאַך — זשאַנדאַרמען זײַנען געקומען, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָבלאַווע...

דער טאַטע האָט אופגעטאָרעט פון שלאָף שאָלעמקען, און מע האָט זיך בעכיפּאָזן געלאָזט צו דער הינטערשטער טיר. מע האָט געדאַרפט זיך אַרויסדרייען פון די זשאַנדאַרמישע הענט, אַנטלויפן, אַנדערש וועט מען זיי כאַפּן און מאַכן דעם שיינעם פּעטשאַטעק, אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אַהיים, קיין פּערעיאַסלעוו — „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”!

די גאַנצע נאַכט איז אויסגעקומען זוכן אַ מאָקעם, די זשאַנדאַרמען זאָלן זיי ניט כאַפּן. מע איז אויסגעװייקט געוואָרן אונטערן רעגן, זיך אָנגעמוטשעט, שיר ניט אומגעקומען...

די שרעקלעכע נאַכט האָט זיך שאָלעמען אַף לאַנג פאַרגעדענקט.

און דאָך איז ער ניט געפאַלן בא זיך — צו דער שטאָט האָט ער גאַרנישט ניט געהאַט. קיִעוו איז ניט שולדיק אין אַזאַ העפקיירעס. די זשאַנדאַרמען זײַנען שולדיק. איז ברעכן זיי דעם קאָפּ. אַ וויסטער בראָך אַף זיי און אַף זייערע שיינע פּאָראָנדקעס!

און דאָך, ניט געקוקט אַף דעם איבערשרעק, אַף דער וויסטער צאָרע, אַף דער שוואַרצער נאַכט, איז אים קיִעוו געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך אײַנגעבאַקן אין זײַן נעשאָמע, דאַכט זיך, אַפן גאַנצן לעבן. אין אַ שטיק צײַט אַרום, ווען ער, שאָלעם, האָט זיך איבערגעקליבן קיין סאָפּיִעווקע, ביש כיינעס מיט קיִעוו צום גרויסן ייִדן, דעם נאָגיד עלימיילעך, גאָספּאָדין לריִעוו, אָנגעהויבן קנעלן מיט זײַן טעכטערל האָדל, אָלגע, ווי אַ שטוב-לערער, פלעג שאָלעם זיך אַמאָל

אראַפּכאַפּן אױף עטלעכע שאָ קיין קיִעוו, וואָס האָט אים געצויגן, ווי א מאַגנעט.

נאָך דעם, ווי שאָלעם-אלייכעם איז שוין געווען באַוווּסט צווישן די ייִדישע לייענער אין אוקראַיִנע מיט זײַנע פריילעכע פעליעטאָנען און דערציילונגען, נאָך דער כאַסענע מיט אָלגע באַס עלימיילעך, לויעווס באַסיעכידע, האָבן זיך אָנגעהויבן זײַנע וואָגלענישן, דאָס זוכן א שטיקל אָרט אונטער דער זון, א דאַך איבערן קאָפּ, ווּ ער זאָל קאָנען זיך זעצן באַשרײַבן זײַנע בידנע ייִדישע ברידער. דאָס לעבן האָט אים אונטערגעכאַפּט און גענומען טראָגן איבער דער מעדינע, וואָס האָט אים ניט געגעבן אפילע קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ". אינמיטן די דאָזיקע מעקוימעס איז, ווי א ביין אין האַלדז, געלעגן קיִעוו, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, נאָר ווּ קיין מאָקעם איז פאַר אים נאָך ניט געווען.

און דאָך, אין א שטיקל צײַט אַרום, נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, האָט ער זיך פאַרקליבן אַהין. דער בייזער עלימיילעך האָט זיך געמוזט איבערבעטן, שאָלעם מאַכן מיט זײַן ניט-געוווּנטשענעם איידעם, אונטערגעשטעלט א פּלייצע, צוגעהאָלפן שאָלעם ראַבינאָוויטשן, וואָס האָט זיך גוט אָנגעמוטשעט, קעדיי געפינען זײַן איַסקומעניש אויף דער קיִעווער בירזשע. און ניט אַנדערש, ווי גאָט האָט געשטראָפט דעם בייזן לויעוון פאַר זײַנע זינד, אינגיכן פּלוצעם האָט יענער אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע, און שאָלעם איז אויסגעלייזט געוואָרן פון זײַנע צאָרעס — ער האָט באַקומען א פײַנע יערושע און געוואָרן מיטאַמאָל א שטיקל נאָגיד.

איצט האָט שאָלעם אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך געקאָנט פילן ווי א פיש אין וואַסער. ער האָט זיך געקראָגן אַן עמעסע וווינונג אין סאַמע פּרונט, אין סאַמע צענטער פון קיִעוו, און באַקומען א פײַנעם אַדרעס — אויף באָלשאַי וואַסילקאָווסקי, נומער פינף, אויפן דריטן שטאָק.

וויפל גרויסאַרטיקע פּלענער האָבן זיך גלײַך געיאַוועט!

צום אַלעם ערשטן האָט ער פאַרטראַכט שאַפן א ייִדישע פאָלקס-ביבליאָטעק, אַרויסלאָזן ייִדישע ביכער, ביכער אויף מאַמע-לאָשן. ער האָט גלײַך צעשיקט אין אַלע עקן וועלט, ווּ עס האָבן געבידעוועט שרײַבער, וואָס האָבן געשריבן, ווי מע פלעג דעמאָלט זאָגן, „זשאַרגאָן", אין דער ערשטער ריי דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור מענדעלען קיין אָדעס, פּינסקין, פּערעצן, און געבעטן, מע זאָל אים שיקן פאַר דער ביבליאָטעק גוטע ווערק — ער גרייט די ערשטע גרויסע זאַמלונגען אויף מאַמע-לאָשן. עס האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסער גערודער, שאָלעם-אלייכעם איז געוואָרן א רעדאַקטאָר און אַן אַרויסגעבער. ער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מיטלען. דאָס איז געווען אין 1885 יאָר.

איינצײַטיק איז אים אויסגעקומען האָרעווען ביזן בלוטיקן שווייס. ער האָט טאָג ווי נאַכט געשריבן. ער איז מעובערעס געוואָרן מיט „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, קינדער-געשיכטעס, פעליעטאָנען, רײַזע-בילדער פאַר גרויס און קליין.

באָלשאַי וואַסילקאָווסקי, 5, איז געוואָרן דער וויכטיקסטער אַדרעס פאַר די ייִדישע שרײַבער. דאָ איז געשאַפן געוואָרן א גרויס געשעפט, א גרויסע „פירמע" פאַר ייִדישער ליטעראַטור. עס איז מאַמעש צו באַוווּנדערן, ווּ האָט דער מענטש געפונען אַזויפיל ענערגיע, קויכעס, טאַלאַנט, קעדיי אַלץ אַרומכאַפּן!

מיר בלאָנקען אָפּטלעך אַרום איבער די גאַסן און געסלעך פון קיִעוו, יענע, וועלכע עס האָט באַטראַכטן שאָלעם-אלייכעם, יענע סעדער און סעדלעך, יענע בענק און פּניאָקעס, ווּ שאָלעם-אלייכעם פלעג זיך צושפּאַרן אָפּרוען און, פאַרוואַרפן א פוס איבער א פוס, אַרויסגעמען די פען, פאַרשרײַבן א סיוזשעט, א כאָכמע, א וויץ, א שורע, וואָס איז אים פּלוצעם געקומען אויפן געדאַנק. ער האָט דאָך קיינמאָל קיין פרײַע צײַט ניט געהאַט און געשריבן אומעטום — אין טראַמווײַ, אויפן וועג, אין א קאָרידאָרל, אין דער רעשיקער בירזשע אויף קרעשטשאַטיק, ווּ ער האָט געפירט זײַנע געלונגענע און דערנאָך גאַר ניט קיין געלונגענע אָפּעראַציעס, געשעפטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ אַרום אָטעמט מיט אים, פילט זײַן וווּנדערלעך וואָרט, הערט זײַן שטילן געלעכטער.

איך דערמאָן זיך אָפּטלעך, פאַרבײַגייענדיק באָלשאַי וואַסילקאָווסקי, נום. 5, א שטילן זומער באַטאָג עטלעכע יאָר נאָך דער מילכאָמע. עס איז זיך אַהער צונויפגעקומען א גרויסער אוילעם, ליבהאָבער און פאַרערער פונעם גרויסן שרײַבער. אויף דער ברייטער גאַס האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט די באַוועגונג, די טראַמווײַען און טראָלייבוסן. עס האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער, און פון אַלע עקן זײַנען זיך אַהער צונויפגעלאָפן מענטשן — קינד-און-קייט, קליין און גרויס.

וואָס איז געשען?

מיר האָבן אַנטהילט, אָדער פּאַשעטער געזאָגט, געעפנט א מעמאָריאַל-ברעט פון ווײַסן מירמל דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער שאָלעם-אלייכעם.

נאָך די הויכע רעדעס האָט זיך דער אַוילעם נאָך לאַנג פאַרהאַלטן דאָ, באַטראַכט דאָס גרויסע פּירשטאַקיקע הויז. די מירמלברעט, דאָס „שאָלעם־אַלייכעם־הויז“... באַנאַנד מיט מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אַלטיטשקער פּויער מיט אַ גרויסן געפלאָכטענעם קויש — ער האָט שוין, זעט אויס, אָפּגעהאַנדלט אויף דער „בעסאַראַבקע“, און, וואַרטנדיק אויפן טראַמוויי, גענומען אויף אַ קאָל לייענען דעם אויפשריפט אויפן ברעט: „דאָ, אין דעם הויז, האָט געוווינט דער באַרימטער שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם“... דער אַלטיטשקער האָט לאַנג מעווינעש באַטראַכט דאָס גרויסע הויז און זיך אָנגערופן:

— אָ־אָ, ניטשאָהאָ סאָבי כאַטו אַטאַרוואַל... אַ מאָגלאָ טוט זשיטי סטאָ טשאָלאָוויק... (אָ־אָ, נישקאָשע פון אַ כאַטע האָט ער אַרײַנגעכאַפּט. עס וואָלטן דאָ געקאָנט וווינען אַ הונדערט מענטשן...)

געוויס איז דער אַלטיטשקער געווען גערעכט. נאָר שאָלעם־אַלייכעם האָט אין דעם הויז פאַרנומען אינגאַנצן דרײַ־פיר צימערן אויפן דריטן שטאָק. און כוץ אים האָבן דאָ געוווינט אַ סאַך שכיינים. און שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ געהאַט אַ בייזן באַלעבאָס, פּאָדגאַיעצקי האָט ער געהייסן. און יענער טײַוול האָט געשונדן די הויט פון זײַנע קוואַרטיראַנטן, מאַמעש געטרייבערט באַ זיי די נעשאָמע: דירעגעלט! צאָלט פּונקט צו דער צײַט, אַנדערש פאַרנעמט זיך פונדאַנען צו אַלדי רוכעס!..

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּטלעך געהערט פונעם בייזן באַלעבאָס אַזעלכע דיבורים.

דאָס הייסט, די ערשטע צײַט, ווען ער האָט נאָרוואָס באַקומען די יערושע פונעם שווער לויעוון און זיך אַרײַנגעקליבן אַהער, איז אַלץ געגאַן גוט און פײַן. שאָלעם־אַלייכעם האָט געצאָלט דירע־געלט פּונקט צו דער צײַט און מע האָט פאַר אים אַראָפּגענומען דאָס הוטל. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זיך דאָס „גרויסע געווינס“, די יערושע, אויסגעלאָזט, ער האָט דאָס גאַנצע געלט זײַנס געפּאַטערט אויף דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, אויף זײַנע גרויסאַרטיקע געשעפטן אויף דער בירזשע, און שאָלעם־אַלייכעם איז געבליבן, ווי מע זאָגט, מיטן בײַטשל.

די געשעפטן זײַנען אַוועק אַזוי שלעכט, וואָס ערגער קאָן שוין ניט זײַן. עס האָבן זיך צו אים אַ יאַוועגעטאָן זײַנע קרעדיטאָרן, די מעקלערס, קרעמער, דער באַלעבאָס פון דער דירע, פּאָדגאַיעצקי, און אַנדערע שלעק און גענומען פּאָדערן, ער זאָל צאָלן. און צאָלן איז שוין ניט געווען פון וואָס.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ שפּאָגל־נײַע געשיכטע — שאָלעם־אַלייכעם האָט געמוזט נאָכגעבן זײַן באַלעבאָס און פאַרלאָזן די שטוב, זיך אָפּזוכן אַ וועלוועלערע דירע. ער איז אַי־

דאָס הויז אין קיִעוו, באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ 5, ווו שאָלעם־אַלייכעם האָט געוווינט פון 1897 ביז 1904 — די פּראָדוקטיווסטע צײַט פון זײַן שאַפן.

בערגעפאָרן מיט דער פאַראַמטער מישפּאָכע אַף מאַרינאַ־בלאַגאָװעשטשענסקע, נומער 27. איך דאָ האָבן אים געפונען די צעבײזערטע קרעדיטאָרן, די קרעמער, בא װעלכע ער האָט זיך אָנגעבאָרגט, און גענומען דערגײן די יאָרן. ניט לאַנג האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויך אין יער דירע — עס האָבן ניט געסטײַעט קיין געדעס. און ער האָט זיך מיט דער מישפּאָכע אַריבערגעצױגן אַף מאַלאָ־װאַסילקאָװסקי, נומער 26. און דאָ האָט מען אים װידער ניט געלאָזט רוען, און ער איז אַריבערגעפאָרן אַף עליזאַװעטינסקע, נומער 8, און נאָך דער יועד װײסט װוהין... קעדײ זיך ראַטעװען פון יי קרעדיטאָרן, האָט ער אַף א שטיק צײַט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט און זיך אַריבערקלײַבן קיין לעמבערג (לװאָװ), אַדעס.

קעדײ עס זאָל זײַן פרײלעכער אַפן האַרצן און עפּעס פאַרדינען, איז ער געפאָרן צוזאַמען מיט זײַן פרײַנט װאַרשאַװסקין, בײדע זײַנען זײ אַרױסגעטראָטן אַף ליטעראַרישע אָװנטן און געהאַט א גרױסן דערפאָלג.

אין א שטיקל צײַט אַרום האָט שאָלעם־אַלײכעם זיך אומגעקערט אַהײם.

נאָך אײניקע מאָל איז אים אױסגעקומען בײַטן די דירע. און ניט, כאָלילע, צוליב דעם, װאָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איבערשלעפּן מיטן ביסל האָב־און־גוטס אַף א נײַער װױנונג. װער װײסט עס דען ניט, אַז זיך אַריבערקלײַבן אין א נײַער דירע איז ענלעך אַף א סרײפע. ער האָט געמוזט בײַטן זײַן װױנונג!

שאָלעם־אַלײכעם האָט איבערגעלאָזט זײַנע יאָרשים אַן אײַזערנעם געבאָט און ניט אײנעם, נאָר אַפילע עטלעכע. און דער ערשטער איז פּראָסט און פּאָשעט:

— פאָרן דאַרף מען מיט דריטן קלאַס...

איז ער טאַקע אַרומגעפאָרן איבער דער גרױסער װעלט גראַדע דריטע קלאַס!

כאַפּט נאָר א קוק, זײַט א באַלן אַף דער געאָגראַפיע, װוּ דער שרײַבער איז אױסגעװען. שיר ניט די גאַנצע װעלט! און מישטײנס־געזאָגט, װיפל יאָר לעבן האָט דער אײבערשטער אים אױסגעטײלט? א ביזאָיען אױסצורײדן — א כעזשבן פון אַזױנע קנאַפּע 57 דערקער שװערע יאָר! אָבער װוּ ער איז ניט געװען, האָט עס אים שטענדיק געצױגן אַהײם, קיין קיִעװ, אין װעלכן ער איז געװען פאַרליבט, פאַרקאָכט.

אין דער װוּנדערלעכער שטאָט אַפן דניעפּער האָט ער אױך געהאַט זײַנע מאַרשרוטן, זײַנע שפּאַצירן האָבן זיך געצױגן לאַנגע שאָען. ער האָט די שטאָט אױסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברײט. און ליב האָט ער געהאַט ניט פאָרן מיטן טראַמװײַ, אַף פאַעטאָנען, פיִאַקערס, נאָר גראַדע גײן צופוס.

דער אױלעם האָט אים גאַנץ אָפטלעך באַגעגנט אַף די געסלעך, אַף מאַלאָ־װאַסילקאָװסקי און אַפן רױשיקן קרעשטשאַטיק. דאָ איז געװען די באַרימטע בירזשע, װוּ ער פלעג ניט זעלטן אַרײַנקומען, און טאַקע דאָרטן האָט ער געפּאַטערט זײַן יערושע און געשטעלט געװאָרן צום נאַר, געבליבן בא גאַרניט. פּונקט אַנטקעגן איז געשטאַנען די באַרימטע קאַפע סעמאַדעני, װוּהין דער שרײַבער פלעג אַרײַנקומען און פאַרנעמען „זײַן טישל" און, פאַרזוכנדיק די באַרימטע סעמאַדעניער געבעקסן און די געהױבענע טערקישע קאַװע, אײנצײַטיק עפּעס אָנשרײַבן מיט זײַן באַרימטן פּערלדיקן קסאַװ. און מענטשן, װעלכע האָבן זיך געװאָלט טרעפן מיטן באַרימטן שרײַבער, פלעגן אים דאָ אָפּװאַרטן, אָדער גאָר אים כאַפּן אַפן קרעשטשאַטיק און באַגלײטן ביז פּאָדאָל, װוּהין ער האָט ליב געהאַט זיך אַראָפּלאָזן און שפּאַצירן איבער די ענגע געסלעך מיט די האַלב־אײַנגעזונקענע אין דער ערד שטיבלעך און קעלערס.

אָ, פון פּאָדאָל האָט ער געהאַלטן און ניט אַזױ פון פּאָדאָל, װי פון אירע מענטשן, די בידנע כאַלמעלאָכעס, האָרעפּאַשניקעס, װוּ מע האָט געקאָנט הערן די יאָדערדיקע, שאַרפע שפּראַך, די טרױעריקע פאָלקסלידער, די לירניקעס און פידלשפּילער אַפן אַלטן מאַרק, אַף די קױטיקע ראָגן.

ער האָט ליב געהאַט פאַרבלאָנדזשען אין יענע גרינע װינקלען, װוּ די שטאָט מיט איר טומל און ראַש האָט זיך געענדיקט, און עס האָבן זיך באַװיזן די געדיכטע סאָסנע־װעלדער — סװיאַטאָשינאָ און פּושטשע־װאָדיצע. אין דער נאַטור איז ער פון שטענדיק געװען פאַרליבט, געקאָנט שאָענװײַז אָפּשטײן אונטער אַן אַלטן דעמב, בא די געדיכטע קוסטעס און זיך אײַנהערן אינעם געפּילדער, געזאַנג, צװיטשערײַ, ער איז געװען א גרױסער װײסער פון פײגלען און זײ געקאָנט אימיטירן, אַרױסרופן פון זײ א צװיטשערײַ, געטלעכע טרעלן...

אַף די לאַנגע און קרומע גאַסן און געסלעך פון פּאָדאָל האָט שאָלעם־אַלײכעם געהאַט א סאַך באַקאַנטע און פרײַנט און פלעג אָפּטלעך זײ באַזוכן, און װען עס „האָט זיך ניט געשריבן" און אַפן האַרצן איז בא אים געװען קאַלעמוטנע, האָט ער פאַרבראַכט דאָ גאַנצע טעג, און שפּעט פאַרנאַכט זיך אומקערן אַהײם.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער רעװאָליוציע, האָט מען טאַקע אַף פּאָדאָל, אַף דער

לאנגער און אלטער קאָנסטאנטינאָווער גאס, ווו דער שרײַבער פלעג אָפט קומען, באזוכן, אָנגערופן אף זײַן נאמען — די שאָלעם-אלייכעם-גאס. און דער נאָמען האָט באשײַנט די גאס ביז די דײַטשישע אָקופאנטן האָבן ניט אראָפגעריסן די שילדלעך מיטן שרײַבערס נאָמען...

אָן א שיר קיִעווער טוישווים האָבן געקענט און אפילע געווען באפרײַנדעט מיט דעם גרויסן און צוטריטלעכן, באשיידענעם שרײַבער, אים שטענדיק באגעגנט מיט א ברייטן „גוט-מאָרגן", „גוט-יאָר", געווען גליקלעך, ווען מע האָט אים געקאָנט א דריק טאָן די האנט. מע האָט אים געהערט אף זײַנע ליטעראַרישע אָוונטן, ווען ער איז ארויסגעטראָטן אין פארשיידענע געזעלשאפטן, אָדער קלאל אין הײַזער, ווו עס זײַנען זיך צונויפגעקומען זײַנע פארערער. ער פלעג דאָ אָפטלעך ארויסטרעטן צוזאמען מיטן ייִדישן פאָלקס-זינגער מארק ווארשאווסקי, און די קאָנצערטן האָבן זיך פארגעדענקט אפן גאנצן לעבן.

מע האָט שאָלעם-אלייכעמען דאָ ליב געהאט, געווען פון אים און זײַנע ווערק און פאָרלעזונגען באגײַסטערט. מע האָט אים געזען א שײַנענדיקן, מיט א ברייט שטייכעלע אף זײַן ברייטלעכן אָפענעם פּאָנעם, געזען אים א לאכנדיקן און א פארומערטן, א טרויעריקן און צעטראָגענעם, אָן אופגערעגטן און בארויגעזן — אָבער יענע, וואָס האָבן אים גוט געקענט, האָבן געשווירן, אז מע האָט דעם גרויסן שרײַבער ניט געזען אָן אופגעבראכטן און דערצאָרנטן, ווי יענעם שרעקלעכן פריִמאָרגן נאָכן פּאָגראָם פון 1905 יאָר. מע האָט אים דעמלט, ווען עס האָט געבושעוועט אף די גאסן די הארוגע, די ווילדע קוילער-כוליגאנעס, שיקערע צעיושעטע טײַוולאָנים אין אָנבליק פון מענטשן, געזען א דערשיטערטן, אָן אנטשיידענעם. ער האָט געזוכט א מעסער: א כאָפּטע קוילער האָט זיך געריסן צו אים אין שטוב, און ווער ווייסט, וויִאזוי עס וואָלט געווען דער גורל פונעם שרײַבער און זײַן טויט-דערשראָקענער מישפּאָכע, די קינדער און באקאנטע, וועלכע האָבן זיך בייסן פּאָגראָם באהאלטן אין שטוב באם שרײַבער, נאָר גאָט האָט אויסגעלייזט פון אָן אומגליק, און אין דער ערשטער ריי — עטלעכע רוסישע שכיינים, וועלכע האָבן אָפגעטריבן פון שאָלעם-אלייכעמס שוועל די פּאָגראָמשטשיקעס.

אין פענצטער האָט דער שרײַבער געזען די טראגעדיע, וואָס האָט זיך אָפגעשפּילט אף דער גאס, די הארוגים, דאָס בלוט אף די שטיינער...

און אין יענעם טאָג האָט ער באשטימט פארלאָזן די שטאָט פון זײַן ליבע, פון זײַן גורל און ארויספאָרן קיין אויסלאנד ביז די בעהאָלע וועט זיך ענדיקן און מע וועט זיך קענען אומקערן אהיים...

און גאָר אינגיכן האָט ער מיט זײַן מישפּאָכע זיך אוועקגעלאָזט אין זײַן ווײַטער נעסיִע, דורך גאנץ אייראָפּע קיין אמעריקע...

מע דערציילט, אז אין א שטיקל צײַט ארום נאָך דעם פּאָגראָם, איז טעוויע, וואָס האָט געוווינט אין בויערקע, דאָס הייסט, אין בויבעריק, אראָפּגעפאָרן קיין קיִעוו, לאנג-לאנג געזוכט זײַן אלטן באקאנטן, דעם שרײַבער, מיט וועלכן מע פלעג זיך אָפטלעך באגעגענען און זיך גוט דורכשמועסן. דער מילכיקער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס קומט עס פאָר אף דער וועלט. ווו איז יוישער? ווו איז מענטשלעכקײַט און פארוואָס זעט עס ניט דער אייבערשטער? וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט, אויב עס קומען פאָר אזעלכע ווילדקײַטן, אזעלכע גזיירעס?

ער האָט דעם שרײַבער אָבער ניט געפונען, און דער אלטיטשקער האָט זיך אומגעקערט אהיים, צו זײַן נאכלע. און נאָך לאנג איז ער אלץ געגאן צו דער פּוסטער שטוב, צו דער דאטשע נומער 26, ווו אלע זומער פלעג דאָרטן וווינען שאָלעם-אלייכעם, און טעוויע פלעג צו אים קומען און אויסגיסן זײַן ביטער הארץ.

שנעל לויפט די צײַט.

ניט באשערט געווען, שאָלעם-אלייכעם זאָל זיך אומקערן אהיים, קיין קיִעוו. זײַן קייווער איז איבערגעבליבן אין אויסרײַסעניש. מע האָט אויסגעפּילט טיילווײַז זײַן צוואָע און אים מעקאבער געווען „צווישן פּראָסטע מענטשן", אוועקגעשטעלט א פּראָסטע, באשיידענע מאציייווע...

די צײַט גייט, און אלץ העלער, שטארקער שײַנט שאָלעם-אלייכעמס שטערן. וואָס ווײַטער עס טיילט אונדז אָפּ פון יענעם ווײַטן 13 מײַ, ווערט ער אלץ לעבעדיקער, פּאָפּולערער, בארימטער און עס פאלן צו צו דעם מעכטיקן קוואל פון קונסט, פון הומאָר — צו זײַנע און נײַע מיליאָנען לייענער פון אלע וועלט-קאָנטינענטן.

און עס דאכט זיך, אז דער שרײַבער איז גאָר קיינמאָל ניט געשטאָרבן. ער לעבט און איז מיט זײַן פאָלק. ער איז בא זיך אינדערהיים. טאקע אין קיִעוו, אין יעהופּעץ!

וויִאזוי זשע קאָן דאָס זײַן אנדערש? עס האָבן זיך דאָ, אין פארשיידענע פארלאגן, קיינמאָל ניט אָפּגעהערט דרוקן זײַנע ביכער.

אַף פאַרשיידענע לעשוינעס, פאַר עלטערע און ייִנגערע, פאַר קינדער. עס דאַכט זיך, אַז קיינמאָל זײַנען ניט אַראָפּ פון די בינעס זײַנע פּיעסעס, איר גייט איבער קיִעוו, קוקט זיך אַרום און טראַכט זיך, אַז אַלע קיִעווער הײַזער, שטיינער, קאַשטאַנעס, סעדער געדענקען נאָך אָט דעם טײַערן, ליבן מענטשן מיט דעם וווּנדערלעכן שמייכעלע הינטער די ברילן.

איר שטעלט זיך אָפּ אַף באַלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ, 5, לעבן דעם מירמלנעם טאָוול, ווו מיט גאָלדענע אויסיִעס איז אײַנגעקריצט פאַר דער אייביקײַט זײַן נאָמען. איר שטעלט זיך אָפּ לעבן בראָדסקיס שול, ווו שאָלעם־אַלייכעם פלעג אין אַ יאָמטעוו־טאָג אַרײַנקומען, אָפּדאַווענען, זיך באַגעגענען מיטן פאָלק. איר פאַרקערעוועט אַף מאַרינסקי־גאַס (איצט סאַקסאַגאַנסקע) און שטעלט זיך אָפּ לעבן הויז נומער 27 און אַף אײַך קוקט שאָלעם־אַלייכעם מיט זײַן קלוגלעך שמייכעלע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין בראָנזע — די דאָזיקע מעמאָריִאַל־ברעט איז געעפנט געוואָרן שאָלעם־אַלייכעמען צוריק מיט עטלעכע יאָר. עס גרייטן זיך נײַע און נײַע מעמאָריִאַל־ברעטלעך, ווײַל דעם שרײַבער איז אויסגעקומען דאָ וווינען אין פיל הײַזער און, ווי שוין געזאָגט געוואָרן, ניט, כאָלילע, דערפאַר, וואָס ער האָט ליב געהאַט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק בײַטן די דירע פון בעסערס אַף ערגערס...

איר גייט איבער דער גרויסער נײַער געראַמער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, וואָס איז מער ענלעך אַף אַ פּראָספּעקט. דאָס פירשטאָקיקע הויז אַף באַלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ, 5, איז גייט איצט דאַ אַ קאַפּיטאַלער רעמאָנט. נאָך איצט אַרומגעצוימט מיט אַ גרויסן פּלויט. אין אַ פּאָר יאָר, אַרום ווערט די אַרבעט זיך ענדיקן, דעמלט וועט דאָ, אַפן דריטן שטאָק, ווו שאָלעם־אַלייכעם האָט געוווינט, געעפנט ווערן אַ מוזיי, געווידמעט דעם גרויסן קינסטלער.

איר גייט איצט איבערן רושיקן קרעשטשאַטיק, און אַף די ראָגן הענגען גרויסע אַפישן. עס לאַדט אײַך אײַן דער אוקראַיִנישער מעלוכע־טעאַטער אַפן נאָמען פון איוואַן פראַנקאָ. שוין דאָס דריטע יאָר גייט ניט אַראָפּ פון דער בינע שאָלעם־אַלייכעמס שעדעווער „טעוויע דער מילכיקער" — אַ פּרעכטיקע פאָרשטעלונג! דער זאַל איז אַלעמאָל, ווען די פּיִעסע גייט, פול מיט נייגעריקן עולעם. אין דער הויפּט־ראָל — איינער פון די גרעסטע אוקראַיִנישע אַקטיאָרן באָגדאַן סטופּקאַ. עס איז קעדײַ אַרײַנקומען אין טעאַטער און אַ קוק טאָן אַפן עולעם, זען, ווי ער נעמט אויף די פאָרשטעלונג, ווי מע לאַכט און מע וויינט. דער אַקטיאָר שפּילט וווּנדערלעך זײַן ראָל. מע רופט אים, סטופּקאַ — טעוויען, אָן אַ שיור מאָל אַרויס אַף דער בינע, מע פאַרוואַרפט אים מיט בלומען.

טעוויען שטעלט מען אין אַ סאַך טעאַטערס פון לאַנד. די ראָל האָבן אַמאָל געניִאַל אויסגעפּילט שלוימע מיכאָעלס, קרושעלניצקי, בוטשמאַ, גאָלדבלאַט, שפּעטער — אוליאַנאָוו, לעאָנאָוו, און איצט באָגדאַן סטופּקאַ. יעדער קינסטלער שפּילט טעוויען, געוויינלעך, אַף זײַן אופן. נאָר עס איז אַפילע אוממעגלעך זאָגן, ווער איז בעסער אין דער ראָל.

איר גייט איבער די קיִעווער גאַסן און אין די אויגן וואַרפן זיך אַפישן: מע לאַדט אײַן דעם עולעם אַף די קאָנצערטן פון אַנסאַמבלען, ווו מע וועט אויספּילן ייִדישע פאָלקסלידער און לייענען דערציילונגען פון שאָלעם־אַלייכעמען...

אין די ביכער־קראָמען קאָנט איר אײַנהאַנדלען דעם לעצטן, זעקסטן, באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס געקליבענע ווערק...

אין די זומער־טעג קאָנט איר דאָ באַגעגענען גרופּעס טוריסטן, וואָס שפּאַצירן אַרום איבער אונדזער גרויסאַרטיקער שטאָט, ווו עס איז פאַראַן וואָס צו זען. און מע פרעגט זיך נאָך: ווו האָט דאָ געוווינט שאָלעם־אַלייכעם? און מע קומט צו צו די הײַזער, ווו עס הענגען בײדע מעמאָריִאַל־ברעטער דעם גרויסן שרײַבער, און מע שטייט לאַנג, פאַרטראַכט, פאַרנייגט די קעפּ, מע לייגט אַוועק שטילערהייט בינטלעך לעבעדיקע בלומען.

די ליבע, די אַכטונג צו שאָלעם־אַלייכעמען ווערט ניט אָפּגעשוואַכט — פאַרקערט, טויזנטער, טויזנטער מענטשן ציִען זיך צו זײַן וואָרט, צו זײַן שײַן, צו זײַן בוך.

דער שרײַבער איז געבליבן אַ היגער, אַ קיִעווער, דאָרטן, ווו עס איז געבליבן אַ טייל פון זײַן ניט־פרייִלעכער לעבנס־געשיכטע. אַז מ'עווויל זיך מיט אים באַקאַנען, זיך דורכשמועסן, קומט מען טאַקע אַהער, צו אונדז. און אויך אַהין, קיין פּערעיאַסלעוו, וואָס געפינט זיך אינגאַנצן נײַנציק קילאָמעטער פון קיִעוו.

כאָטש עס איז שוין אַוועק אַ שיין ביסל יאָרן זינט ער האָט פאַרלאָזט זײַן היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און ווו עס זײַנען דורכגעגאַן זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, נאָר אַלץ אַרום דערמאָנט דאָ וועגן אים — דעם גרויסן שרײַבער.

גוטע מענטשן האָבן דאָרטן אָנגערופן אַ גאַס אַף זײַן נאָמען, געשאַפן אַ גלענצנדן מוזיי, וווּהין עס קומען טויזנטער מענטשן.

ה ע ר ש ל פ אָ ל י א נ ק ע ר

שאָלעם־אַלייכעם אין פּעטערבורג

דעם 14־טן יאנוואר 1904 איז אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור און פרעסע פאָרגעקומען א מערקווירדיקע געשעעניש: אין פעטערבורג איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער ערשטער ייִדישער טעגלעכער צײַטונג „דער פרײַנט". עס איז מעקוײַעם געוואָרן דער טרוים, וואָס די ייִדישע שרײַבער, זשורנאליסטן און געזעלשאפטלעכע טוער האָבן אויסגעטראָגן אין מעשעך פון פיל יאָרן.

די פאָרגעשיכטע פון דער דאָזיקער אויסגאבע האָט זיך געצויגן אכט יאָר. פאר דער דאָזיקער צײַט האָט דער גרינדער פון דער צײַטונג שאפסע ראפּאפּאָרט געהאט גענוג אויסצושטיין, קעדיי באקומען א דערלויבעניש. צווישן די מיטארבעטער פונעם „פרײַנט" זײַנען געווען קוואליפיצירטע זשורנאליסטן, און קידעמקאָל שאָול גינזבורג, וועלכער האָט רעדאגירט די צײַטונג די ערשטע צוויי יאָר.

די ארויסגעבער האָט זיך געוואָלט, אז אין דער אויסגאבע זאָלן זײַן פאָרגעשטעלט די בעסטע ליטערארישע קויכעס פון יענער צײַט און אין דער ערשטער ריי, פארשטייט זיך, שאָלעם־אלייכעם, וועלכער איז דעמלט געווען אין סאמע זעניט פון זײַן שאפונג. שאָלעם־אלייכעם האָט גלײַך ניט געקאָנט באשליסן, אָנצונעמען אָדער ניט די אײַנלאדונג: לויטן קאָנטראקט מיט דער קראקאָווער וואָכנבלאט „די ייִדישע פאָלקסצײַטונג", וועלכע עס האָבן ארויסגעגעבן מאָרדכע ספעקטאָר און כאיִם־דאָוו הורוויץ, האָט ער ניט געטאָרט שרײַבן פאר קיין אנדערע אויסגאבעס. אין א בריוו צו ספעקטאָרן פארן 12 נאָיאבער 1902 שרײַבט ער, אז צוערשט האָט ער ש. גינזבורגן געענטפערט מיט א טעלעגראמע: „איך בעט צוליב געמיינזאמע אינטערעסן זיך אָפּהאלטן פון פובליקירן מײַן נאָמען אינעם פראָספעקט" (פונעם „פרײַנט"), נאָר דער יעיצערהאָרע איז געווען זייער גרויס: אין פארגלייך מיט דעם פלאנירטן טעגלעכן „פרײַנט", א צײַטונג פון גרויסן פאָרמאט, האָט „די ייִדישע פאָלקסצייטונג" אויסגעזען זייער באשיידן.

האקלאל, ער האָט געפויעלט, מע זאָל אים דערלויבן אויך זיך דרוקן אינעם „פרײַנט". און שוין אין דעם ערשטן נומער פארן 5־טן (18־טן) יאנוואר 1903 ווערט פארעפנטלעכט שאָלעם־אלייכעמס „א נײַע פארנאָסע" (פון „מענאכעם־מענדל"), און ס'איז אוועק א גאנג! אין מעשעך פון אָט דעם יאָר דרוקן זיך זײַנע ווערק אינעם „פרײַנט": „אדיעו!" (אויך פון דער סעריע „מענאכעם־מענדל"), די סעריע „טיפּן און בילדער" („קורצפרײַטיק" און „שאבעס־האגאָדל", „פעסעלע דעם רעבנס", „אוועקגעפאָרן", „באשעפעניש", „וועלוול סוואָדזאקאָן"), די סעריע „ברעקלעך" („האמאָן און זײַנע טעכטער", „דער ייִנגסטער פון די מאלאָכים", „מיטן עטאפ", „איינער פון טויזנט", „דרײַ שכיינים און איינער א באלעבאָס", „א גרינגער טאָנעס", „קאָלנידרע", „צאר באלעכאיִם" און אנד.).

נאָך מער, שאָלעם־אלייכעם ווערט דער קאָרעספאָנדענט פונעם „פרײַנט" אין קיִעוו, און פון צײַט צו צײַט באווײַזן זיך אין דער צײַטונג זײַנע טאָג־קאָרעספאָנדענצן, אונטערגעשריבן „א באלמעלאָכע". פארשטייט זיך, די דאָזיקע זאכן זײַנען שפּעטער ניט ארײַן אין דעם שרײַבערס זאמלונגען, אָבער איצטער, אין קנאפּע נײַן יאָרצענדליקער ארום, איז אינטערעסאנט אין זיי ארײַנקוקן, כאָטשבי קעדיי נעענטער זיך באקאנען מיטן זשורנאליסטישן אויסוואל פונעם געניאַלן קינסטלער.

דאָס ערשטע מאָל באווײַזט זיך אין „פרײַנט" שאָלעם־אלייכעמס „בריוו פון קיִעוו" („א באלמעלאָכע") אין נומער 10 פארן 1903 און זיי הייבן זיך אָן אזוי:

„איך האָב די ערע מיך פאָרצושטעלן — א פראָסטער ייִדישער באַלמעלאָכע, און מאַכ־מעס איך בין קימאט שטענדיק פארנומען אין דער ארבעט, האָב איך צייַט אף צו לייענען (געווייַנטלעך נאָר זשארגאָן) גאנץ ווייניק. און צייַט אף צו שרייַבן נאָך ווינציקער, דעריבער וועלן מייַנע קאָרעספּאָנדענציעס אין „פרייַנט" זייַן זייער קורץ — און דאָס וועט זייַן, מיין איך, זייער גרעסטע און עפשער טאקע זייער איינציקע מייַלע".

די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס זייַנען טאַקע געווען גאנץ קורצע, נאָר שאָלעם־אַלייכעם האָט אין זיי באוויזן די וויכטיקסטע, לויט זייַן פארשטאנד, געשעענישן, וועלכע זייַנען פאָרגעקומען אין זייַן היימשטאָט, און דאָס זייַנען געווען נאָטיצן ניט פון א באאָבאכטער, נאָר פון א מענטשן, וואָס שאצט אָפּ די דאָזיקע געשעענישן, און פון אונטער שאָלעם־אַלייכעמס פען באקומען זיי דעם זיבעטן כיין. אָט איז, לעמאָשל, דער סאָף פון איינעם „בריוו פון ק"עוו" („פרייַנט", נומ. 44, 1903):

„מיר וואָלטן געבעטן בא אונדזערע קיִע־ווער ציִעניסטן, וואָס טראָגן זיך ארום מיט דער ייִדישער „קולטורא" אין די הויכע פענצ־טער, זיי זאָלן מויכל זייַן אראָפּלאָזן זיך א קאפּעטשקעלע נידעריקער צו אונדזער אוי־לעם און אייַנפירן, מע זאָל אין די באָטעמעד1 ראָשים כאָטש איין מאָל אין וואָך לייענען פאר אונדז היסטאָריע, און די, וואָס האָבן מוי־רע פארן וואָרט „היסטאָריע", לאָז מען לייענען פּאָשעט טאנאך און דאפקע אף זשארגאָן. מיר זאָגן די ציִעניסטן: צו וואָס זאָלט איר קריכן אהין, ווו מע וויל אייַך ניט? אמער גייט אהין, ווו מע קוקט אף אייַך ארויס.

אגעוו, אז מיר האלטן שוין בא די ציִע־ניסטן, דארף מען אייַך דערציילן, אז עטלעכע פאָרשטייער פונעם ציִעניזם — אוסישקין, טעמ־קין, דיזענהאָף און גאָלדבערג — זייַנען געווען בא אונדז צוגאסט, אָנגעקלאפּט צו די גווי־רים, געהאלטן שיינע רעדעס, מאריש אוילעם געווען! וואָס האָבן זיי געפויעלט בא די גווי־רים — קאָן איך אייַך ניט זאָגן, וואָרעם ווי קום איך, באַלמעלאָכע, אף אזא אסיפע, ווו מע רופט צונויף לויטער גווירים? נאָר מייַן באַלמעלאָכישער פארשטאנד זאָגט מיר, אז טאָמער האָבן די ציִעניסטן אפילע ארויסגע־ריסן צען צי צוואנציק טויזנט קערבלעך אף ערעץ־ייִסראָעל, איז דאָס ניט מער ווי א „שיינע נעדאָווע"; פאר ציִעניסטן וועט מען אונדזערע גווירים ניט מאכן, איר זאָלט זייַן מיט אכצן קעפּ! פארוואָס? ס'איז נישט דאָס

Дэръ Фрайндъ. יאהרגאנג. № 1. ערשטער Der Fraind.

פריינד

די ערשטע
טעגליכע זשארגאנישע צייטונג אין רוסלאנד.

6 .18 יאנואר 1903 פעטערבורג זונטאג. ים טבת שנת תרסג.

די פערזיכערונג־געזעלשאפט
„ראססיא"
אין פעטערבורג. מארסקאיא גאס № 37.
לעבענס־פערזיכערונגען
פערזיכערונגען פון אונגליקס־פאלען
פערזיכערונג פון שרפות.

אַרט און נישט איך באַדאַרף דערפון רעדן. מײַן רעבע, אַלעווהאַשאָלעם, האָט מיר אָנגעזאָגט דרײַ זאַכן: צווישן קיסאָרים זיך ניט מישן, צווישן גווירים זיך ניט שטופּן, און צווישן מאַן־און־ווײַב זיך ניט אַרײַנלייגן — פֿאָלג איך אים״.

„בריוו פון קיִעוו״ האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרגעזעצט צו דרוקן אין „פרײַנט״ אויך אין 1904. איינע פון די לעצטע קאָרעספּאָנדענצן האָט די צײַטונג פאַרעפנטלעכט אינעם נום. 12 פאַרן 15־טן (28־טן) יאַנוואַר 1904. די קאָרעספּאָנדענץ הייבט זיך אָן מיט א פאַרענטפערונג, פאַרוואָס ער, דער „באַלמעלאָכע״, באַווײַזט זיך אַזוי זעלטן אויף די זײַטלעך פון דער צײַטונג:

„א צײַט, אַז איך האָב מיך ניט געזען מיט די לעזער פונעם „פרײַנט״. אַלץ די וויסטע מעלאָכע. דאָס לעבן איז אַזוי שווער, די קאָנקורענציע איז אַזוי גרויס און אַרבעט, קיינעהאָרע, איז דאַפקע פאַראַן א סאַך, און צײַט ווייניק, און רעדן איז דאַפקע דאָ פון וואָס, און דער יעיִצערהאָרע פון שרײַבן איז גרויס, אוי גרויס...״

לייענענדיק די דאָזיקע שורעס, אַפילע ווען זיי וואָלטן געווען אָן אַן אונטערשריפט, וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, געקאָנט גלײַך פאַרשטיין, אַז דאָס איז שאָלעם־אַלייכעם — זײַן סטיל, זײַן קענען גלײַך געפינען א פאַרטרוילעכן צוגאַנג צום לייענער, פאַרינטערעסירן אים און שוין ניט אָפּלאָזן, און דער איקער — דער „באַלמעלאָכע״ האָט באַרירט פּראָבלעמען, וועלכע האָבן פריִער אָדער שפּעטער אַזוי אָדער אַנדערש געפונען אָן אָפּקלאַנג אין די קינסטלערישע ווערק פונעם שרײַבער.

די לעצטע קאָרעספּאָנדענץ פונעם „באַלמעלאָכע״ אין „פרײַנט״ געפינען מיר טאַקע אין נום. 12 פאַרן 1904, וואָס איר אָנהייב האָבן מיר שוין ציטירט. און אָט איז נאָך אַן אויסצוג פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ:

„... פאַר אונדזערע קליינע ברידער און קינדער זאָרגט זיך אונדזער קיִעווער אינטעליגענציע דאַפקע נישקאָשעדיק, קאָן מען זאָגן...

איר קאָנט אין קיִעוו באַגעגענען קליינע קינדער, וואָס רעדן לאָשנקוידעש א סאַך בעסער, ווי אין אַדעס ייִדן מיט בערד. פאַראַן בא אונדז קינדער, וואָס קענען ביאַליקס פּאָעמען אויף אויסווייניק. פאַראַן בא אונדז קינדער, וואָס וועלן אײַך דערציילן די ייִדישע היסטאָריע אָן דאַפקע גוט און דאַפקע אויף דעם לאָשן פון יעשײַע האַנאָווי. פאַראַן אָבער בא אונדז קינדער... אוי וויי! פאַראַן בא אונדז קינדער, וואָס ווייסן ניט קיין ייִדישן אַלעפבייס, וואָס גייען נאַקעט און באָרוועס, וואָס וואָלטן נעבעך וועלן עפּעס לערנען, עפּעס קענען, נאָר זייערע עלטערן, אָרעמע באַלמעלאָכעס, האָבן ניט פאַרוואָס, שטאַרבן קוים־קוים אַליין פון הונגער...

... די בראָדסקיס האָבן נאָך פאַראַיאָרן אויסנעבויט (דורך אונדזערן געוויסן אונטערנעמער ל. ב. גינזבורג) אויף זייער אייגענעם פּלאַץ און טאַקע אויף אייגענער רעכענונג א פּראַכטפולע באַלמעלאָכישע שולע Еврейское ремесленное училище פאַר ייִדישע קינדער...

... איך האָב שוין פון לאַנג געזאָגט, האַלעוויי זאָל גאָט געבן אונדזערע גווירים אַזאַ זין, זיי זאָלן אָנהייבן שמײַסן, וועלן איבעריאָגן איינס דאָס אַנדערע מיט גרויסע נעדאָווועס, מיט נוצלעכע ביניאָנים און מיט נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן לטויִוועס דעם ייִדישן פאָלק, וואָס שטאַרבט דערווײַל ביסלעכווײַז פון הונגער, פרירט אויס שטילערהייט פון קעלט, גייט אויס פּאַוואָלינקע פון קראַנקײַטן און ווערט פאַרשטיקט פון ענגשאַפט און פון פינצטערניש...״

דאָס איז געווען די לעצטע קאָרעספּאָנדענץ פונעם ציקל „בריוו פון קיִעוו״, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרעפנטלעכט אין „פרײַנט״. „אויך פון מײַנער א קאָרעספּאָנדענציע, — שרײַבט ער אין זײַן בריוו צו ספּעקטאָרן פאַרן 4 — 5 פעוורואַל 1904, — וואָס איז געווען ניט קיין קאָרעספּאָנדענציע, נאָר א פעליעטאָן (געצאַסמעט „א באַלמעלאָכע״), האָבן זיי אַראָפּגעכאַפּט דעם קאָפּ, אָפּגעשניטן די הענט מיט די פיס און איבערגעלאָזט נאָר א בײַכל מיט א פּופּיק מיט עפּעס נאָך — און גיי טו זיי עפּעס! דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבן קימאַט האָט מען מיר, געמאַכט אַזאַ מין אָפּעראַציע, אָן מײַן וויסן! איך האָב, מאָל דיר, געגונג געשריגן, געקאָוויטשעט ווי א דאָווראַכער — האָט מען מיר אַפילע ניט געענטפערט. איך האָב קימאַט א כוידעש ניט געשריבן, ווי דו ווייסט, אין „פרײַנט״ — איצט שרײַב איך ווײַטער, ווי דו וועסט אינגיכן מיסטאָם זען...״

מער קיין „בריוו פון קיִעוו״ האָט שאָלעם־אַלייכעם אין „פרײַנט״ ניט געשיקט, נאָר קינסטלערישע ווערק האָט ער דאָרט יאָ געדרוקט, אויך אַן אַרטיקל וועגן דעם ייִדישן טעאַטער און א רעצענזיע (ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין קיין שום שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק). און כאָטש ער האָט איינצײַטיק זיך געדרוקט דעמאָלט אין אַנדערע אויסגאַבעס, איז „דער פרײַנט״ געווען די באַליבטסטע צײַטונג.

אין סאָף זומער 1904 נעמט שאָלעם-

אַלייכעם פֿאַר א רײַזע קיין אָדעס, ווילנע, ווארשע און פעטערבורג. דאָס איז געווען ניט קיין פּאַשעטע רײַזע — ער וויל זיך דערשלאָגן א דערלויבעניש אויף ארויסצוגעבן אן אייגענע טעגלעכע צײַטונג אין ווילנע אָדער אין אָדעס. (וועגן קיִעוו האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, ווײַל דאָרט האָבן די ייִדן ניט געהאַט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ". אין אויגוסט איז ער אין אָדעס, אין אָנהייב סענטיאַבער — אין ווילנע, און אין דער מיט פון סענטיאַבער — שוין אין פעטערבורג.

די פעטערבורגער ייִדישע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס גרייטן א בעקאָוועדיקן קאַבאַלעס־פּאַנעם שאָלעם־אַלייכעמען. דעם 15־טן (28) סענטיאַבער דרוקט זיך אינעם „פרײַנט" זײַן דערציילונג „דאָוויד מעלעך ייִסראָעל" (א בילד לעקאָוועד סימכאַסטוירע), און אין זעלבן נומער ווערט אויף דער ערשטער זײַט געגעבן א מוידאָע: „די פּאַרערער פון דעם באַוווּסטן ייִדישן שרײַבער ש. ראַבינאָוויטש (שאָלעם־אַלייכעם), וואָס געפינט זיך איצט אין פעטערבורג, מאַכן לעקאָוועד אים א מאָלצײַט דינסטיק, דעם 21־טן סענטיאַבער, 9 אַזייגער אין אָוונט אין מיכאַלעוויטשעס ייִדישן רעסטאָראַן (ניעווסקי פּראָספּעקט, 68), די, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אינעם מאָלצײַט (3 רובל פון א פּערזאָן), בעט מען שריפטלעך מוידיִע זײַן וועגן דעם ניט שפּעטער ווי ביז צום 20־טן סענטיאַבער אויף פאָלגנדן אַדרעס:

«М. Глинкину, 3-я Рождественская, 5

די זעלבע מוידאָע כּאָזוערט די צײַטונג איבער אויך אין די פאָלגנדע נומערן.

די מיטאַרבעטער פונעם „פרײַנט" נעמען אויף שאָלעם־אַלייכעמען מיטן בעסטן קאָוועד. אין א בריוו צו מ. ספּעקטאָרן שרײַבט ער, וויאַזוי עס איז געבוירן געוואָרן די דערציילונג „דער יאָמטעוודיקער צימעס", וועלכע די צײַטונג האָט אָפּגעדרוקט אין נום. 297 פון 10־טן (23־טן) סענטיאַבער:

„א שיינע מײַסע האָט פּאַסירט מיט דעם „צימעס". געווען איז דאָס נעכטן פאַרנאַכט שוין; מע האָט שוין געהאַלטן בא חתימת הגליון (באַם שליסן דעם נומער), רופט זיך אָן צו מיר גינזבורג: „ניטאָ קיין יאָמטעוו־פעליעטאָן אויף די ערשטע טעג סוקעס! אַנו, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, פאַרקאַטשעט די אַרבל, באַווײַזט א בעריעשאַפט, איר האָט א שאָ צײַט". — האָט גענומען שאָלעם־אַלייכעם, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, אָפּגעזעסן א שאָ — און ס'איז אַרויס א „צימעס". שאַדע, וואָס נאָר א שאָ, איך וואָלט באַדאַרפט האָבן כאָטש נאָך א האַלבע שאָ, וואָלט ער אַרויס א ביסל גרעסער און עפּשער באַטאַמטער..."

די רעדאַקציִע פון דער צײַטונג האָט זיך געפונען אויף וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט, 53, און דאָס איז געווען ניט ווײַט פונעם האָטעל, וווּ שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שרײַבער האָט די ערשטע טעג פון זײַן קומען קיין פעטערבורג, ווי מע זאָגט, קימאַט געטאָגט און גענעכטיקט אין דער רעדאַקציִע, אים איז געווען אינטערעסאַנט ניט בלויז די באַגעגענישן מיט פעדער־מענטשן, נאָר אויך בײַכלאַל די גאַנצע אַרומגעבונג, אין וועלכער עס ווערט טאָגטעגלעך אַרויסגעגעבן א ייִדישע בלאַט. שפּעטער, ווי מיר וועלן ווײַטער זען, האָט ער זיך אַנטוישט אין די מענטשן, וועלכע האָבן אים אין די אויגן געזאָגט שוואַכים און הינטער די אויגן אַרויסגעשטעלט א פײַג. נאָר דערווײַל איז אַלץ געגאַנגען קעשורע — מע האָט זיך געגרייט צום גרויסן באַנקעט לעקאָוועד דעם קיִעווער גאַסט.

און אָט איז געקומען דער 21־טער סענטיאַבער (6־ער אָקטיאַבער). ס'איז געווען דינסטיק, 9 אַזייגער אָפּדערנאַכט. צום ייִדישן רעסטאָראַן אויפן ניעווסקי פּראָספּעקט, 68, זײַנען געקומען צו כּאָרן צענדליקער דראָזשקעס, פון וועלכע עס זײַנען אַראָפּגעשטיגן פּניי פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין פעטערבורג, איינִיקע — אַפילע מיט זייערע ווײַבער און דערוואַקסענע קינדער (אין פעטערבורג האָבן דעמלט, לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, געלעבט 20.385 ייִדן, פון וועלכע 12.535, ד. ה. 62 פּראָצענט, האָבן אָנגעגעבן ייִדיש פאַר זייער מוטערשפּראַך). „דער פרײַנט" האָט אײַנעם באַריכט וועגן דעם באַנקעט געשריבן:

„דינסטיק אָוונט, דעם 21 סענטיאַבער, האָבן די היגע פאַרערער פון דעם באַליבטן פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם געמאַכט לעקאָוועד אים א באַנקעט אין ייִדישן רעסטאָראַן פון ה'מיכאַלעוויטש. אויפן באַנקעט זײַנען זיך צונויפגעקומען: פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, פון די היגע ייִדישע צײַטונגען, ליטעראַטן, סטודענטן, לערער אאַוו. דער פאָרזיצנדער, אַדוואָקאַט הורישע ווײַסענבערג האָט מיט וואַרעמע ווערטער באַגריסט דעם ליבן גאַסט. נאָך אים האָבן גערעדט: ה'ה נ. לונין, י. סאָרין, מ. ריוועסמאַן, ש. גינזבורג, ש. ראַפּאָפּאָרט, מ. אײַזענשטאַט, ז. שטיין און אינזשעניער י. דימשיץ, ה'י. י. פּראָפּוס האָט פאָרגעלייענט זײַנעם א שיר לעקאָוועד דעם גאַסט. די רעדעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט צוגעבונדנקײַט און אַכטונג צו דעם באַליבטן ייִדישן שרײַבער, וועלכער האָט אַזוי טיף אַרײַנגעדרונגען אין דער ייִדישער פאָלקס־

נעשאַמע און אין דעם ייִדישן לעבן און אנטדעקט דאָרט א וועלט פון געפילן, שטרעבונגען, בילדער און טיפּן.

די לעצטע און די בעסטע רעדע האָט צום סאָף געהאלטן שאָלעם-אַליימם. אָפּגעדאנקט אלע געסט פאר דעם קאָוועד, וואָס מע האָט אים אָנגעטאָן, האָט ער מיט זײַן עכט-ייִדישן וויץ און הומאָר איבערגעגעבן א הארציקן גרוס פון זײַן טעווּיע דעם מילכיקן און אויך מענאכעם-מענדלען, דערציילט, מיט וואָס ער פארנעמט זיך אצינד און וואָס ער רעכנט טאָן אין דער נאָענטסטער צײַט.

די רעדע האָט ארויסגערופן שטורעמדיקע אפּלאָדיסמענטן.

דערנאָך האָט ער קונציק און מײַסטערהאפט פאָרגעלייענט עטלעכע פון זײַנע ווערק: „האָדל" און דעם מאָנאָלאָג „געַנדז". די אַפּלאָדיסמענטן האָבן א לאנגע צײַט פארהילכט דעם זאַל.

באגריסונגס-טעלעגראמען זײַנען אָנגעקומען פון דעם קיִעווער ראבינער ה' ש. לוריע, פון מ. פרייד (ווארשע), פון מ. בערנהאָלץ (קיִעוו) און נאָך אנדערע.

4 אזייגער באנאכט איז זיך דער אוילעם צעגאנגען. און מע וועט אף לאנג האלטן אין זיקאָרן די מינוטן, וואָס מע האָט פארבראכט מיט דעם באליבטן פאָלקס-שרײַבער".

אזוי האָט די דאָזיקע באגעגעניש פארשאפט שאָלעם-אַליינעמען פארגעניגן. פּעטערבורג איז פאר אים געווען א הייליקע שטאָט ניט דערפאר, וואָס דאָס איז געווען די הויפּט-שטאָט פון רוסלאנד. מיט צוואנציק יאָר צוריק האָט די פּעטערבורגער „ייִדישע פאָלקס-בלאט" אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע ייִדישע דערציילונג. די זעלבע צײַטונג איז שפּעטער ארײַנגעפאלן אין אומריינע הענט, און האגאם ער האָט פארגעזעצט אין איר זיך צו דרוקן (קיין אנדער ברייטע האָט ער ניט געהאט). האָט ער פון אירע ארויסגעבער געהאט געבראָטענע לײדן. איצטער האָט פּעטערבורג געהאט א טעגלעכע ייִדישע צײַטונג, וועלכע פארצוקערט מאמעש יעדעס וואָרט, וואָס גייט ארויס פון אונטער זײַן פּען, און צענדליקער טויזנטער לייענער אין גאָר דער וועלט קוויקן זיך מיט זײַנע ווערק.

נאָר שאָלעם-אַליימם איז געקומען קיין פּעטערבורג ניט צוליב הערן שוואַכים אף זײַן אדרעס. זײַן באזוך איז געווען פארבונדן, ווי געזאָגט, מיט דער האָפענונג צו באקומען א דערלויבעניש אף ארויסגעבן אן אייגענע טעגלעכע ייִדישע צײַטונג. דאָס איז געווען א שווער שטיקל ארבעט. און ניט בלויז דערפאר, וואָס די מאכטאָרגאנען האָבן ניט געגעבן קיין האסקאָמע — שאָלעם-אַלייכעם האָט שוין געהאט „ארויסגעשלאָגן" די כסימעס פונעם גענעראל-גובערנאטאָר פרעזע און פונעם אינערן-מיניסטער פון רוסלאנד סוויאטאָפּאָלק-מירסקי. די זאך איז באשטאנען אין די אינטריגעס פון א ריי פּניי פון דער ייִדישער געזעלשאפט.

נאָך דעם 1-טן אָקטיאַבער 1904 שרײַבט שאָלעם-אַלייכעם פון פּעטערבורג צו י.-כ. ראווניצקין, וועלכער האָט געדארפט ווערן דער רעדאקטאָר פון דער נײַער אויסגאבע:

„איך בין נאָך, ווי איר זעט, אלץ אין פּעטערבורג. וויפל וועל איך נאָך דאָ פארברענגען — ווייס איך ניט. וואָס איר פרעגט זיך נאָך אף יענעם מאָקעם — קאָן איך אײַך נאָר זאָגן בעקיצער: פּע, מע דארף אנטלויפן, סע שטינקט! ס'איז פול מיט שעקער. די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט כאניפע און מיט טיפּשעס... און אלע זײַנען שאקראָנים, כאניפים, באטלאָנים, פּוסטע קאלטע ברוים, אָן א טראָפּן לעבן".

דרײַ כאדאָשים איז שאָלעם-אַלייכעם געווען אין פּעטערבורג, ניט געווען, נאָר ווי ער האָט אליין זיך אויסגעדריקט אין איינעם א בריוו „זיך אָפּגעוואלגערט אין דעם וויסטן פּעטערבורג", קימאט זיך דערשלאָגן דאָס, צוליב וואָס ער איז אהין געפאָרן, — אָבער ס'האָט זיך גאָרניט באקומען.

איינס איז אָבער יאָ פארווירקלעכט געוואָרן, און עפּשער דאָס סאמע וויכטיקסטע: די באגעגעניש מיט מאקסים גאָרקין.

וועגן דער דאָזיקער באגעגעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 15-טן נאָיאבער 1904 (די דאטע נעמען מיר לויטן טאָג, ווען שאָלעם-אַלייכעם האָט אָנגעשריבן זײַן באוווּסטן בריוו צו די קינדער וועגן דעם פרײַנטלעכן אופנאם, וואָס גאָרקי האָט אים ארויסגעוויזן), איז א סאך געשריבן געוואָרן, און מיר וועלן זיך ניט איבערכאזערן. באוווּסט איז אויך, אז שאָלעם-אַלייכעם האָט דעמלט געהאט מיט גאָרקין ניט איין באגעגעניש, ווײַל דער גרויסער רוסישער שרײַבער האָט צונויפגעפירט אין יענע טעג שאָלעם-אַלייכעמען אויך מיט לעאָניד אנדרייעװ, אלעקסאנדער קופּרינען און מיט נאָך אייניקע רוסישע ליטעראטן. ס'איז ווייניקער באוווּסט, אז בייס אָט דעם באזוך אין פּעטערבורג האָט שאָלעם-אַלייכעם דאָס ערשטע מאָל פּערזענלעך זיך באקאנט מיט שימען פרוגן (ביז דעמלט פלעגן זיי זיך טרעפן בלויז אף די זײַטלעך פון די ייִדישע אויסגאבעס; פרוגס לידער האָבן זיך אויך געדרוקט אין שאָלעם-אַלייכעמס „ייִדישער פאָלקס-ביבליאָטעק").

אין אלגעמיין אָבער האָט פּעטערבורג אף שאָלעם-אַלייכעמען געמאכט ניט קיין גוטן

איינדרוק („פון דער שטאט פייטערבארג איז מענאכעם־מענדל גאר מעטושטעש, א שטעטל, ברענען זאל דאס אפן פייער! איי, מאוועך! איי, א טומל!"). ער איז פון דארט אוועקגעפארן מיט א צעבראכן הארץ און מיט אנטוישונג. פון דער פארטראכטער צייטונג האט זיך גארניט באקומען. און ער זשאלעוועט ניט פאר דער הויפט־שטאט עפיטעטן: „וויסטער פעטערבורג", „פארשאלטענער פעטערבורג". ביפראט נאך, וואס ער איז אן איידעס פון פארשיידענע אומרוען אין אט דער שטאט. „וואס עס טוט זיך דא, — שרייבט ער דעם 20־טן נאיאבער 1904 צו דער טאכטער טיסי, — איז שווער צו באשרייבן. נעכטן איז געווען א שלאכט — א מין רעפעטיציע צו דער רעוואליוציע. מעווארט מארגן אף עפעס גראנדיעזס... עס פארשטייט זיך, אז איך געפין מיך אינדערווייטן פון „די דאזיקע זאכן" (ווי קום איך צו פאליטיק!), און דעריבער זאל די מאמע פאר מיר זיך ניט באאומרויקן".

פארשטייט זיך, דער זאג „איך געפין זיך פונדערווייטן", וויל „ווי קום איך צו פאליטיק", איז געווען בא שאלעם־אלייכעמען ווי א מיטל צו בארויקן די אייגענע — ער איז דאפקע געווען ניט ווייט פון פאליטיק, און דאס, וואס ער האט געזען און געהערט אין פעטערבורג, האט ער שפעטער אויסגענוצט בייסן שרייבן דעם ראמאן „דער מאבל" („אין שטורעם"). „דער פריינט" איז אויך ניט געווען ווייט פון פאליטיק, און דאס האט אים געקאסט טייער: פאר אפדרוקן דעם „מאניפעסט פון דעם פעטערבורגער ראט פון ארבעטער־דעפוטאטן" איז די צייטונג דעם 12־טן דעקאבער 1905 אפגעשטעלט געווארן מיצאד דער צארישער מאכט און האט געמוזט דערשיינען ביזן 30־טן יול 1906 אונטערן נאמען „דאס לעבן".

דעם 1־טן אקטיאבער 1908 איז „דער פריינט" ווידעראמאל אפגעשטעלט געווארן, שאלעם־אלייכעם האט זיך געהאט זיינע כעזשבוינעס מיט די ארויסגעבער פון דער צייטונג, וועלכע האבן אים שטארק עקספלואטירט, אפילע באליידיקט, נאר לעשעם דער ליטעראטור האט ער גרויסמוטיק זיי אלץ מויכל געווען.

„דער פריצייטיקער אונטערגאנג פונעם „פריינט" — שרייבט ער צו די בערקאוויטשעס, — האט מיר דערלאנגט א קלאפ גלייך אין הארצן אריין. איך האב דאך פארבונדן מיין נאמען מיט אים פון זיין ערשטן נומער אן". און נאכאמאל: „מיין סימכע (געמיינט — זיין יובילײ) איז אויסגעמישט מיט צאר און אגמעסנעפעש, וואס ס'איז אונדז אוועקגעשטארבן דער איינציקער קארעוו אין אונדזער ליטערארישער מישפאכע. „דער פריינט"... ס'איז מיר פינצטער געווארן אין די אויגן און טרערן האבן זיך שיר ניט געגאסן. אזא ארגאן איז נאך ניט געווען אין אונדזער ליטעראטור, און ווער ווייסט, אויב אזעלכער וועט נאך בא אונדז זיין... וויי געשריגן, גאט! ווילסט טאקע מאכן א סאף צו דער בעסטער פון אונדזערע צייטונגען?"

„דער פריינט" איז אריבערגעטראגן געווארן קיין ווארשע. דעם 13־טן אקטיאבער 1913 איז ער ווידער אפגעשטעלט געווארן מיצאד דער רוסישער מאכט און איז ווייטער ארויס אונטערן נאמען „דאס לעבן". שאלעם־אלייכעם האט באוויזן אפצודרוקן אין דער צייטונג נאך אייניקע ווערק, נאר דא האט אויסגעבראכן די מילכאמע, און די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין רוסלאנד איז אונטערגעגאנגען דעם 14־טן אווגוסט 1914. שאלעם־אלייכעם איז שוין דעמלט געווען אפן וועג קיין אמעריקע...

אין זיין לעצטער ליטערארישער רייזע איבער רוסלאנד אין 1914 איז שאלעם־אלייכעם דאס לעצטע מאל געווען אין פעטערבורג. דעם 7 (20) מיי איז ער ארויסגעטראטן מיט פארלעזונגען אין דער קאלאשניקאווער בערזע. אפן אנדערן טאג איז פארגעקומען א דראמאטישער אוונט, געווידמעט שאלעם־אלייכעמס ווערק, אין וועלכן עס האט זיך באטייליקט דער שרייבער. נאכן ספעקטאקל איז געגעבן געווארן א באנקעט לעקאוועד אים.

ב. קאוויטש

געוועז צײַטן, ווען אין די מײַ־נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ פלעגן מיט דער פראָנט־טעמע ארויסטרעטן צענדליקער ייִדישע פאָעטן, וועלכע האָבן אין זייער גורל ארײַנגעשריבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. איצט זײַנען אין דער לעבעדיקער ריי פארבליבן בלויז נײַן, וואָס זיבן פון זיי וווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד און צוויי — אין ייִסראָעל.

ארן ווערגעליס

(מאָסקווע)

22 יון 1941. 4 אזייגער מיט 9 מינוט

„די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן 4 אזייגער מיט 10 מינוט (אָפיציעלע מיטיילונג).

„4 אזייגער מיט 10 מינוט האָט פלוצלינג זיך דערהערט א הארמאטן־שאָס, דער סנאַריאַד האָט אופגעריסן עטלעכע מעטער פון אונדזערע פאַלאַטקעס, אינעם וועלדל אפן ראַנד פון דעם בעלסקער אעראָדראָם. און גלײַך נאָך דעם האָט זיך צו אונדז דערטראָגן פון דער דעמארקאציע־ליניע א שטעפן פון עטלעכע קוילנוואַרפערס...״ (פון מײַן טאָגבוך).

די דעמאַרקאַציע־ליניע דאַ, לעם ברעסט און בעלסק,
געווען איז נאָך א גרענעץ, ווו מ'האָט זיך פארשטענדיקט.
צעפיַ̇רט איז אף דער אײַזנבאַן געווען דער רעלס.
נאָר ס'איז געווען שוין דער הארמאט צו ברעסט און בעלסק געווענדעט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער זייגער — פיר מיט נײַן מינוט פארטאָג
אין כוידעש יון, נײַנצן הונדערט איין און פערציק,
אין טאָג דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן.
איך טראָג
פון דער מילכאָמע שוין אין גורל אלע שמערצן.
צום באבי יאר מע האָט נאָך קיינעם ניט געשלעפט,
אין נײַנטן פאָרט מ'האָט קיינעם ניט געשאָסן,
מײַן טאטע לעבט, מײַן צארטע מאמע לעבט,
נאָר כ'בין בעמיילע שוין א קײַלעכדיקער יאָסעם.
אין א מינוט ארום די וועלט־מילכאָמע הייבט זיך אָן.
דערווײַל דאָס פרידלעך לעבן
זינגט דעם בירגערקריג
אלץ דויערט.
די פרייד גייט אוף אין נײַעם יאָר באנײַס א קאָן?
ניין, ס'וועט אין איין מינוט ארום
אף יאָרן פיר
זיך אויסשפרייטן א טרויער.

סע שלאָפט נאָך זאָרגלאָז לענינגראד
מיט בריקן, אופגעהויבענע, ווי ווענט,
נאָר די בלאָקאדע שטייט שוין הינטער זיי פארבאָרגן.
אין קיִעוו שלאָפט נאָך דער קרעשטשאטיק,
נאָר עס ברענט
אין אים שוין יעדע שוועל, —
כאָטש ס׳וועט געשען ערשט מאָרגן...
דער זייגער — פיר מיט ניַין מינוט פארטאָג
אין כוידעש יון, ניַינצן הונדערט איין און פערציק,
אין טאָג דעם צוויי־און־צוואנציקסטן.
איך טראָג
שוין פון פאָרויס דעם זיג,
וואָס אלע הערצער לעכצן.
מינוטן — פונקט ווי שאָף.
אין בלוט איז איַינגעטונקט די רוט,
זי וועט זיך אף דער צענטער באלד אראָפּלאָזן מינוט...
דערווײַל איז אָבער ניַין מינוט,
ניט צען,
ניט עלעף —
אן אָנדיַיט אף דעם ניַינטן טאָג אין כוידעש מיַי,
וואָס טוט זיך שוין א שטעל אוף!

לאָמיר ריידן פון די קדושים

ביימער סקריפּען, וועלדער רוישן,
כאָטש עס בלאָזט שוין ניט דער ווינט.
לאָמיר ריידן פון די קדושים,
ווי זיי האָבן דאָס פארדינט.

יִידן האָבן ניט געקניִעט,
שטיין געבליבן, פול מיט צאר,
אין דעם יאָמער־טאָל פון קיִעוו,
אין דעם שווארצן באבי יאר.

מוטער־נאקעט באם צעשיסן,
מיט דעם לעבן ניט צעקריגט,
פרויען — זיך פארשטעלט די בריסטן,
מאנצבלען — אָפּגעפירט דעם בליק.

צי אזוי, צי אנדערש טיַיטשן,
ס׳איז די ערד פאר זיי א קלייד.
אומגעקומען בא די דיַיטשן,
זיך מיט רוסלאנד ניט צעשיידט.

לאָמיר ריידן פון די קדושים,
ווי זיי האָבן דאָס פארדינט.
ביימער סקריפּען, וועלדער רוישן,
כאָטש עס בלאָזט שוין ניט דער ווינט.

באָריס מאָגילנער
(מאָסקווע)

ייִדישע ניגונים

איך גלייב שוין ניט זיך אליין,
אז אין ערדשטיבל כ'זיץ,
ווו א בלימלענדיק קנייטל
אין קאנעצל פון א פוסטער הארמאטן־הילזע
צעגיסט זײַן בלאסע שײַן,
כ'האָב שוין אײַנגעשלונגען די נאָרמע —
די הונדערט ביטערע טראָפּנס ווײַן.
כ'בין פארשמאכט.
מיט די ציינער איך קריץ.
אוודאי וואָלט איך געקאָנט הײַנט
אין דער באטאָגיקער שלאכט
א זײַ־געזונט זאָגן דער וועלט.
די טאנקען־רויפן האָבן מיך ניט צעטאָפּטשעט אלפּי נעס
אף דעם פאָדערשטן באאָבאכטונג־פּונקט, אין אָקאָפּ,
אזוי ווי אף דער פײַער־פּאָזיציע
דעם ערשטן הארמאט פון מײַן באטארייע
אינייגעם מיט דער מאנשאפט.
אך, סארא יאטן געבראכט מיר האָבן אָקאָרשט צו קוורע...
אלע מאָל קומט אויס אפסנײַ באנעמען,
וואָס אזוינס איז גוורע,
וואָס איז ייִעש,
און וואָס באטײַט עס — שרעק.
צו די אָוועס הײַנט בין איך ניט אוועק.
באנאנד, באם אפּאראט, דרעמלט דער טעלעפאָניסט,
אָט טוט ער א ציטער —
ווײַזט אויס, עס כאָלעמט זיך אים, אז מע שיסט,
איך קוק אפן באָכער מיט צאר.
איך בין איצט ניט בעקויעך אנשלאָפן ווערן
בישכיינעס מיט דער געפאר,
דער באטאָגיקער געקנאל פון די פײַנטלעכע טאנקען־הארמאטן
לאָזט ניט מײַן אומרו פארוויגן,
א רועך איז זייער טאטנס טאטן —
זיי ווערן אין מיר אף קיין רעגע ניט אנשוויגן...
עס צעזומזעט זיך לאנגזאם דער טעלעפאָן מיטאמאָל.
און גלײַך רופט זיך אָפּ דער פארבינדלער — מיט אָפענע אויגן.
ער זאָגט, אז עס הייבט זיך אפילע ניט אָן, ניט געשטויגן,
ניט געפלויגן,
קיינער שלאָפט ניט, מאלע־וואָס עס איז שלעפעריק דאָס קאָל...
די פארבינדונגס־ליניע ווערט קאָנטראָלירט, ער פארשטייט.
און אויסהערן א קאָנצערט א באשיידענעם אין פעלד־טעלעפאָן
איז ער גרייט.

איך ווייס וועגן וואָס דאָ גייט א רייד,
אײַנגיין מע מעג אף אזא מין פרייד:
בא איין טעלעפאָן זיצט א יאט א כוואט און פײַפט א מעלאָדיע
ארײַן,

אין א צווייטן אַקאַפּ, ווײַט,
אַן אנדער סאָלדאט מיט נאכעס אין איר הערט זיך אײַן.
מע דאַרף ניט קיין פֿײַפֿלעך, אויב ס'זײַנען פאראן ליפּן,
זיי קאָנען געוויס פֿאַרשאַפֿן איבערגענוג נעכאָמע —
טרויערן, יובלען, הוליען, כליפּען...
די אויערן ברייטער צעעפֿן, צעפּראַל די נעשאָמע.
א סוואָרע, אַז עפּעס געשען איז אַף ניט צו דערקלערן,
אָנגעגלאָצט האָט דער פאַרבינדלער אַף מיר זײַנע אויגן — צוויי פּערל,
אָנגעקנייטשט שוויַיגנדיק, ערנסט און טיף דעם שטערן —
אויסגעשטרעקט, עטוואָס פאַרלאָרן, צו מיר דאָס רעדל.
ווער טוט מיר צוליב — באַשענקט מיך מיט יִדישע קלאַנגען צאַרטע?

שעפּט אָן אופהער זיי ארויס ערגעץ פון גרײַזע טהאָמען,
די אײדעלע, פאַרצײַטיקע, אומדערוואַרטע,
פאַרגעסענע צי ניט באַוווּסטע שטראָמען?
עמעצער פון די סאָלדאַטן נײַע —
פון דער מאַרשעווער, דער פרישער ראָטע?
דאַרף מען דען דאָ זוכן א רײַע?
וואָס פאַר א נאַפקעמינע —
זאָל עס זײַן א יאט פון דער פּעכאָטע.
א גליק, ס'איז נאָך דאָ אַף וועמען זיך פאַרלאָזן,
און אונדזער געזאַנג וועט זיך ניט וואַלגערן
אין ווילדע פאַרבלוטיקטע גראָזן.
פונדעסטוועגן, שטילערהייט,
טו איך דעם ריבוינעשעלוילעם בעטן,
אַז קיין שום טאַנקען זאָלן קיינמאָל
דעם ניגן ניט טאָפּטשען,
ניט פּלעטן...

זיקאָרן

מיט אופגעפּלאַקערטע סרייפעס
שמעקן די ווינטן.
דוכט זיך שוין מיר, אַז זיי בלאָזן פון דאָרט,
פון די בלוטיקע יאָרן...
זײַט אַזוי גוט און זאָגט מיר,
איך בעט אײַך,
ווי קאָן מען איבערבינדן
די וווּנדן פון מײַן זיקאָרן?

יויסעף קערלעך

(יערושאָלאַים)

צוריק אַף מײַרעוו

בא בערגלעך אַש — בעריאָזקעלעך אַליין,
ווי פרײַנט פאַרעלנטע בא פרישע קוואָרים...
דער טויט וועט נאָך צוריקשפאַנען צום ריין,
צום גרײַזן איזוערבאָטלדיקן וואָרעם.

ווער קאָן פאַרגעסן יענע יולי־ער טעג,
וואָס האָבן אונדז געפּלעט ווי שווערע יאָרן?
איצט וויקלט זיך פרימאָרגנדיק דער וועג
פון אונדזער ווייטיק און גערעכטן צאָרן...

ס'פרירן שפּעטע שטערן איבער שליאַך,
און איבער קוימענס נאַקעטע זיי צאַנקען.
כאַיאָלעס שטומע ציִען זיך צום שלאַכט,
מיט שווערן האַס געווייטיקטן באַהאַנגען.

אַף שנײ נאָך פרישן שרײַען פלעקן רויט,
און ס'גליווערן די דײַטשישע פגאָרים...
צוריק אַף מײַרעוו טרײַבן מיר דעם טויט,
צום וויסטן ריין, וואָס פויזעט ווי אַ וואָרעם.

פרײַנט

אַזויפיל פרײַנט האָב איך פאַרלאָרן
אינמיטן געגעמדיקן גיין,
אַז אויך אפילע מײַן געביין
פון אומרו וועט ניט זײַן באַוואָרנט.

פאַרקאַרבט אַף קיינמאָל ניט פאַרגעסן
די ביטערניש פון יעדן שניט,
דעם האַרבן ווײ אַף טריט און שריט...
געטיילט אין שלאָפלאָזע מעסלעסן —
די ערשטע וווּנד, דעם לעצטן ביסן,
געפאַר און פײַער, ווינט און פראָסט...
אַזאַ מין פרײַנט ווען דיך פאַרלאָזט,
ז'ווי פלייש פון לײַב אַרויסגעריסן...

נאָך יעדערן איז נאָכגעגאַנגען
דער טרײַסטער שײַטער בא אַ שליאַך,
אַ היימיש פענצטער אין דער נאַכט,
אַ וועלט מיט בענקשאַפט און געזאַנגען...
און פיל פון זיי האָב איך צעזייט
בא וויאַזמע, רזשעוו און סעוואַסטאָפּאָל.

דער שטיין, וואָס איז געווען בא זיי צוקאָפּנס,
געדענקט נאָך זייער האס און פרייד...

די ליפּן האָב איך הײַנט פארקלעמט,
פארפרענטעוועט פאר לעצט געשריי
און שפּאַן פאראקשנט, פּונקט ווי זיי
זײַנען געגאנגען, אין די הענט
דאָס טרײַע וואָפן.

פּיניע פּלאָטקין
(באָברויסק)

באַלאדע וועגן א געטאָ-ייִד

דאָרט די ערד האָט געברענט —
איך געדענק עס ביז הײַנט:
לעם דער שטאָט קעניגסבערג,
הונדערט טריט פונעם פײַנט,
פון א ליידיקן בונקער —
ווי א קעלער די גרויס,
איז א ייִד, ניט קיין יונגער,
שטיל, אָן מוירע, ארויס.
לעם דעם בונקער, ווי שמאטעס,
האָט דער אלטער פארברענט
צוויי געלע לאטעס,
זײַן צעריסענע העמד.
און דערנאָך — שוין א הוילער —
זיך צעוויינט, זיך צעלאכט...
דאָ ניט ווײַט האָט דער קוילער
נאָך באוואָפנט געוואכט.
— — — — — — — — — — — —

שטילשטאנד

מיר ווארטן, ביז עס וועט דער עלטסטער
באשטימען, וואָס די שיסערײַ באטײַט.
דער ערשטער שניי האָט צוגעדעקט די פעלדער,
אין כוטאָר נאָענט א בעהיימע שרײַט.

איך פיל אף זיך, ווי ס'בײַט זיך שנעל דער וועטער —
עס נויעט, נויעט די פארהיילטע וווּנד.
ווער ווייסט, וואָס עס וועט טרעפן מיט מיר שפּעטער,
צי וועל איך ביז באגינען זײַן געזונט?

זיאמע טעלעסין
(ירושאַלאַים)

אַלע שײנע זיבן פאַרבן

פון די לײמיקע אַקאַפּעס
רוקן מיר אַרויס די קעפּ,
ס׳האָט דער רעגן לעצטע טראָפּנס
אינעם ברוסטווער אײַנגעקלעפּט.

מיר צעשפּיליען זיך די קעלנער,
ס׳איז די קויט אין לײב אַרײַן,
אונדז, די דורכגענעצטע זעלנער,
שווער איז צו מעקאַנע זײַן!

נאָר דו גלײבסט ניט דײַנע אויגן, —
סאַראַ וווּנדערלעכע וועלט!
ס׳האָט די זון אַ רעגנבויגן —
ווי אַ טויער אופגעשטעלט.

אַלע שײנע זיבן פאַרבן
אויפן הימל אויסגעמאָלט..
ס׳האָט זיך יעדן ביז צו שטאַרבן
זען די הײם זײַנע פאַרוואָלט.

שטיל געוואָרן די האַרמאַטן,
שווימען אָפּ די וואָלקנס רויק.
די פאַרזשמורעטע סאָלדאַטן
קוקן אײַן זיך אין דער הויך.

אין די פאַרבן אין די שײנע —
יעדער האָט זיך זײַן קאָליר:
בלויע אויגן זעט דאָ אײנער, —
ס׳פירט דער בויגן אים צו איר;

אַ בעריאָזקעלע אין גרינעם
פאַר אַ צווײטן מאָלט זיך אויס,
און דער דריטער האָט אין זינען
פון זײַן הײם די זונענרויז.

זונענרויזן און בעריאָזעס!
כ׳בין, ווי אַלע, אַ סאָלדאַט...
פאַרבן געלע, גרינע, ראָזע
בא מײַן שטוב האָב איך געהאַט.

נאָר דער רעגנבויגן־טויער
אויף אַ העלפט איז נאָך בא זײ...
דורכגענעצטע, קויטיק־גרויע
ליגן מיר אין דער טראַנשײ.

זיבן פאַרבן פאַר די אויגן.
די האַרמאַטן — אופגעוואַכט.
פאַר דעם גאַנצן רעגנבויגן
לאָזן מיר זיך אינעם שלאַכט.

בײַס דער מילכאָמע

אַ הײב די קליאַמקע. איך בײג אײַן דעם קאָפּ.
די כאַטעס זײַנען דאָ מיט נידעריקע טירן.
פון אויוון קריכט אַן אַלטיטשקע אַראָפּ,
מיט כשאַד נאָך מיר די אויגן אירע שפּירן.

די הײסע קאַסקע טו איך אויס. אַ קלאַפּ
זי האָט אַן אויבערשטידל זיך געגעבן.
— אַ ביסל וואַסער, באַבעניו, אַ קאָפּ,
איך וועל דיך ניט פאַרגעסן צײַט כ׳וועל לעבן!

מיט דריבנע טריטעלעך די אַלטע שאַרט זיך לאַנג,
אַזאַ צונויפגעהויקערטע, אַ בלאַסע
לענגויס דער טונקעלער צעקאַרבטער באַנק,
אַהין, וווּ ס׳שטײט דאָס צעבערל מיט וואַסער.

פון ענגן פּירהויז ציט מיט אויסגעטריקנט גראָז,
די קוואָרט מיט וואַסער האָט פאַרשמעקט מיט שוואָמען.
— דו ביסט אַ ייִד?
— איך בין אַ ייִד. איז וואָס?
— ווער זאָגט — איר דרייט זיך אויס פון דער מילכאָמע?

און בײַ די ווערטער מיטאַמאָל זיך האָט
דערהערט פון אַ מאַשין־געווער דאָס טראַסקען.
— נו גיי, מײַן זון, באַשיצן זאָל דיך גאָט! —
און ציילעמט איבער אָפּדערגיך מײַן קאַסקע.

מ אָ ט ל ג אָ ל ב ש ט י י ן

(סימפעראָפּאָל)

אין אויסשפּירונג

פון ביקס אויף ווײַסקײַט פאַלט אַ קרומער שאָטן,
איך ליג אין פעלד מיט הורבעס שניי פאַרשאָטן,
אַ שטערן שטאַרבט אין רוים און ווערט געבוירן,
די שטילקײַט צו דעם שניי איז צוגעפרוירן...
איך שפּיר דעם סוינע, ווי מע שפּירט אַ כײַע,
באַם האָריזאָנט, איך זע, ער ליגט פאַרטײַעט.
די ערד איז פּראַקטיש קאַלט, דער הימל — טונקל...

ווי נאָר אין ווײַטן טוט ערגעץ אַ פינקל,
אַזוי הייבט פײַער אָן מיט פײַער ריידן.
עס גיט אַ קנאַל אַ שאָס, וואָס רופט אַ צווייטן,
און ס'נעמען זשומען שרײַן אין פעלד דעם הוילן,
ווי דולע בינען, קוילן, קוילן, קוילן.

צום טויער זיך דערטראָגט אַ קלונג פון אײַזן,
כ'ליג פאַרמאַסקירט אין אַ כאַלאַט אַ ווײַסן —
אין ווינטער־פעלד מיט הורבעס שניי פאַרשאָטן.
פון ביקס אויף ווײַסקײַט פאַלט אַ קרומער שאָטן...

* * *

פאַל איך צו צו דער מוטער־ערד,
צו אירע קוואַלן.
ס'איז אַפילע דעם שטערן באַשערט
צו דער מוטער־ערד פאַלן.

כ'וועל אַרומנעמען האַרציק די ערד —
ס'וועט דאַן טאָגן!
און אויפהייבן כ'וועל מײַן געווער
און זאָגן:

— די ערד, וואָס געבוירט און דערנערט,
וואָס האָט גליק דיר געגעבן,
באַשיץ מיט דער ליד, מיט דער שווערד,
מיט דײַן לעבן!

מאקס ריִאנט
(סאמארקאנד)

הארמאָניק

אך, ווי מיין ברודער האָט געשפּילט,
פאַרקישעפט האָבן זיסע קלאַנגען,
געזעסן אַלע רויִק, שטיל,
געהערט איז ענג אין דער זעמליאנקע.

און אַלע האָבן אים געליובט,
געבעטן: „שפּיל אונדז נאָך א ניגן".
א בייזע קויל האָט אַלץ פאַרטויבט,
געבליבן די הארמאָניק ליגן.

אך, ווי מײַן ברודער האָט געשפּילט
און ניט געקענט מיט איר זיך שיידן.
און עפשער האָט ער שוין געפילט,
אז ער מיט איר וועט מער ניט ריידן?

וועטעראַנען

דו געדענקסט, ווי ס'האָט געפלאַקערט,
ווי עס האָט געקנאַלט.
און ווי פּלוצעם אין אטאַקע,
אינעם שלאַכט מע פאַלט?

מיך האָט עמעצער געפונען
אונטער שנייען-שאָט,
אין א גרוב, ווי אין א טרונע,
בא דעם סוינעס דאָט.

וויפל יאָרן שוין פאַרשוווּנדן,
נאָר דער ווייטיק דריקט,
עס דערמאָנען מיר די ווונדן
אין דעם גרויסן קריג.

יאָ, עס מעגן אַלע וויסן:
לאַנג איז אונדזער וועג,
וועטעראַנען אין דעמיסיע
גייען ניט אוועק.

דאָוויד בראָמבערג
(מאָסקווע)

באַלאַדע וועגן דער שווערד

ער שאַרפֿט די שווערד. ס'איז וואַלד און נאַכט.
א שפּראָץ אַף טאָג וועט זײַן די שלאַכט.

פֿון זײַן זיקאָרן ניט פֿאַרשווינדט:
דערהאַרגעטע קינדער, זײַן אייגן קינד...

א האַלבע לעוואָנע פֿון דער הייך, פֿון דער שײַן,
מיט ווײ פֿון זײַן האַרץ אין דער שווערד איז אַרײַן.

די שווערד גיט זיך אָפּ מיט איר יעדן באַריר,
זי ווייסט ניט, אַז עפּעס איז שאַרפֿער פֿון איר...

* * *

ס'קומט מיר צו כאָלעם וואַסיליעוו יעגאָר,
דער אַלטער סאָלדאַט, וואָס מיט מיר פֿון איין יאָר,
מיט וועמען
ניט איין קאַשע
פֿון איין שיסל געגעסן,
מיטן לעצטן סוכאַר
זיך טיילן ניט פֿאַרגעסן
(געבליבן לעם רזשעוו איז וואַסיליעוו אין יענעם קאַיאָר...).
זע איך אים איצט מיט זײַן ריינעם געווויסן:
„ווי לעבט זיך דיר, ברודערקע?" — ס'ווילט זיך אים וויסן,
אַוועק דאָך אַזויפֿיל יאָר!
און דערבײַ כ'זע זײַן שמייכל דעם ברייטן
און כ'דערצייל אים פֿון זיך, פֿון די קינדער. עס פֿרייט אים,
אָן קינע פֿון גאַנצן האַרצן פֿאַרגינט.
כאָטש א ביסעלע איז מיר מעקאַנע,
ווער ווייסט, וואָלט יענע קויל דאַן א פֿלי געטאָן עטוואָס רעכטער, מיסטאַמע
וואָלטן קינדער געווען ניט בײַ מיר, נאָר בײַ אים...
און גליקלעכע אינײַנעם מיר שפּרײַזן.
ער דערקענט ניט די גאַסן, די הײַזער,
דערקענט ניט אפֿילו זײַן אייגן הויז,
און נאַ דיר — דער כאָלעם איז אויס...
נאָר אַלע מאָל אין יאָמטעוו באַם טיש בײַ דעם ברייטן,
ווען פֿרייד און ווײַן זיך גיסן אָן א שיר
איך פֿיל אַלץ זיין אָטעם, און ס'פֿרייט מיך,
מיר דאַכט, אַז ער זיצט בײַ מײַן טיש נעבן מיר,
און אַלע מאָל אופֿהייבנדיק העכער
א פֿולן ביז איבערן אויג — דעם בעכער,
טוט אַזוי ווײ און עס טוט אַזוי באַנק.
וואָס כ'קען ניט הערן פֿון זײַן קויסע דעם קלאַנג...

כאַים גורעוויטש

(נאָוואָסיבירסק)

דער גוטער פרײַנט

דעם געוועזענעם קאָמאַנדיר פונעם פּאַרטיזאַנישן
אָטריאַד אױף קאַטאָװוסקיס נאָמען, דעם נאָװאָסיבירער
באַראַנאָװן ניקאָלײַ מאַקסימאָװיטשן.

כ׳בין שטענדיק טרײַ דעם באָלעגאָלישן געבאָט,
פאַר קײנעם נײג איך קײנמאָל ניט מײַן קאָפּ,
נאָר װען באַראַנאָװן כ׳באַגעגן דאָ אין שטאָט,
מיט אָפּשײַ ס׳היטל כ׳נעם פאַר אים אַראָפּ.

זײַנע גוטע מײַסים קאָן מען דען פאַרגעסן?
זײַן העלדנטאַט נאָך ביז אַט איצטער רירט,
אין װעלדער פון דער װײַסרוסישער פּאָלעסיע
האָט זיך זײַן אָטריאַד דער לעגענדאַרער דיסלאָצירט.

און אין סומנע נעכט צום פאַרמאַסקירטן אוראַנפּאָסט,
איבער געהײמע שטעגן זיך געצױגן ס׳האָבן
יאַטן ייִדישע פון ליובאַן און פּאָהאָסט,
פון הראָזעװע, קאַפּוליע און סטאַראָבין.

ס׳פלעגט באַגעגענען באַראַנאָװ זײ מיט פרײד,
אין אױטאָמאַט אַרױסגעבן, באַזאָרגן מיט פּאַטראָנעס
און נעמען זײ אין יעדן דרײסטן רעיד,
קעגן די פאַרפלוכטע פּאָליצײיִשע גאַרניזאָנען.

ער פלעגט װאָכנלאַנג זיך נאָך די כײַעס יאָגן,
צום טױט פאַרורטײלטע פון אומקום רעטן.
און קינדער ייִדישע פון סלוצקער געטאָ
האָבן פּאַרטיזאַנער זײַנע אױף די הענט אַרױסגעטראָגן.

כ׳בין שטענדיק טרײַ דעם באָלעגאָלישן געבאָט,
פאַר קײנעם נײג איך קײנמאָל ניט מײַן קאָפּ,
נאָר װען באַראַנאָװן כ׳באַגעגן דאָ אין שטאָט,
מיט אָפּשײַ ס׳היטל כ׳נעם פאַר אים אַראָפּ.

ער טוט ענערגיש דאַן אַ דריק מײַן האַנט,
דער גוטער פרײַנט, דער סיביריאַק, דער גיבער,
און זאָגט מיט אַ געמיטלעך קאָל אַ האַרציק־ליבן:
— *אױב זײַן װעסט האַיאָר אין פּאָלעסיער קאַנט,*
איז מײַנע בראַטאָטשקעס, די ייִדן
אַ גרוס אַ פּאַרטיזאַנישן גיב איבער.

שטאַרקער פֿון האַרמאַטן

דעם דריטן טאָג איבערן מידבער גאָבי
גייט אונדזער דיוויזיע צום כינגאַן,
און מײַן ליב שטעטעלע סטאַראָבין
זעט זיך דײַטלעך אין טומאַן.

אָט שטיי איך אינדערמיט פֿונעם זיידנס הויז,
זיך אומגעקערט אהיים פֿון ווײַטע לענדער...
און פֿון הענט פֿון מײַנע לאָז איך ניט אַרויס
דאָס קופּערנע, דאָס גרויסע קענדל.

איך שלינג אָן אויפֿהער וואַסער, און איך דאַנק,
איך כאַפּ דעם אָטעם איבער, און שלינג ווידער,
און יעדער טראָפּן, ווי אַ טײַערסטער געטראַנק,
לעשט אויס מײַן דאָרשט, און ס׳גייען אָפּ די גלידער.

...אַ יאָם אַ זאַמדיקער.
קיין סימען פֿון אַ ברונעם,
די פּוסטע פֿליאַגע צו פֿאַרשמאַכטע ליפּן כ׳דריק,
קיין ברעקל שאָטנדל, עס בריִען טריזנט זונען,
אָט וועט זיך באַלד צעשמעלצן די טעכניק.

בלויז מיט אונדז קאָן גאָרנישט ניט פּאַסירן,
מיר זײַנען שטאַרקער פֿון די אײַזערנע האַרמאַטן,
מיר וועלן דערפֿאָלגרײַך דעם כינגאַן פֿאַרסירן,
ווי פֿאַרסירט מיר האָבן אין אייראָפּע די קאַרפּאַטן.

און דאָס וועט זײַן אַ סאָף צו דער מילכאָמע,
מיר וועלן ווי געטרײַע ברידער זיך צעקושן
און איבער אַ גרינער גאַס, אין גיכע עשעלאָנען
אַוועקפֿליִען צו זיך אהיים קיין רוסלאַנד.

מוישע גערשפעלד

נישט אויסגעטראַכט

12. אָבאָראָווקע

אַז מיר זײַנען אָפּגעגאַן אַ שטיקל וועג, זאָגט די מאַמע:

— לאָז מיך אַראָפּ, אַרן, איך וועל שוין גיין.

— רעד נישט, מאַמע. מיר זײַנען שוין נאָענט פֿונעם צוקער־זאַוואָד, אַבי מיר וועלן דאָ דורכגיין, איז שוין נישט געפֿערלעך. אין דאָרף ווייס איך גוט דעם וועג.

באַם זאַוואָד האַלטן מיר אײַן דעם אָטעם און שלעפּן זיך שטיל אָנגענומען איינער אין אַנדערן. פֿונעם שנײ איז געוואָרן אַ רעגן. מיר גייען, און דער רעגן גייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מיר ווערן נאַס, עס ווערט שווער צו גיין. אַרן נעמט אָן די מאַמע, איך פֿיר עסטערן, יאָסל — דעם טאַטן.

— נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ ביסעלע, מאַמע! — אַרן קריצט אויז מיט די ציין.

עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין שטעטל, קיין איין לעבעדיקן מענטשן האָבן מיר נישט געזען אויף דער גאַס. אַרן פֿירט אונדז צו צו אַ צעבראָכענער שטוב.

— דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

מיר גייען אַרײַן. די פֿענצטער זײַנען אויסגעקלאַפּט. אַ שטיק וואַנט צעבראָכן, אין קיך שטייט אַן אײַזערן פּליטקעלע. מיר קוקן זיך אַרום. ווען מיר האָבן מיט וואָס צו פֿאַרשטעלן דאָס פֿענצטער און דעם צעבראָכענעם שטיק וואַנט, וואָלט מען שוין געקאָנט אײַנהייצן. אַרן געפֿינט דאָס טירל, וואָס פֿירט אויפֿן בוידעם. אַ מינוט, און ער איז שוין דאָרט.

— דאָ איז דאָ עטלעכע בלעך, — זאָגט ער אונדז אָן.

מיר נעמען אַראָפּ די בלעך, פֿאַרקלאַפּן דאָס פֿענצטער און די וואַנט. אַרן רײַסט אָפּ אַ דריקל ערגעץ אויפֿן בוידעם און שפּרינגט אַראָפּ.

— באַלד וועט זײַן וואַרעם!

נישט ווײַט פֿון דער שטוב האָט זיך אָנגעהויבן צונויפֿקומען אַ קליין באַזאַרל. איך מיטן טאַטן גייען אַרויס. מיר וווּנדערן זיך: פֿאַר רוסיש געלט, פֿאַר מאַרקן קען מען קויפֿן אַ ביסל מעל, אַ שטיקל קעז, אַ האַלב ברויט, אָבער מיר האָבן נישט פֿאַר וואָס צו קויפֿן. מיר לאָזן זיך נאָר אַוועקגיין, קומט אונדז אַקעגן אַ זשאַנדאַר. ער דערזעט אונדז אָן די געלע לאַטעס.

— אַ, נײַע, אָנגעקומענע! ווו וווינט איר?

איך ווײַז אים. ער גייט מיט אונדז אַרײַן אין שטוב און דערזעט די איבעריקע.

— ווער האָט אײַך דאָ דערלויבט צו זײַן און פֿאַרוואָס זענט איר אַלע אָן געלע לאַטעס?

ער איז בייז, הייבט אָן שעלטן און גיט אַ זעץ דעם טאַטן מיטן פֿריקלאַד אין האַרץ אַרײַן. דער טאַטע פֿאַלט אום. דער זשאַנדאַר האָט ווי דערשראָקן זיך, וואָס ער האָט געטאָן, און איז אַוועק. יאָסל לויפֿט אַרויס נאָך וואַסער.

פֿאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נום. 3 — 4, 1991.

איך זאָג אַרעגעץ, ער זאָל מיר געבן דעם געלן צייכן.
— וווהין ווילסטו גיין? זע, זאָלסט עפּעס ניט אָנמאַכן קיין צאָרע.
— איך וויל גיין אין דער קולטוס-געמיינדע, זיי זאָלן אונדז צושרײַבן. מיר קענען דאָך זיך נישט ווײַזן אויף דער גאַס, און איר, אוורהאָם, וואָס טראַכט? — ווענד איך זיך צו אונדזער שאָכן.
— איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן, איך קוק, וואָס איר וועט טאָן, וועל איך אויך טאָן.
— גייען צו זיי מיט ליידיקע הענט וועט גאָרנישט זײַן. איר האָט נאָך עפּעס?
ער שטייט און שלאָגט זיך מיט דער דייע.
— ריסיע, — זאָגט ער צום ווײַב, — גיב אהער דאָס קייטעלע.
— מײַן גאָלדן קייטעלע? — זי לייגט אַרײַן די האַנט אין בוזעם און שלעפּט אַרויס עפּעס אין אַ ווײַס טיכעלע אײַנגעבונדן. מיט ציטערנדיקע הענט בינדט זי אויף דאָס בינטעלע.
— נאַ, אוורהאָם, דאָס האָסטו דאָך מיר געקויפט.
— ווי מיינסטו, מוישע, עס וועט זיי געפעלן?
— מאַמע, — זאָג איך, — דו זעסט, דאָס לעצטע גיט ריסיע אוועק, מיר זאָלן קענען גיין עפּעס פאַרדינען.
— וואָס זשע זאָגסטו עס מיר? וואָס האָב איך דען און וויל נישט געבן?
— מאַמע, גיב מיר די שאַרפע. איך קען נישט גיין מיט די ליידיקע הענט.
די מאַמע ווערט ווײַס אַפּן פּאָנעם, שלעפּט גיך אַרויס די שאַרפע און וואַרפט זי מיר מיט קאַס.
— נאַ, זאָלן זיי זיך ווארגן מיט דעם.
— קומט, אוורהאָם.
— גיי אַליין, מוישע, נאַ דיר דאָס קעסטעלע.
— איר האָט מוירע? וואָס ציטערט איר? איין מאָל שטאַרבט מען...
— איך האָב נישט קיין געלן צייכן.
מיר קוקן איבער אַלע שמאַטעס, נישטאָ קיין געלע צווישן זיי.
— קומט אַזוי, איך וועל דער ערשטער אַרײַנגיין.
די קולטוס-געמיינדע. אַ גוטע שטוב, ווו פריִער איז, ווײַזט אויס, געווען אַ קאָנטאָר. אין קאָרידאָר שטייען עטלעכע אויסגעדאַרטע פרויען און צוויי אַלטע ייִדן, וואָס האַלטן זיך קאַם אויף די פיס.
— וואָס וואַרט איר דאָ? — פרעג איך איינע פון די פרויען.
— אויף מוישעלע דעם פּרימאַר. זיי דאַרפן שוין באַלד קומען, די גראָבע פּופּיקעס.
עס געדויערט ניט לאַנג און עס קומט אַרײַן אַ קליין ייִדל, גוט אָנגעטאָן, ער גריסט זיך נישט צו קיינעם. גייט אַרײַן אין אַ באַזונדער צימער און פאַרמאַכט די טיר. נאָך אים קומען אַרײַן רעסלער און ווינדיש.
— פון גאַנצפרי זענט איר שוין דאָ, שלעפּערס, — זאָגט רעסלער דורכגייענדיק. — איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך גאָרנישט באַקומען פונעם „רויטן קרייץ", אַז מיר וועלן באַקומען, וועלן מיר געבן אַלע טאָג סופּ און צו שטיקלעך ברויט.
— האָט ראַכמאָנעס אויף אונדז, מיר שטאַרבן פון הונגער.
— גאָט האָט אויף אײַך נישט קיין ראַכמאָנעס, ווילט איר, איך זאָל האָבן אויף אײַך ראַכמאָנעס.
די ווײַבער וויינען, רעסלער און ווינדיש גייען אויך אַרײַן אינעם צימער, ווו דער פּרימאַר.
איך מאַך אויף די טיר, שלעפּ בא דער האַנט אוורהאָמען.
— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז מיר האָבן אײַך נאָך נישט וואָס צו געבן, — שרײַט רעסלער.

— מיר זײַנען נישט געקומען מאַנען בא אײַך גאָרנישט, — זאָג איך שטיל צווישן די ציין.

אין מײַן רעדן דערקענט ער באַלד, אַז מיר זײַנען בעסאַראַבער.

— וואָס דען ווילט איר, בעסאַראַבישע שלעפּערס?

— מיר זײַנען פון דער מאָלאָטשנע געקומען די נאַכט. מיר האָבן שוין מער נישט געקענט...

— ווינדיש, רופט שוין אַרײַן די פּאָליצײַען, לאָז מען זיי שוין צוריק אָפּשיקן.

— האָט ראַכמאָנעס, מיר זײַנען אין אַ צעבראָכענער שטוב, אַ זשאַנדאַר האָט דעם טאַטן הײַנט געגעבן אַ קלאַפּ, ליגט ער און קען זיך נישט אופהייבן, די מאַמע קען נישט גיין. וווּהין ווילט איר אונדז צוריקשיקן?..

— וואָס זשע דען ווילט איר?

— איר זאָלט אונדז צושרײַבן.

— צושרײַבן? — זאָגט ער, און קוקט צו מוישעלען. — אָבער איר ווייסט, אַז פאַר צושרײַבן דאַרף מען געבן דעם פּאַרעך...

איך גיב אַ וווּנק צו אַווראָמען. ער מאַכט אויף די האַנט און פּאַוואָליע, ציטערנדיק, דערלאַנגט ער דאָס קײטעלע. רעסלער נעמט עס, קוקט עס אָן און גיט עס איבער מוישעלען.

— וויפל מענטשן זענט איר?

— פינף, — זאָגט אַוורעם.

— פאַר פינף מענטשן איז עס זייער ווייניק. און איר וואָס האָט געבראַכט? — פרעגט ער מיך.

— איך, איך האָב נישט קיין גאָלד, דאָס איז דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן, — גיב איך אים מײַן פּעקעלע.

ער צעוויקלט עס.

— אַ שיינע שאַרפּע, נאָר ווער דאַרף יעצט שמאַטעס? וויפל מענטשן זענט איר?

— זעקס, זעקס, — זאָג איך שטיל.

— פאַר זעקס מענטשן צושרײַבן האָט איר געבראַכט די שמאַטע. פאַרנעמט אײַך פונדאַנען, — און ער וואַרפט מיר צוריק די שאַרפּע.

— מיר האָבן זיך נישט וווּהין צו פאַרנעמען. נאָר אויף יענער־וועלט קענען מיר זיך פאַרנעמען.

— פאַרנעמט אײַך אויף יענער־וועלט, ווער לאָזט נישט?

איך קוועטש צונויף דעם קולעק, קריץ מיט די ציין, און, דאַכט זיך, אַז עס איז מיר געגאַן טרערן פון די אויגן.

— נו, גענוג, — זאָגט מוישעלע פּרימאַר, — ווינדיש, פאַרשרײַבט זיי.

רעסלער הייבט אויף די שאַרפּע, לייגט זי אַוועק אויפן טיש, וווּ עס איז געלעגן דאָס קײטעלע. ווינדיש פאַרשרײַבט אונדז אין אַ בוך און זאָגט:

— אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר באַקומען אַ דאָקומענט, אַז איר זענט ייִדן און איר מעגט וווינען דאָ, אין אָבאָדאָווקע. נאָר פונעם שטעטל נישט אַרויסגיין! און טוט אָן געלע צייכנס, אָן קיין צייכנס זאָלט איר זיך נישט ווײַזן אויף דער גאַס.

מיר לאָזן זיך אַרויסגיין.

— *שטייט, — זאָגט רעסלער, — מיר קענען אײַך שוין, בעסאַראַבישע שלעפּערס, הײַנט האָבן מיר אײַך צוגעשריבן, מאָרגן וועט איר קומען בעטלען. אײַער פוס זאָל דאָ נישט זײַן.*

געענטפערט האָב איך אים גאָרנישט, איך האָב נאָר אופגעהויבן די אויגן, זיי און אַלעמען אָנגעקוקט.

— קומט, אַוורעם.

— וואָס הערט זיך, צוגעשריבן? — האָבן אַלע געפרעגט מיט איין קאָל, ווי נאָר מיר האָבן זיך געוויזן אויף דער טיר.

— איך וועל באלד ערגעץ אויסזוכן א גאַל שטיקל שמאַטע, — זאָג איך עסטערן, — וועסטו מאַכן צייכנס, מיר זאָלן קענען אַרויסגיין.

איך גיי אַרײַן אין א צווייטער שטוב, בעט אויס א געל שטיקל שמאַטע. עסטער מאַכט אונדז געלע צייכנס, און מיר גייען זיי זיך צו פון פאַרנט. איצט ווייסן מיר, אַז מיר זײַנען ייִדן.

— זוכט מיר אויס לײבעלען, — בעט זיך די מאַמע.

— קום, — זאָג איך אַרענען, — לאָמיר אויסזוכן לײבלען און מע דאַרף טראַכטן פון עפּעס אַרבעטן.

אַף די פּאָר געסלעך פון אָבאָדאָווקע מיינסטנס צעבראָכענע שטיבלעך. מענטשן באַגעגענען מיר זייער ווייניק. מיר קוקן אַרײַן יעדן אין פּאָנעם. סאַמע פרעמדע מענטשן, פאַר א האַלבער שאָ זײַנען מיר דורכגעגאַן דאָס גאַנצע שטעטל, מיר גייען צוריק. ווו געפינט מען לײבלען? און וויאַזוי פרעגט מען?

מיר גייען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. און אָט, דאַכט זיך, גיטעלעס פאָטער איז אַרײַנגעגאַן אין א ליק. מיר גייען אים נאָך. יאָ, ס'איז טאַקע ער.

— מעכוטן, ווו געפינט איר זיך?

— דאָ, אין דעם שטיבל. דאָ וווינען טשערנאָוויצער ייִדן. זייער גוטע מענטשן, אָרעמע. מיר זײַנען אָנגעקומען באַנאַכט, האָבן זיי אונדז אַרײַנגענומען צו זיך, אויסגעטיילט א ווינקל.

מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין שטוב. עס הייצט זיך א הרובקעלע. אין יעדער ווינקל א לײַצע געמאַכט פון ברעטער אַף ציגל איבערגעלייגט. איך בין זיי אַזש מעקאַנע.

לייב גיט זיך א וואָרף צו אונדז.

— איר זענט שוין צוגעשריבן? — פרעג איך אים.

— יאָ, — זאָגט ער, — נאָך נעכטן. דורך די טשערנעוויצער, זייער גוטע מענטשן. גיטעלעס מאַמע האָט געהאַט צוויי פינגערלעך, זײַנען מיר געגאַן מיט זיי, צו דעם גראָבן, וויאַזוי הייסט ער?

— רעסלער. איך בין שוין אויך געווען בא אים. לייב, — פרעג איך, — פון וואָס לעבן דאָ די מענטשן?

— פון וואָס? — מישט זיך אַרײַן א יונגערמאַן, וואָס רעדט האַלב ייִדיש, האַלב דײַטש, — די רײַכע האָבן גוטע זאַכן, בײַטן זיי אויס אַף עסן.

— אָבער אַז מע האָט נישט וואָס צו בײַטן?

— זענט איר דאָך געראָטן אין אונדז...

— איז וואָס זשע טוט מען?

— לייב ווייסט שוין. ער איז שוין געווען מיט אונדז די נאַכט. מיר שטייען אויף א האַלבע נאַכט און גייען אין וואַלד אַרײַן, פיר קילאָמעטער פונדאַנען, ברענגען צו בינטלעך האָלץ. פאַר א גוט בינטל האָלץ נעמט מען דרײַ מאַרק, און פאַר דרײַ מאַרק קען מען קויפן דרײַ ברויט.

אַרן מאַכט אויף גרויס די אויגן, ער קוקט אַף מיר, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געפלויגן אין וואַלד אַרײַן.

— און די נאַכט גייט איר אויך? עפשער נעמט איר אונדז אויך מיט?

— אַז איר פילט זיך אין קויעך, איז קענט איר גיין. קוינים אַף האָלץ איז דאָ א סאַך. די פּאַרנאָסע אונדזערע וועט איר נישט צונעמען.

מיר נעמען מיט זיך לייבן און גייען צוריק.

— לייבעלע, — צעווײנט זיך די מאַמע, — קוק אָן דײַן טאַטן. א זשאַנדאַר האָט אים גוט דערלאַנגט הײַנט גאַנצפרי.

— עס וועט דורכגיין, — זאָגט דער טאַטע הייזעריק. דער ווייטיק פונעם האַרץ לאָזט אים נישט רעדן.

אַרן זוכט אויס א שטיין און נעמט זיך שאַרפן דאָס העקעלע.

— לייב, באַנאַכט גייט איר דאָך פאַרבײַ אונדז, זאָלט איר נישט פאַרגעסן אונדז רופן.

איך מיט אַרענען האָבן זיך אַפילע נישט אַנידערגעלייגט, געזעסן און זיך צוגעהערט צו יעדער שאָרך. מיט דעם ערשטן רוף זײַנען מיר שוין געווען אין דרויסן.

— איר האָט א גוט העקעלע, עס וועט אונדז צוניץ קומען, — זאָגט דער טשערנאָוויצער יונגערמאַן, — שטריקלעך האָט איר מיטגענומען?

מיר גייען שטיל די גאנצע צײַט בארג־ארוף, דאָס שמאָלע רעדעלע פון דער לעוואָנע שײַנט זייער שוואך. די פויערשע שטיבלעך, וואָס זײַנען ענלעך איינס אפן אנדערן, שטייען שטיל. אין ערגעץ לײַכט זיך נישט. אפילע קיין הונט האווקעט נישט אין ערגעץ. מיר גייען ארויס פונעם דאָרף. אָפּגעגאַן עטלעכע מעטער, ווײַזט אונדז דער יונגערמאַן:

— איר זעט דעם שטיינערנעם פּלויט? דאָס איז דער היגער בעסוילעם.

מיר גייען צו נעענטער. דער טויער איז נישטאָ. דער יונגערמאַן פירט אונדז צו די דרײַ מאָנומענטן, גאנץ גרויסע, קײַלעכדיקע, ווי ארקעס, אפן מיטלסטן איז עפּעס אָנגעשריבן.

— איר קענט לייענען ייִדיש?

איך גיי צו גאנץ נאָענט, און בא דער טונקלער שײַן פון דער לעוואָנע לייען איך איבער די גרויסע אויסיִעס, אָנגעמאָלטע מיט שווארצער פארב:

„דאָ ליגן דרײַ הונדערט קדוישים, אומגעקומענע פון פּעטליורעס הענט אין 1918 יאָר".

— און אָט די גרוב, — ווײַזט דער יונגערמאַן, — האָבן מיר שוין אויסגעגראָבן.

איך קוק זיך אײַן אין דער טונקלקײַט, די גרוב איז אף האלב פול מיט טויטע קערפּערס.

— פארוואָס זשע פארשיט איר נישט די גרוב?

— אלע טאָג פאָרט ארום א פורל פון דער קולטוס־געמיינדע און נעמט צונויף די טויטע. אז די גרוב וועט פול ווערן, וועלן מיר זי פארשיטן.

איך שטיי און טראכט בא זיך: דרײַ הונדערט קדוישים פונעם אכצנטן יאָר, איר האָט געסט, דאָ לעם אײַך ווארפט מען ארײַן די קדוישים פונעם 1941 יאָר. ווער ווייסט, צי עס וועט זײַן עמעצער, וואָס זאָל אָנשרײַבן, אז דאָ ליגן די קדוישים, וואָס זײַנען אומגעקומען פון היטלערס הענט.

מיר גייען אוועק. ביז פארטאָג דארפן מיר זײַן צוריק, די זשאנדארן זאָלן אונדז נישט באגעגענען.

ביזן וואלד זײַנען מיר געגאַן שטיל. יעדערער איז געווען פארטיפט אין זײַנע געדאנקען.

מיר האָבן אָנגעהאקט צווײַגן. געמאכט בינטלעך נאָך יעדנס קויעך נאָך. גוט פארבונדן אלע בינטלעך. די גרעבערע זײַט ארופגעלייגט אף די פּלייצעס, די דינערע זײַט שלעפּט זיך נאָך אף דער ערד. מיר גייען איינער נאָך דעם אנדערן, עס הערט זיך נאָר דאָס רוישן פון די צווײַגן, וואָס שלעפּן זיך אפן נאסן שניי און לאָזן איבער א סימען נאָך זיך.

פאר ארנס בינטל האָלץ האָט מען טייקעף געגעבן דרײַ מארק, פאר מײַנעם האָט מען מער ווי צוויי מארק נישט געוואָלט געבן.

— אָט האָסטו פינף מארק, מאמע, עסטער וועט ארויסגיין מיט דיר אײַנקויפן און קאָכט עפּעס אָפּ. און מיר לייגן זיך שלאָפן.

פארנאכט, אז איך בין ארויסגעגאַן אין גאס, האָב איך שוין באגעגנט מער מענטשן. צווישן זיי א סאך בעסאראבער, וואָס מע האָט געבראכט אהערצו פון אנדערע דערפער. איך האָב געזוכט בריטשעוווער.

— איר פרעגט אף בריטשעוווער? דאָ אין א קאָרידאָרל וווינט א בריטשעוווער, — זאָגט מיר א ייִד און ווײַזט מיר מיט דער האנט, ווּהין איך זאָל ארײַנגיין.

איך מאך אוף די טיר, פון דער שטוב זעצט ארויס א פארע. אין קאָרידאָרל איז טונקל. אַ ביסעלע שײַן פון דרויסן דרינגט ארײַן נאָר פון דעם פענצטערל איבער דער טיר. איך קוק זיך צו צו דעם מענטשן, וואָס וווינט דאָ. איך דערקען אים נישט. ער קוקט אף מיר. זאָגט מיר גאָרנישט. ווײַזט אויס, ער דערקענט מיך אויך נישט. אף דער ערד ליגט עפּעס, איבערגעדעקט מיט אן אלטער פּאלטאָ, וואָס פארנעמט קימאט די גאנצע ברייט פונעם קאָרידאָרל. פון אויבן שטייט א שיסעלע מיט מאמעליגע. דער מענטש זעצט זיך עסן. ער איז קויטיק און פארוואקסן, אפילע אויב איך קען אים, איז אומעגלעך אים צו דערקענען.

— איר זענט א בריטשעווער? — פרעג איך.

— א בריטשעווער.

— ווער זשע זענט איר פון בריטשעוו?
— פייסי.
— וואָס פאר א פייסי?
— פייסי שטערנבערג, — זאָגט ער, און זיצט און עסט ווײַטער, עס גייט אים נישט אָן, וואָס ארום אים טוט זיך.
— און וואָס ליגט דאָ אױף דער ערד? — פרעג איך ווײַטער.
— מײַן פרוי איז געשטאָרבן, שוין עטלעכע טעג ליגט זי דאָ.
— און איר עסט אױף איר?
— ווו זשע דען זאָל איך עסן? עס איז דען דאָ מערער פּלאַץ? דאָס קאָרידאָרל איז שטארק שמאָל, איר זעט דאָך.
— פארוואָס זשע נעמט מען זי נישט צו פונדאנען?
— פריִער איז געפאָרן דאָס פורל אלע טאָג און האָט צונויפגענומען די מייסים. איצט שטארבט מען שוין ווייניקער, פאָרט דאָס פורל איין מאָל אין דרײַ—פיר טעג. איך בין שוין געווען עטלעכע מאָל אין קולטוס-געמיינדע. האָבן זיי מיר געזאָגט, עס ווערט זיך צונויפנעמען א פול פורל, וועלן זיי קומען.
— מיך דערקענט איר נישט? איר פרעגט מיך אפילע נישט, ווער איך בין?
— וואָס דאַרף איך וויסן ווער דו ביסט, אז איך זע שוין פאר זיך גאָרנישט. אלע מײַנע זײַנען אויסגעשטאָרבן. די קויכעס לאָזן זיך מיר אויס, עס איז מיר שוין אלציינס ווער דו ביסט.
— איך בין מוישע גערשפעלד, יאנקל גערשפעלדס א זון.
— א, דו ביסט מוישע? ווו זשע איז לייב, ארן?
— זיי זײַנען אויך דאָ. פייסי, לאָזט אײַך נישט אָפּ. מיר וועלן אײַך העלפן, לאָזט אײַך נישט אָפּ.
אינדערפרי, ווי נאָר איך בין געקומען פונעם וואלד, בין איך גלײַך געגאן אין קולטוס-געמיינדע בעטן, מע זאָל שיקן דאָס פורל צו פייסין.
— הער ווינדיש, פארוואָס פארנעמט מען נישט די טויטע? איך בין נעכטן געווען אין א שטוב און האָב...
איך וויל אים דערציילן, וואָס איך האָב געזען. ער וויל מיך אפילע נישט אויסהערן ביזן סאָף.
— אין וואָס פאר א שטוב?
איך מאָל אים אויס.
— וואַרט דאָרט אין פירהויז. באלד וועט זײַן דאָס פורל, וועט איר העלפן ארופלייגן דעם מעס.
איך לויף צוריק אהיים און נעם מיט זיך מיט ארענען. דאָס פורל קומט צו שוין מיט עטלעכע טויטע, אָנגעוואָרפן אפן וואָגן. עס הענגט זיך נאָך א האנט, א פוס, אָדער דער קאָפּ שאָקלט זיך, גלײַך ווי ער זאָגט: — איך בין אויך געווען א מענטש...
איך מיט ארענען נעמען אָן פייסיס פרוי, לייגן זי ארויף אפן וואָגן, פייסי שטייט, ער מישט זיך נישט. ווי גלײַך נישט אים מיינט מען. דאָס פורל פאָרט אוועק. ער קוקט דעם נאָך, נישט ער רעדט, נישט ער וויינט, די אויגן זײַנען טיף אײַנגעגראָבן אין זייערע נעסטן.
— מיר דאכט, — זאָג איך ארענען, — ער איז גערירט פון די געדאנקען.
נאָך עטלעכע טעג איז דעם טאטן בעסער געוואָרן. ער האָט זיך אופגעהויבן, אנגע-הויבן ארומגיין.
— קינדער, הײַנט גיי איך אויך מיט אײַך אין וואלד ארײַן. איך קען נישט זיצן ליידיק, איך מוז עפּעס ארבעטן.
וויפל מיר האָבן אים נישט אָפּגערעדט, און ער וויל נאָר גיין. אפן וועג האָב איך אים צוגעפירט צו די דרײַ מאָנומענטן. דער טאטע איז צוגעגאן, איבערגעלייענט און לאנג גע-שטאנען און געגלעט די שטיינער.
דער ערשטער ווינטער פון דער מילכאָמע האָט זיך זייער לאנג געצויגן, איך האָב

געמיינט, אז ער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. נאָך א פּאָר װאַרעמע טעג איז ווידער קאַלט געוואָרן, און דער שניי שיט און שיט אָן אויפהער. עס האָט אזוי פאַרשיט, אז דרײַ טעג האָבן מיר נישט געקענט גיין אין וואַלד אַרײַן. די שטוב האָבן מיר געמוזט בײַטן. דאָ, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט שטאַרק געבלאָזן. איך האָב אויסגעזוכט א שטוב, ווו עס איז געווען גאַנצע ווענט, נאָר די פענצטער האָבן געפעלט. מיר האָבן אַראָפּגענומען פון דער פריִערדיקער שטוב די טיר מיט איין פענצטער און צוגעקלאַפּט צו דער נײַער שטוב. די איבעריקע פענצטער פאַרקלאַפּט מיט בלעך. דאָס פּליטקעלע האָבן מיר אויך איבערגעטראָגן, און עס איז געוואָרן גאַנץ גוט, האַלץ האָבן מיר געהאַט. וואָס צו עסן אויך. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס מיר האָבן געבראַכט האָלץ, האָבן מיר זיך אָנגעקריפּט מעל, קאַרטאָפליעס, א ביסל זאַלץ האָבן מיר אויך געהאַט. אויף דער נײַער וווינונג איז אונדז געווען וואַרעם, מיר האָבן זיך געקענט אָפּוואַשן. מײַן עסטערס ווײַסע האָר זײַנען א ביסל אונטערגעוואַקסן, נאָר אָנצוטאָן האָבן מיר נישט געהאַט וואָס. דאָס, וואָס מיר זײַנען געגאַן אויף אונדז אָנגעטאָן, איז שטאַרק צעריסן געוואָרן און שטאַרק קויטיק געווען פונעם וואַלגערן זיך אויף די ערדן אינעם אָנטלויפן. אויסוואַשן עפּעס האָט מען יאָ געקענט, איז נישט געווען וואָס איבערצובײַטן, ווײַל טריקענען איז נישט געווען ווו און עס האָט געדויערט זייער לאַנג. אַלע האָבן מיר געהאַפּט און געוואַרט אויפן זומער, און דער זומער איז געקומען זייער שווער. דערווײַל האָט אָנגעשיט שניי איבער א מעטער די טיף. גיין האָבן מיר נישט געקענט אין ערגעץ. מיר האָבן פאַרהאַנגען דאָס פענצטער, צעשניטן א קאַרטאָפליע אויף צווייען, א האַלבע אויסגעהוילט, אָנגעגאָסן א ביסעלע בוימל, אַרײַנגעלייגט א פּאָר פעדעם און געמאַכט א קאַנעצל, וואָס האָט עטוואָס באַלויכטן ביידע צימערן.

בא דער שײַן פונעם קאַנעצל, וואָס טוקט זיך אַלעמאָל — אָט ווערט עס ליכטיקער, אָט טינקעלער, — שוועבן אויף די ווענט אַהין און צוריק גרויע שאָטנס, און מיר זעצן זיך אַרום באַם הרובקעלע, וואַרעמען זיך און דערציילן פאַרשיידענע מײַסעס. אַמערסטן דערציילט דער טאַטע. ער דערציילט אַזוי, אז מיר טראָגן זיך איבער אין יענער צײַט און אויף יענע פּלעצער, פון וועלכע ער דערציילט. מיר פאַרגעסן אַפילו, ווו מיר געפינען זיך.

אין א נאַכט זיצן מיר אַזוי און הערן דעם טאַטן, יאָוועט זיך אַרײַן לייב. אזוי שפּעט? אין אַזא אינדרויסן?

— וואָס אזוי שפּעט, לייב?

ער שטייט א ביסל. שווײַגט, דערנאָך זאָגט ער שטיל און דערשראָקן:

— מײַן גיטעלעס מאַמע... זי איז פּלוצעם געשטאָרבן.

מיר טוען זיך אָן אַפּגיך, קריכן אין טיפן שניי און גייען אַריבער צו זיי.

די מעכוטענעסטע ראָכל ליגט אויף דער ערד, גיטעלע זיצט לעבן איר, קלאַפּט זיך מיט די הענט אין קאָפּ און יאָמערט. גיטעלעס פאָטער זיצט אויך לעבן ווײַב און זאָגט שטילערהייט טילים. אין שטוב איז פינצטער, נאָר פון דער ווײַסקײַט פונעם פרישן שניי שײַנט אַרײַן עפּעס א ביסל ליכטיקײַט. גיטעלע דערזעט אונדז, הייבט זי אָן נאָך שטאַרקער וויינען.

— איך וויל נישט, מע זאָל די מאַמע אַרופוואַרפן אויפן וואָגן, די הענט מיט די פיס זאָלן זיך איר נאָכהענגען, איך וועל נישט לאָזן...

— מיר וועלן אויך נישט לאָזן, — זאָגט דער טאַטע, — מיר וועלן זי אַליין באַהאַלטן.

נאָר אויב אַליין באַהאַלטן, מוז מען שוין גיין. אינדערפרי אַרויסגיין פונעם לאַגער טאָר מען נישט.

אַרן גייט אַוועק און קומט באַלד מיט צוויי דריקלעך, מיט שטריק. מיר מאַכן א מין לייטערל, לייגן אַרויף אויף דעם די געשטאָרבענע. פיר מענטשן, לייב, איך, אַרן און גיטעלעס פאָטער — אַזריִעל מיט דעם מעס אויף די אַקסל, גייען מיר אַרויס אויף דער שטילער גאַס און הייבן אָן צו טרעטן דעם טיפן שניי, וואָס שיט אָן אויפהער. זייער לאַנג און זייער שווער זײַנען מיר געגאַן, ביז מיר זײַנען צוגעקומען צו דער אָפענער גרוב אויפן בעסאַלמען.

— גיטל האָט געבעטן, מיר זאָלן זי נישט וואַרפן, ווי מע האָט געוואָרפן די טויטע אין די גריבער אויף דער מאַלאָטשנע, — זאָגט אַזריִעל שטיל.

— מיר וועלן זי נישט ווארפן, — זאָג איך, און שפּרינג אַרײַן אין גרוב, צעשאר מיט די פיס דעם שניי. — גיט אהער דאָס לייטערל!

איך נעם אַראָפּ די טויטע, לייג זי ארוף אף די פאַרפרוירענע קערפּערס און נעם זיך פאַרשיטן זי מיט שניי. דערווײַל פאַרטשעפּעט זיך מיר א קאַלאָש, איך בייג זיך אָן און זוך אים מיט די הענט צווישן די טויטע. עס איז ארויס א שווייס אף מיר, ביז כ'האָב אים געפונען.

— וואָס טוסטו דאָרט, וואָס דויערט אזוי לאַנג? — שרײַט ארן פון אויבן. ער בייגט זיך אָן, גיט מיר די האַנט און העלפט מיר זיך ארויסדראַפּען. איך בינד מיר איבער די קאַלאָשן, איך זאָל זיי נישט פאַרלירן אפן וועג. אזוי'על זאָגט עפּעס בא דער גרוב שטילער־הייט, און מיר גייען צוריק.

דער ווינטער האָט שוין קיין סאך נישט געדויערט. די טעג זײַנען געוואָרן גרעסער, די זון האָט זיך אופגעהויבן העכער און צעלאָזט דעם שניי. צוערשט איז ער געוואָרן ווייך, ווי א קאשע, באנאַכט, אז מיר זײַנען געגאַן פונעם וואַלד, זײַנען מיר יעדעס מאָל ארײַן אין שניי און זיך פאַרשפּריצט ביז ארוף. שלעפּן דאָס בינטל האָלץ איז געווען זייער שווער. און אז עס איז וואַרעמער געוואָרן, איז עס געווען שווער צו פאַרקויפן אויך, גאַנצע טעג האָבן מיר זיך געבויערט די קעפּ, וואָס טוט מען ווײַטער, ווו געפינט מען ארבעט?

און ארבעט האָט זיך געפונען, אָבער נישט אזא, ווי מיר האָבן געטראַכט.

צוויי יידישע פּאָליצײַען פון דער קולטוס־געמיינדע און עטלעכע זשאַנדאַרן זײַנען ארומגעגאַן איבערן שטעטל פון שטוב צו שטוב, צונויפגענומען אַלע מענער, וואָס קענען נאָך ארבעטן, און צוגעפירט צו דער זשאַנדאַרמעריע. דאָרטן איז צו אונדז ארויסגעקומען דער שעף־דע־פּאָסט.

— איר ווייסט, וואָס מע האָט אײַך געבראַכט אהער? מיר האָבן דאָ עטלעכע העקטאַרן ערד, מע דאַרף זיי אופאַקערן.

א זשאַנדאַר פירט אונדז צו צו א סאַרײַ, גיט יעדן א ריסקאָל, שטעלט אונדז אויס און פירט ארויס אפן פעלד.

דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געגראָבן. אָן עסן, פאַרנאַכט שטעלט מען זיך אויס, און איינער פון די זשאַנדאַרן זאָגט:

— איר האָט גוט אָפּגעאַרבעט, איצט וועלן מיר אײַך צופירן צו דער קולטוס־געמיינדע, וועט איר באַקומען יעדערער א פּאַרציע סופּ.

די זשאַנדאַרן און די יידישע פּאָליצײַען פירן אונדז צוריק דורכן דאָרף. עטלעכע פויער־טעס קוקן, ווי מע פירט אונדז, און איינע זאָגט אזוי גלײַך: „פּריכאָדיטע דאָ מענע נאַ ראַ־באָטו" — קומט צו גיין צו מיר ארבעטן.

— דו האָסט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט? — פרעג איך ארענען. — מע דאַרף פאַרגעדענקען, ווו איר שטיבל איז.

בא דער קולטוס־געמיינדע קומט צו אונדז ארויס רעסלער מיטן גראָבן בויך.

— הײַנט האָבן מיר צעטיילט דעם גאַנצן סופּ, שלעפּערס איז דאָ א סאך, האָט שוין פאַר אײַך נישט געסטײַעט, מאָרגן וועלן מיר פאַר אײַך איבערלאָזן סופּ.

מער זעען זיי אונדז נישט אף קיין ארבעט. ארן האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס איך טראַכט, פאַרטאָג וועקט ער מיך:

— דו גייסט, מוישע?

עסטער כאַפּט זיך אויך אוף.

— וווהין גייט איר? עס איז נאָך פינצטער.

— דו זעסט דאָך, — ענטפער איך איר, — בא זייער ארבעט וועלן מיר אַלע שטאַרבן פון הונגער, מיר גייען אין דאָרף ארײַן.

זי הייבט אָן ציטערן פאַר שרעק.

אז עס איז נאָר ליכטיק געוואָרן, זײַנען מיר שוין געווען אין דאָרף. אויסגעזוכט דאָס שטיבל, מיר קלאַפּן אָן, די באַלעבאָסטע פאַרעט זיך שוין באַם אויוון.

מיר גייען ארײַן, זעצן זיך אוועק אף א באַנק בא דער וואַנט.

— איר ווילט ארבעטן?

— וואָס דען זײַנען מיר געקומען?

— קוקט, איך האָב א גרויסן גאָרטן. פריִער פלעג דער קאָלכאָז אונדז העלפן אופ־אקערן די גערטנער. איצט ט־ײַבט מען אונדז נאָך אף ארבעט, אלץ פירן זיי ארויס, אונדז גיבן זיי גאָרנישט. דער מאן איז אפן פראָנט. דרײַ קליינע קינדער זײַנען געבליבן אף מײַנע הענט. איר זענט מיסטאם הונגעריק? איך האָב נישט געטראכט, אז איר וועט קומען, האָב איך גאָרנישט צוגעגרייט. קומט, וועל איך אײַך ארויספירן אפן פעלד און איך וועל זיך אומקערן עפּעס אָפּקאָכן פאר אײַך. קומט גיכער, עס זאָל אײַך נישט דערזען קיין שום הונט...

זי גיט אונדז צוויי ריסקאלעס און ווײַזט אונדז, ווו איר גאָרטן איז. די ערד גראָבט זיך לײַכט, ארן ווײַזט מיר, וויִאזוי מע דארף גראָבן.

— אך, מוישע, — זאָגט ער, — וואָס פאר א שיינעם גאָרטן איך האָב איבערגעלאָזט, ווי שיין ער איז געווען אויסגעזוזעצט! וואָס פארשטייסטו אין פעלד־ארבעט? דו קענסט אפילע נישט האָבן דאָס געפיל, וואָס איך. קוק, ווי שיין די ערד איז, זעסט, ווי זי אָטעמט...

איך קוק אף ארענען און טראכט, מיט וואָס פאר א ליבשאפט ער רעדט פון דער ערד. ווען ער דערציילט עפּעס פון זײַן גאָרטן, פארגעסט ער אפילע, אז ער איז אין לאגער.

די באלעבאָסטע קומט צו צו אונדז מיט א קוישל, פון וועלכן ס׳זעצט א פארע.

— פײַנאָ, פײַנאָ, האָרנאָ — שיין, שיין, הייסט עס, — לייגט אוועק די ארבעט, קומט עסן.

זי שפּרייט אויס א שאלעכל, נעמט ארויס פונעם קוישל אן ערדענע שיסל, לייגט זי אָן פול מיט קאשע פון הירזש און באגיסט זי מיט שמאלץ.

— זײַט מיר מויכל, — פארענטפערט זי זיך פאר אונדז, — קיין ברויט האָב איך נישט, מיר עסן איצט אויך נאָר קאשע. שווערע צײַטן, — גיט זי א זיפץ פונעם הארצן ארויס. ביז זי רעדט, ווערט דערווײַל די שיסל ליידיק.

— איך וועל אײַך געבן נאָך, איך זע, איר זענט גוט הונגעריק. נאָר גלײַכער, איר זאָלט עסן שפּעטער, איך לאָז אײַך די קאשע דאָ. איך גיי אהיים צו די קינדער. איר וועט ענדיקן, וועט איר קומען אין שטוב.

אז מיר האָבן געענדיקט די ארבעט, האָבן מיר אין דאָרף ארײַן גיין נאָך מוירע געהאט, טאָמער וועלן מיר באגעגענען א הונט, ווי די באלעבאָסטע רופט די זשאנדארן. מיר האָבן זיך אנידערגעלייגט אף דער ווייכער ווארעמער ערד, ווי אף א גוט איבערבעט און נאָכגעקוקט, ווי די זון זעצט זיך. איך האָב געטראכט: די וועלט איז אזוי שיין, אזוי יאָמטעוודיק, פארוואָס זשע גיסט זיך אף איר אזויפיל בלוט?

— איר האָט שוין געענדיקט? — באגעגנט אונדז די באלעבאָסטע, — וואשט זיך אָפּ, וועל איך אײַך געבן עסן.

פון דער שטוב האָט ארויסגעשמעקט אן אוקראַיִנישער באָרשטש.

— איך האָב פאר אײַך אָפּגעקאָכט א באָרשטש און א לעמעשקע פון קארטאָפליעס. איך ווייס, איר האָט שוין לאנג אזוינס ניט געגעסן. וואָס זאָל איך אײַך געבן פאר דער ארבעט?

— וואָס דארפסטו נאָך געבן? מיר האָבן דאָך געגעסן.

— ניין, איך וויל אײַך באצאָלן, נאָר קיין געלט האָב איך נישט. איך קאָן נישט פארלײַדן זייער געלט, די גרינע מארקן. איך וועל אײַך געבן א טאָרבעלע הירזש און אן עמער קארטאָפליעס, וועט איר זײַן צופרידן?

אין דער צײַט קומען ארײַן צוויי שכיינים. זיי בעטן אונדז קומען מאָרגן צו זיי, און אויב מיר קענען, נעמען נאָך עטלעכע מענטשן. ארבעט איז דאָ פאר א סאך. די ווערט נישט, מע מוז אופאקערן און פארזעצן די גערטנער.

פארוואָס נישט? פארטאָג וועלן מיר זײַן דאָ עטלעכע מענטשן, איידער מע כאפּט דאָרט אף ארבעט.

די באלעבאָסטע וויַזט אונדז א וועג דורכוואנען צו גיין, אז מיר זאָלן די הינט נישט באגעגענען.

אינדערהיים האָט מען מיסטאמע נישט געוווסט וואָס איבערצוטראכטן. עסטער מיט יאָסלען זיַנען שוין געשטאנען באַם וועג און געוואַרט אף אונדז.

— וואָס הערט זיך דאָ? — פרעג איך עסטערן.

— מע האָט ווידער געטריבן אף ארבעט, די מענטשן שטייען בא דער קולטוס-געמיינדע און וואַרטן אפן סוף.

— מאָרגן גייען מיר נאָכאמאָל. מיר וועלן מיטנעמען לייבן, אווראָמען, די טשערנאָוויצער, וואָס וווינען צוזאמען מיט לייבן. ארבעט איז דערוויַל דאָ פאַר עטלעכע מענטשן.

די פרייד אין שטוב איז גאָרנישט ארויסצושריַבן.

— דאנקען גאָט, קינדער, וואָס איך זע אייַך, — זאָגט די מאַמע, — איר זענט געקומען זאַט און נאָך געבראכט אזא אויצער...

איבער צוויי וואָכן האָבן מיר געארבעט אין דאָרף. פאַר דער צייַט זיַנען מיר געקומען א ביסל צוריק צום קויעך. אלע טאָג האָבן מיר אהיים געבראכט פּראָדוקטן, נאָר א שאָד, וואָס די ארבעט האָט זיך געענדיקט, זיַן א גאנצן טאָג אין שטעטל איז געווען אומעגלעך. די ייִדישע פּאָליצייַען און די זשאנדארן האָבן ניט געלאָזט צורו. אלעמאָל געשלעפּט אף אנדערע ארבעטן. א סאך מאָל האָבן מיר זיך אויסבאהאלטן אפן בוידעם, ביז די פּאָליצייַען האָבן זיך נישט דערוווּסט און געבראכט די זשאנדארן. זיי האָבן אונדז פון דאָרט ארויפגענומען און שטארק געשלאָגן.

— איך וועל סיַווי נישט גיין צו זיי אף דער ארבעט, — זאָגט ארן, — פאַרטאָג וועלן מיר ארויפגיין צו דער ריטשקע און דאָרט אין די גערנטער זיך אויסבאהאלטן.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאנגע טרוקענע טעג און דער זאפּאַס פּראָדוקטן האָט זיך געענדיקט, זאָגט מיר עסטער:

— מוישע, איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט גיטלען, פאַרטאָג גייען מיר אין דאָרף אריַן. איך בין דאָך א מאָדיסטקע, כ'וועל עפּעס מיסטאמע קענען אופנייען און אויך עפּעס אהיים ברענגען.

— און גיטל וואָס וועט טאָן?

— זי וועט מיר העלפן, וויַזשע זי קען, אליין האָב איך מורע צו גיין, און איך קען דאָך נישט רעדן קיין אוקראַיִניש.

— עסטער, צוויי יונגע פרויען אין דאָרף? טאָמער באגעגנט אייַך א הונט?

— וואָס זשע דען זאָלן מיר טאָן? איר קענט גאָרנישט פאַרדינען, איר מוזט ליגן א גאנצן טאָג פאַרבאהאלטן. און וואָס האָסטו מורע פאַר מיר? איך בין דאָך אינגאנצן גרוי.

פאַרטאָג האָבן מיר, איך, ארן און לייב, זיי אריבערגעפירט די ריטשקע און געוויזן א הינטערוועג, דורכוואנען זיי זאָלן גיין. און מיר אלע דריַ האָבן זיך באהאלטן אין א גאָרטן. יאָסל איז נאָך געווען א קליינער. אים האָט מען נאָך נישט געשלעפּט אף קיין ארבעט. ער פלעג נאָר קומען אונדז איבערגעבן די ניַעס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שטעטל.

— איך קען נישט ליגן און גאָרנישט טאָן, — הייבט זיך אויף ארן און לאָזט זיך גיין.

— וווּהין גייסטו?

— איר זעט, אָט דאָרט שטייט א פּויערטע און קאָסעט גראָז, איך גיי איר העלפן.

איך מיט לייבן גייען אויך צו. ארן זאָגט:

— גיב מיר די קאָסע, איך וועל דיר העלפן.

די פּויערטע הייבט אויף די אויגן, קוקט אים אָן:

— ווי קומט צו דיר? א ייִד קען דען קאָסען?

— גיב מיר די קאָסע, וועסטו זען.

— נאָר גיב אכטונג, זאָלסט דיר די פיס נישט אָפּקאָסען, — זאָגט זי מיט א שמייכל.

ארן נעמט די קאָסע, שארפט זי צו מיטן שטיינדל און נעמט זיך קאָסען. דאָס גראָז פאַלט אין א זיַט און לייגט זיך אויס אין א גליַכער שורע. די פּויערטע, וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו לאַכן, שטייט און קוקט אים נאָך, ווי קונציק ער גייט מיט דער קאָסע.

פון א ווײַטערער לאַנקע קומען צו צוויי אַלטע פּויערים און קוקן אויף ווי אַרן אַרבעט.

— און איר וואָס שטייט, וואָס אַרבעט איר אויך נישט? — זאָגט אײנער צו מיר מיט לײבן.

איך פאַרשעם זיך א ביסל, בעט בא אים די קאָסע, און מיט דעם ערשטן מאָל האַק איך זי אַרײַן אין דער ערד אַרײַן. עס ווערט א געלעכטער. איך ווער רויט, און גיב אים אָפּ צוריק די קאָסע.

— דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן, אַז איך האַלט א קאָסע אין די הענט.

— און ער? ער אַרבעט ווי א גוטער פאַבריקמאַכער, — ווײַזט ער אָף אַרענען.

אַרן האָט געענדיקט א גאַנצע שורע און קערט זיך אום אָנצוהײבן א צווייטע.

— וויאַזוי רופט מען דיך? — פרעגט די פּויערטע.

— אַראָן.

— מיך רופט מען דאָמקע. מײַן שטוב איז דאָ העכער, ניט ווײַט פון דער שטוב, וווּ איר וווינט. קומט אַרײַן צו מיר. איך וועל מיט אײַך עפּעס רעדן.

אַז מיר גייען אַרײַן צו איר, זאָגט זי:

— צוערשט עסט עפּעס אָפּ. און, צווייטנס, אַראָן, איך זע, דו קענסט אַרבעטן. בלײַב בא מיר, וועסט מיר העלפן באַאַרבעטן דאָס פעלד, דעם גאָרטן בא דער שטוב. איך וועל דיך נישט באַאוולען, וועסט זײַן דאָ, וועט מען דיך נישט שלעפּן אָף קיין אַרבעט. נו, וואָס זאָגסטו?

אַרן קוקט אָף מיר מיט לײבן און וואַרט פון אונדז אַן אײצע.

— עס וועט דיר נישט באַנג טאָן, — זאָגט דאָמקע.

— איך וועל אַרבעטן, — זאָגט אַרן.

— און איר, — זאָגט דאָמקע מיר און לײבן, — אויב איר ווילט, די זשאַנדאַרן זאָלן אײַך נישט שלעפּן אָף קיין אַרבעט, קענט איר זיך בא מיר באַהאַלטן. איר זעט דעם סאַרײַ אין הויף, אפן בוידעם ליגט דאָרט אָנגעלייגט היי, טרוקן גראָז, ווען איר וועט דאַרפן, קריכט אַרויף און באַהאַלט אײַך דאָרט. זעט נאָר, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, ווען איר גייט אַרײַן.

יאַסעלע האָט געוווּסט, ווו מיר באַהאַלטן זיך אויס. איינמאָל קומט ער א פאַרסאָפּעטער צו לויפן.

— מע האָט אַוועקגענומען דעם טאַטן אָף אַרבעט.

— ווער האָט אים גענומען?

— א ייִדישער פּאָליציאַ איז געקומען גלײַך צו אונדז און אים גערופן אין זשאַנדאַר־מעריע. איך לויף צוריק, די מאַמע איז דאָרט אַליין.

ווי אַפּצולאָכעס, ציט זיך דער טאָג אַזוי לאַנג, די זון האָט זיך צײַט, זי זעצט זיך פּאַוואָליע. איך קוק אַלעמאָל אָף דער זון, און בין בייז אָף איר. פאַרוואָס ווערט שוין נישט נאַכט? עסטער מיט גיטלען זײַנען אין דאָרף, דער טאַטע איז אין זשאַנדאַרמעריע. איך גיי היין און צוריק, ווי גלײַך, אַז איך וועל גיין, וועט גיכער נאַכט ווערן.

עס האָט נאָר אָנגעהויבן טונקל ווערן, הײבן מיר אײנציקווײַז אָן אַהיים גיין.

אַז מיר זײַנען אַרײַנגעקומען, איז שוין דער טאַטע געווען אין שטוב. אפן הרובקעלע איז געלעגן א קײַלעכדיק סאָלדאַטסקע ברויט.

— ווהין האָט מען דיך גערופן, טאַטע?

— די זשאַנדאַרמעריע האָט געפאָדערט בא דער קולטוס־געמיינדע א ייִדן, וואָס קען זיך אויס אין פעלד־אַרבעט, ווײַס איך נישט, וויאַרום זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן מיר און האָבן מיך געשיקט רופן.

— וואָס זשע האָסטו דאָרט געטאָן?

— די ייִדן, וואָס זיי שלעפּן אָף אַרבעט, ווייסן נישט גאָרנישט. איך האָב זיי געוויזן, וויאַזוי אויסצוזעצן די ראַסאַדע, וויאַזוי צו באַגיסן און ווען מע דאַרף באַגיסן, איז דאָס גע־פעלן געווען. באַם אַהיימגיין האָט דער זשאַנדאַר מיך אַרײַנגערופן אין זשאַנדאַרמעריע, געגעבן אָט דאָס ברויט און מיר אויסגעשריבן א פּאַפּירל, אַז איך מעג אַרויסגיין פונעם לאַגער אין דאָרף, אין פעלד, ווען איך וויל, ער האָט מיר געהייסן קומען אַלע טאָג. איך

וועל נישט ארבעטן, נאָר וויַזן, וויאַזוי צו ארבעטן און אכטונג געבן. ער האָט צוגעזאָגט אַלע טאָג א ברויט.

— און דו האָסט געזאָגט, אז וועסט ארבעטן?

— א בריירע האָב איך, און אז מע שלעפּט אזוי אָף ארבעט, איז בעסער?

עסטער מיט גיטלען האָבן זיך נאָך נישט אומגעקערט. איך מיט לייבן גייען אראָפּ צו דער ריטשקע. די אויגן טוען וויי, ביז עס באַוויַזן זיך צוויי סילועטן, וואָס גייען גליַיך צו אונדז.

— וואָס אזוי שפּעט?

— ארבעט האָבן מיר טייקעף געפונען, — דערציילט עסטער, — זיך אונטערגענומען אופנייען א פּאַלטאָ אָף וואַטין. איך האָב געוואָלט ארויסענדיקן די ארבעט, האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן. און ס'איז גליַיכער וואָס שפּעטער גיין. מיר האָבן היַינט פאַרדינט צוויי מאַרק, און אָט דאָס טאַרבעלע.

— וואָס האָט איר דאָ?

— פון אַלעס צוביסלעך. גרויפּן, פאַסאָליעס, א האַלב ברויט און א ביסל זאַלץ.

איַינגעשלאָפן זיַינען מיר שפּעט. יעדער האָט אויסדערציילט די געשעענישן פונעם טאָג, און אַלע זיַינען מיר געווען צופרידן, וואָס דער טאָג איז דורכגעגאַן בעשאָלעם.

עסטער זאָגט מיר, אז מאָרגן וועלן זיי גיין ווידער אין דאָרף.

— אַלע שכיינים זיַינען געווען אונדז רופן.

פאַרטאָג איז עסטער אוועק אין דאָרף, ארן — צו דאַמקען און איך גיי אריבער צו לייבן. וווהין טוט מען זיך אהין? אין גאַס הערן זיך שוין די געשרייען פון די פּאָליציַיען מיט די זשאַנדאַרן, וואָס טריַיבן אָף ארבעט. גליַיכער זיך אויסבאַהאַלטן, איידער באַ זיי צו אר־בעטן. מיר לויפן גיך אריבער דעם וועג, גייען אריַין צו דאַמקען אין הויף. ארן איז שוין אין פעלד.

— איך וואָלט איַיך אויך געגעבן ארבעט, — זאָגט דאַמקע, — נאָר איך האָב מוירע פאַר די שכיינים, מע זאָל נישט צוטראָגן. ארענען האָב איך איבערגעטאָן, אז מע וועט נישט דערקענען, צי ער איז א ייִד, און איר פאָלגט מיך, קריכט ארויף אפן בוידעם, עס וועט איַיך דאָרט נישט זיין סקוטשנע.

מיר קריכן ארויף אפן בוידעם. פון יענער זיַיט היי, הער איך, שעפּטשעט מען זיך.

— ווער איז דאָרט?

— שרעקט איַיך נישט, — ענטפערט מען מיר, — מיר זיַינען אויך ייִדן. געווען דריַי, וועלן מיר זיַין פינף.

נאָך האַלבן טאָג האָט יאָסל געבראַכט עסן.

— נו, עס איז איַיך נישט סקוטשנע דאָרט, — פרעגט דאַמקע, איבערגעבנדיק אונדז דאָס עסן. יאָסל האָט אויך געבראַכט א קוויטעלע. — נאָט איַיך א פּאָר ביכעלעך צו לייענען. אויב איר קענט נישט קיין אוקראַיִניש, איז נאָט איַיך קאָרטן, וועט איר שפּילן. איר זאָלט זיך נישט דערוועגן ארויסצוגיין.

איך שטעל אוועק דאָס עסן און לעבן שפּאַלט צווישן די ברעטער לייען איך איבער דאָס קוויטעלע.

„מוישע, דו געדענקסט יאָסל שיוועס, ער איז געקומען פון בערשאַד און האָט צו דיר א גרוס פון ייִדלען".

— ייִדל לעבט! — גיב איך א געשריי. — נו און ריווקע? דאָס קינד? דער שווער, די שוויגער, ייִדלס עלטערן? בומעלע? אַלע קומען מיר אָף די געדאַנקען, איך קען אזש נישט עסן. די געדאַנקען פליִען, עס גייט מיר דורך פאַר די אויגן דער גאַנצער אָנהייב פון דער מילכאָמע, ביז מיר האָבן זיך צעטיילט.

אפדערנאַכט האָט אונדז דאַמקע נישט געוואָלט לאָזן אהיים. ביז די קאַלאָנע ייִדן האָט מען צוריקגעפירט פון דער סטאַנציע שפּעט.

— ביז מע וועט נישט אָפּלאָזן אַלע ייִדן, טאָרט איר זיך ניט וויַיזן אָף דער גאַס.

ערשט, אז ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, שטעלט זיך דאַמקע אויף אָף דעם לייטער.

— איר קענט שוין גיין. איר האָט געמעגט זען, ווי מע האָט געפּירט די ייִדן, נעבעך, קאָם וואָס זיי זײַנען געגאַן.

איך שפּרינג אַראָפּ פונעם בוידעם, נאָך איידער דאָמקע קריכט אַראָפּ פונעם לייטער, און לויף גלײַך אהיים. פונוויַטנס זע איך אַרײַנגיין אין שטוב עסטערן מיט גיטלען.

אַז איך קום אַרײַן אין שטוב, רעדט שוין עסטער מיט יאָסל שייוועס. איך דערקען אים באַלד.

— פונוואַנען האָסטו זיך גענומען, יאָסל? איך האָב געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבן. נו, יאָסל, דערצייל.

איך באַמערק, ווי דער טאַטע גיט עפּעס יאָסלען א ווונק, און עס נעמט מיך אָן א שרעק. שוייס באַגיסט מיך.

— יאָסל, — זאָג איך, — ווער איז געבליבן לעבן?

— ייִדל איז דאָ, מיט ריווקען מיטן קינד...

ער בלײַבט שטיין און קען שוין דאָס מויל ניט עפענען. עסטער לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד, זי כאַלעשט. די מאַמע זעצט אַרויס א געוויין.

איך הייב אוף עסטערן, דערמינטער זי.

— דערצייל, — זאָגט דער טאַטע יאָסלען, — דערצייל דעם גאַנצן עמעס, אַז זי, — ווײַזט ער אָף עסטערן, — האָט אויסגעהאַלטן ביז אהער, וועט זי דאָס אויכעט איבערטראָגן...

— אָף די וועגן, — דערציילט יאָסל, — האָט מען אונדז געטריבן זייער לאַנג. דאָ נישט ווײַט זײַנען מיר אויך דורכגעגאַן, איין נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט אָף א מאַלאַטשנע פערמע.

עסטער מאַכט אוף די אויגן.

איך טראַכט: „די גוטע מאַלאַטשנע".

— א טייל ייִדן, — זעצט פאָר יאָסל, — וואָס האָבן שוין נישט געקענט גיין, זײַנען דאָרט געבליבן. און די איבעריקע האָט מען אוועקגעפירט אין א דאָרף פעטקיוויקע, נישט ווײַט פון בערשאַד. דאָרט האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט אין א כאַזיירים־שטאַל, און דאָרט זײַנען מיר געבליבן. נאָך א פאָר טעג איז געשטאָרבן דײַן שוויגער, — זאָגט ער מיר, — און דעם אַנדערן טאָג דײַן שווער.

עסטער צעוויינט זיך ווידער, רײַסט אָף זיך די קורצע, גרויע האָר.

— לאָזט זי וויינען, — זאָגט דער טאַטע, — לאָז זי זיך אויסוויינען.

— ייִדלס פאָטער, — דערציילט יאָסל ווײַטער, — האָט דעמלט אויסגערעכנט, אַז זיי זײַנען געשטאָרבן די לעצטע טעג סוקעס. איין טאָג נאָכן אַנדערן. איך מיט ייִדלען האָבן זיי באַגראָבן אין א מאַסן־גרוב. שפּעטער איז קאַלט געוואָרן. מענטשן זײַנען אויסגעפרוירן געוואָרן. טיף אין אָסיען איז געשטאָרבן ייִדלס פאָטער. דאָס ייִנגעלע בומעלע, וואָס איז געבליבן פון די דערטרונקענע, איז געשטאָרבן שוין קימאַט ענדע ווינטער. געבליבן זײַנען מיר עטלעכע ייִדן. אין א באַנאַכט זײַנען מיר אַנטלאָפן קיין בערשאַד. ליידיקע שטיבער זײַנען דאָ געווען א סאַך. פון אַלע דערפער זײַנען אהין אַנגעלאָפן די נאָך איבערגעבלי־בענע ייִדן. דערנאָך האָט מען אַנגעפירט ייִדן פון טשערנאָוויץ. א סאַך זײַנען אויסגעשטאָרבן. נאָר אין בערשאַד איז נאָך דאָ א סאַך ייִדן.

— נו, און וואָס טוט דאָרט ייִדל, — פרעג איך, — פון וואָס לעבט ער?

— ייִדל? ייִדל פאַרלירט זיך נישט, די שווערסטע אַרבעטן האָט ער געטאָן. געטראָגן האָלץ, געגראָבן גריבער, איצט איז ער געוואָרן א מוליער. ער שטעלט אוף ווענט אין די צעבראָכענע שטיבער. הרובקעלעך מאַכט ער. ער טוט אַלעס, אבי איבערצולעבן.

— און וויאַזוי קומסטו אהער, יאָסל?

— איך בין דאָ נאָך מיט א יונגנמאַן. מיר האָבן פאַרלוירן אונדזערע מישפּאָכעס, גייען מיר אומעטום, ווו עס איז דאָ ייִדן, עפּשער איז נאָך עמעצער געבליבן לעבן פון אונד־זעריקע. פון בערשאַד ביז אהער איז פינף און צוואַנציק קילאָמעטער. גיין גייען מיר נאָר באַנאַכט, באַנאַכט באַגעגנט מען קיינעם נישט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אונדז יאָסל שייוועס אויסדערציילט דעם גאַנצן צאָרן,

וואָס זיי האָבן מיטגעמאכט אין מעשעך פון דעם יאָר. בא האלבער נאכט האָט ער זיך געזעגנט מיט אונדז.

— ווהין גייסטו איצט, יאָסל?

— פונדאנען גייען מיר קיין ווערביוווקע, דאָרט איז אויך דאָ טעלעכע ייִדן.

פון דרויסן הערט זיך שוין, ווי יאָסלס כאוואַר רופט אים.

מיר לייגן זיך אויס. עסטער ווייגט שטילערהייט. איך ליג און מאך מיר פּלענער, וויאַזוי זעט מען זיך מיט ייִדלען.

פאַרטאָג איז דער טאַטע ארויסגעגאנגען זען, וואָס טוט זיך אין גאַס. ער קומט גיך אריין צוריק.

— קינדער, צעלויפט זיך, זיי שלעפּן היינט אָף דער ארבעט אפילע פרויען. איך ווייס, עסטער, עס איז דיר שווער, נאָר בעסער גיי אוועק אין דאָרף. וועסט נישט קענען, וועסטו נישט ארבעטן, דאָ וועט מען דיך שלעפן אָף זייער ארבעט.

מיר צעלויפן זיך גיך. יעדערער אין זיין וועג. עסטער מיט גיטלען גייען אוועק אין דאָרף, ארן איז נאָך פאַרטאָג אוועקגעגאַן. עס גלוסט זיך מיר זייער נישט צו גיין אָפּזיצן אפן בוידעם אזא לאנגן טאָג.

— דו גייסט באלד אויך אוועק, יאנקל, — זאָגט די מאמע, — איך בלייב דאָ אליין. איך גיי אראָפּ פונעם זינען א גאנצן טאָג ביז איך זע אייך צוריק.

איך גיב נאָר א קוק אָף דער מאמען און מיט אַ אונטערוועג לויף איך גיך אריבער צו דאַמקען, קריך ארוף אפן בוידעם. מיט די אויגן צייל איך איבער: איך בין שוין דער עלטסטער דאָ.

איינער פון די נייע מענטשן דערציילט, אז אים האָט געזאָגט א שאַכן, אַן אוקראַינער, אז די דייטשן האָבן געכאפּט א גרויסן קלאַפּ אפן פראָנט, דערפאר לאָזן זיי דאָ אויס דעם צאָרן צו אונדז.

— איך פארשטיי נישט דעם שאַכן מיינעם, — דערציילט וויַטער דער ייִד, — ער גייט אוועק אָף עטלעכע טעג, וווהין ווייסט קיינער נישט. דערנאָך יאַוועט ער זיך, קומט אריין צו אונדז, רעדט אונדז אויס דאָס הארץ „פּאַטער פּיטע" — זאָגט ער, — ליידט עס איבער, הייסט עס. ער דערציילט נייַסן. פונוואנען קען ער וויסן אלעס? קיין ראַדיאָ איז דאָך נישטאָ בא קיינעם.

— וויאַזוי קומט איר אהערצו אָף דעם בוידעם? — פרעג איך דעם ייִדן.

— אויך דורך אים. ער האָט אונדז געבראכט אהערצו. דאָ, האָט ער געזאָגט, וועט אייַך קיינער נישט טשעפּען, נאָר זעט, איר זאָלט ליגן שטיל, ווייל אין דער שטוב קומען די זשאנדארן טרינקען סאמאַהאָן. און ווייל זיי קומען אהערצו, איז דאָ גוט זיך צו באהאלטן. דאָ וועלן זיי נישט זוכן. א סאך מאָל פּלעג איך זען, ווי באנאכט קומען צום שאַכן מענטשן, סוידען זיך אָפּ עפּעס מיט אים און ווערן פארשווונדן.

— דערציילט בעסער עפּעס פונעם פראָנט. וואָס האָט ער אייך דערציילט?

— איר ווילט דאָך ניט גלייבן, איר מיינט דאָך, אז טאָמער איז נישטאָ קיין ראַדיאָ, ווייסט ער גאָרנישט. ער ווייסט א סאך, נאָר ער דערציילט זייער ווייניק.

— נעכטן האָב איך געארבעט בא דער סטאַנציע, — רופט זיך אָן א צווייטער, אויך פון די נייע ייִדן, — מיר האָבן געהרוזעט קעסטלעך סנאַריאַדן אין די וואַגאָנען, דערווייל איז דורכגעגאַן א צוג און אָף די וואַגאָנען איז געווען אָנגעשריבן: „בערלין—מאָסקווע", זאָל זיין עמעס, אז זיי האָבן געגומען מאָסקווע?

וועגן וואָס נאָר האָבן מיר נישט איבערגערעדט פארן גאנצן טאָג! פאר א לאנגער צייט ליגן אפן בוידעם אָף דעם טרוקענעם היי האָבן מיר באקומען א גרינעם קאָליר, ווי דאָס היי. די אויגן האָבן ווי געטאָן פון דער טונקעלער שיין, וואָס האָט דורכגעלויכטן נאָר דורך די שפּאַלטן צווישן די ברעטער.

אלץ מער זשאנדארן האָבן זיך דערוווּסט, אז אין אָט דער שטוב איז דאָ סאמאַהאָן, האָבן זיי זיך אלץ געדיכטער געיאַוועט אהערצו. א סאך מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו הערן דעם פּאַטעפאָן, וואָס די שיקערע זשאנדארן פלעגן אונטער זיין מוזיק טאנצן.

מיר ליגן שטיל אפן בוידעם און הערן זיך צו צו יעדער קלאנג, צו יעדער וואָרט, וואָס דערטראָגט זיך פון אונטן.

— וווּהין קריכסטו? — שרײַט דאָמקע צו איינעם. — וועסט אראָפּפאלן פונעם ליימער! — זי כאפּט אים אָן און שלעפּט אים אראָפּ.

— האָוע, ייִצע, — פּלאפּלט ער שיקער.

— איך האָב נישט קיין הינער, קיין שום אייער איז דאָרט נישטאָ... קום בעסער טאנצן.

ווען די זשאנדארן צעגייען זיך, זאָגט אונדז דאָמקע אָן, אז מיר מעגן אראָפּגיין פונעם בוידעם. זי פרעגט:

— איר האָט זיך מיסטאם דערשראָקן, ווען ער איז געקראָכן אפן בוידעם? איך וועל שוין באהאלטן דעם לייטער. ווּ איז געווען מײַן קאָפּ? איך מוז זיי געבן סאמאָהאָן, מע האָט מיר אזוי געהייסן. — זי שלאָגט זיך אליין איבער די רייד, — אוי, וואָס פּלאפּל איך?

עפּעס קאָכט זיך, עפּעס טוט זיך, נאָר מיר ווייסן גאָרנישט, מיר זײַנען אָפּגעריסן פון דער גאנצער וועלט. צו דאָמקען זײַנען איינמאָל ארײַנגעגאַן, האָב איך געזען, צוויי אוקראַינער, און, דאכט זיך מיר, זיי האָבן געהאט ביקסן אונטער די מאנטלען. דאָמקע האָט אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, דערנאָך זיך צוריקגעכאפּט. מע האָט איר געהייסן געבן די זשאנדארן סאמאָהאָן. ווער האָט איר געהייסן?

נאָך א צוויי כאדאָשים, וואָס עסטער מיט גיטלען זײַנען געגאַן אין דאָרף ארײַן אַרבעטן, האָבן זיי זיך א ביסל פאריכט. אומעטום, ווּ זיי האָבן געארבעט, האָט מען זיי געגעבן עסן. אלע טאָג האָבן זיי אויך אהיים עפּעס געבראכט. און מיר האָבן אויך געהאט וואָס צו עסן, נאָר פונעם ליגן א לאנגע צײַט אפן בוידעם זײַנען מיר מיט לייבן אויסגעטריקנט געוואָרן און געליטן שטארקן קאָפּווייטיק.

ארן האָט אויך גוט זיך פאריכט, טאָמיד איז ער געווען אין פעלד, נאָר אהיים פלעג ער קימאט ניט קומען.

אז די מאמע האָט אים איינמאָל געפרעגט, פארוואָס ער קומט נישט אהיים, האָט ער בארויגעז געענטפערט:

— איך גיי ערגעץ אוועק מיט איינעם, מאמע, און מער פרעג מיך נישט. איך בין שוין א גרויסער.

— ארעלע, ביסט נאָך א קינד.

— אָבער מיר געטרויט מען מער ווי א גרויסן, דאָס איז גאָרנישט, וואָס איך בין נאָך קיין פופצן יאָר נישט אלט, איך ווייס, וואָס איך טו.

אין א טעג פינף ארום איז ארן געקומען מיט אן אַפּגעבריטער האנט און שטארק מיד. וואָס מיר האָבן אים נישט געפרעגט, האָט ער געהאט איין ענטפער:

— לאָזט מיך בעסער זיך אויסשלאָפן. איר וועט נאָך אמאָל וויסן, ווּ איך בין געווען.

מער קיין וואָרט האָבן מיר נישט געקענט בא אים ארויסציִען. אינדערפרי איז ער אוועק אין פעלד ארײַן.

אז יאָסל האָט געדארפט אונדז עפּעס איבערגעבן א וויכטיקע נײַס, פלעג ער צוגיין צום בוידעם און דורך דער סטריכע מיט א שטעקן, וואָס איז דאָרט טאָמיד געשטאנען, ארופגעבן א קוויטעלע און גיך אנטרונען ווערן.

אין א פארנאכט, עס איז נאָך געווען גוט ליכטיק אין דרויסן, האָב איך דערהערט, אז עמעצער פּאָרעט זיך בא דער סטריכע. יאָ, א קוויטעלע. איך בינד עס גיך אָפּ פונעם שטעקן. יאָסל גיט צו וויסן, אז עסטער מיט גיטלען זײַנען קאם אנטלאָפן פונעם דאָרף, זיי האָבן דאָרט אלעס איבערגעלאָזט און ווארטן איצט באם וועג.

איך מיט לייבן שפּרינגען אראָפּ פונעם בוידעם און איינציקווײַז כאפּן מיר זיך אריבער דעם וועג. עסטער מיט גיטלען זײַנען שטארק דערשראָקן, קאם וואָס זיי רעדן.

— וואָס איז געשען?

— צוויי זשאנשארן זײַנען געקומען מאָנען אייער בא דער באלעבאָסטע, די טיר איז געווען אָפן, מיר האָבן נישט באמערקט, ווען זיי זײַנען ארײַן. באהאלטן זיך איז שוין געווען שפּעט. זיי האָבן אונדז דערזען און געפרעגט, ווער האָט אונדז דערלויבט צו גיין ארבעטן

אין דאָרף, און געהייסן דער באַלעבאָסטע, זי זאָל ארויסגיין פונעם צימער. די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט: „איך וועל אָנמאכן א גוואלד, איך וועל ניט לאָזן, קומט, וועל איך אייַך געבן אייער”, און האָט זיי ארויסגעשלעפּט פונעם צימער. האָבן מיר אופגעמאכט דאָס פענצטער און אריַין צו א שכיינע אין אן אנדער שטוב. דאָרטן האָט מען אונדז באהאלטן אין קעלער. שפּעטער האָט די שכיינע אונדז ארויסגעפירט דורכן גאָרטן.

— נו, מוישע, — פארענדיקט עסטער איר דערציילן, — וועסט עפּעס צוטראכטן, ווי נעמט מען ארויס אונדזערע זאכן?

— דערוויַיל, — זאָג איך עסטערן, — גייין אין דאָרף אריַין טאָר מען נישט. געדענקסט, האָסט מיר געזאָגט, אז דו ווילסט זיך זען מיט ייִדלען, מיט ריווקען. כ'האָב איבערגערעדט מיט דאַמקען, און כ'מיין, אז דאָס בעסטע איז איצט, זאָלסט זיך דורכגיין קיין בערשאד. אין א פּאָר טעג ארום דארף דאַמקעס א כאווערטע אויך גיין קיין בערשאד, זאָגט דאַמקע, אז זי וועט דיר געבן א ברייט קליידל, אן אויסגענייט קאָפּטעלע, א טיכל, דו וועסט זיך איבערטאָן, און איר וועט צוזאמען גיין. גיין וועט איר באנאכט, באנאכט גייען נישט די זשאנדארן, זיי האָבן מוירע. איך האָב געפרעגט דאַמקען, פאר וועמען די זשאנדארן האָבן דאָ מוירע? זיי טוען דאָ, וואָס זיי ווילן. לאכט זי פון מיר: „אראָן ווייסט שוין, פאר וועמען זיי האָבן מוירע”.

— מיר האָבן אויך געהערט אין דאָרף, — זאָגט עסטער, — אז עס איז דאָ פּארטיזאַנען. אלע אין דאָרף סוידען זיך: „פּארטיזאַנען”.

אָט דאָס זיַינען די, טראכט איך בא זיך, וואָס קומען באנאכט צו דאַמקען, און דאָס ווערט עס ארן פארפאלן יעדער מאָל אף עטלעכע טעג...

— וואָס האָסטו זיך אזוי פארטראכט? — פרעגט עסטער.

— איך טראכט פון דיַין וועג, וואָס דו וועסט מאכן, ווו וועט איר דערוויַיל מיט גיטלען זיַין דעם גאנצן טאָג?

— מיר וועלן אויך אריבערגיין צו דאַמקען, זי בעט אונדז שוין פון עטלעכע טעג, מיר זאָלן איר עפּעס אופנייען.

פארנאכט האָט מיך דאַמקע אראָפּגערופן פונעם בוידעם:

— דערקענסט דיַין וויַיב?

ווען עס קוקן נישט ארויס די גרויע האָר פון אונטערן טיכל, וואָלט איך עפּשער נישט דערקענט עסטערן.

דאַמקע באקענט מיך מיט איר כאווערטע.

— מיט איר, — זאָגט דאַמקע, — וועט דיַין וויַיב גיין, זעסט, זיי זיַינען ביידע אַלציינס אָנגעטאָן. אין א פּאָר שאָ ארום וועט קומען מיַינער א באקאנטער און וועט זיי ארויספירן אין וואלד.

געקומען א יונגער בלאָנדער באָכער אין א לעדערן רעקל. ער גריסט זיך. דאַמקע וויַיזט אים אף איר כאווערטע, ער גיט איר א בריוועלע, וואָס זי לייגט עס אריַין אין בוזעם. און אלע דריַי גייען זיי ארויס.

אפן הארצן איז מיר געוואָרן שווער. דאָס ערשטע מאָל פון זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, אז איך שייד זיך מיט עסטערן. איך בין נאָר אריַינגעקומען אין שטוב, האָט שוין די מאמע דערקענט אף מיר, ווי איך פיל זיך.

— זי איז טאקע אוועקגעגאַן, מוישע?

דער טאטע צעשניַידט דאָס ברויט אף גליַיכע שטיקלעך.

— גייט שוין עסן, עס איז שוין קאלט געוואָרן.

עסטערס כיילעק איז געבליבן ליגן און האָט מיר אלעמאָל דערמאָנט, אז זי גייט ערגעץ אין וואלד.

דעם אנדערן טאָג האָב איך מיר קיין פּלאץ ניט געקענט געפינען, מיך האָט געמוטשעט א געפיל: מענטשן טוען עפּעס, און מיר ליגן אפן בוידעם...

פארנאכט הערן מיר לעבן דער שטוב ראשט זיך. עס איז צוגעקומען א פויערטע און דערציילט דאַמקען:

— נישט ווײַט פֿון דער מיל האָט קאָוטון מיט צוויי זשאַנדאַרן געכאַפּט א ייִדן, וואָס איז אַרויסגעגאַן פֿונעם לאַגער. דער ייִד האָט זיי געוויזן עפּעס א פּאַפּירל, האָט א זשאַנדאַר עס אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַנט, אַפֿילע עס נישט איבערגעלייענט, און צעריסן. אַלע דרײַ האָבן גענומען שלאָגן דעם ייִדן מיט די פֿיס. ער ליגט דאָרט באַם וועג, איך האָב מוירע געהאַט צוצוגיין. מע דאַרף זאָגן עמעצן פֿון די ייִדן, מע זאָל אים צונעמען, ער ליגט דאָרט מיסטאָם טויט.

עס ווערט מיר הייס און קאַלט. אין דער צײַט גייט דאָך דער טאַטע אַהיים. איך שפּרינג אַראָפּ פֿונעם בוידעם, לייב נאָך מיר. מיר לויפֿן מיט די גערטנער צו דער מיל. באַ דער זײַט פֿונעם וועג, אין א קאַנאַווע ליגט דער טאַטע. צוויי פּויערטעס שטייען לעבן אים און ווייסן נישט וואָס צו טאָן.

— טאַטע, מאַך אויף די אויגן! — שרײַ איך נישט מיט מײַן קאָל. — טאַטע, טאַטע!

— זיי האָבן אים שטאַרק געשלאָגן, — זאָגט איינע פֿון די פּויערטעס, — אַן אײַזערנער מענטש, אַז ער האָט עס אויסגעהאַלטן, זיי וואָלטן אים דערהאַרגעט אַף טויט, נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק קוויטשען, זײַנען זיי אַוועק.

דער טאַטע מאַכט אויף די אויגן און ווײַזט מיט דער האַנט אַפֿן פֿוס. איך שלעפּ אַראָפּ דעם הויז. דער גאַנצער פֿוס איז בלוי. דאָס בלוט גיסט, א פּויערטע ברענגט אַרויס א האַנטעך. איך נעץ אים אײַן אין וואַסער, בינד גוט אַרום דעם פֿוס. איך מיט לייבן נעמען דעם טאַטן און טראָגן אים פּאַוואָליע אַהיים. יאָסל לויפֿט רופֿן לאַזאַרקעוויטשן, דעם „גוטן דאָקטער".

אין לאַגער זײַנען געווען פֿינף דאָקטוירים, נאָר, כוץ לאַזאַרקעוויטשן, איז קיינער פֿון זיי נישט געגאַן צו א קראַנקן, ביז מע האָט אים נישט באַצאָלט א מאַרק צי א האַלבן מאַרק.

דער דאָקטער לאַזאַרקעוויטש האָט נישט געוואַרט, מע זאָל אים אַפֿילע רופֿן. ער האָט זיך נאָר דערוווּסט, ווו עס איז דאָ א קראַנקער, פֿלעג ער אַליין קומען, און אַמאָל צוויי־דרײַ מאָל אין טאָג און נאָך מיטברענגען מיט זיך פֿאַרשיידענע טאַבלעטקעס, וואָס ער האָט מיט גרויס שוועריקײַט באַקומען אין דער קולטוס־געמיינדע. די מערהײַט ייִדן פֿלעגן אים דערפֿאַר רופֿן „דער גוטער דאָקטער".

— יאָ, זיי האָבן אים גוט צעקלאַפּט.

ער באַוואַשט אים אַלע ראַנעס, און שמירט אָן מיט יאָד.

— מע מוז אַרײַנלייגן דעם פֿוס אין גיפּס, און אַף א לאַנגער צײַט, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, ווען ער האָט באַטראַכט דעם טאַטן, — אָבער ווו נעמט מען גיפּס און אַזויפֿיל בינטן? דערווײַל גיט אהער עטלעכע ברעטלעך, איך וועל פּרוּוון עפּעס העלפֿן.

איך לויף אַוועק אין קולטוס־געמיינדע, עפּשער וועל איך אויסבעטן דאָרטן, וואָס מע דאַרף צו מאַכן דעם גיפּס. איך טרעף דאָרטן ווינדישן.

— מיר האָבן גאָרנישט, — זאָגט ער.

אין דער צײַט קומט אַרײַן דער זשאַנדאַר, וואָס ברענגט אַפּ די ייִדן פֿון דער אַרבעט. ווינדיש דערציילט אים, וואָס סע האָט געטראָפֿן.

— וויאַזוי — פֿרעגט דער זשאַנדאַר. — אונדזער גערטנער? — און לויפֿט אַוועק.

איך גיי צוריק מיט גאָרנישט. דער דאָקטער זיצט נאָך לעבן טאַטן.

איך גיי צו שטיל.

— דאָקטער ער וועט...

— אַוודע וועט ער לעבן, דער פֿוס וועט זיך אַזוי אויך פֿאַרוואַקסן, נאָר ווער ווייסט, וויאַזוי. צי גלײַך, צי קרום. איך דאַרף נאָך אַרײַנגיין צו עטלעכע קראַנקע. גאַנצפֿרי וועל איך אַרײַנקומען. דערווײַל גיט אים אַלע צוויי שאָ א טאַבלעטקע, ער זאָל קיין היץ נישט באַקומען.

ער נעמט אַרויס פֿון דער קעשענע א פּעקעלע טאַבלעטקעס און גיט דער מאַמען. ער גייט נאָר אַרויס, פֿאָרט צו א פֿורל פֿון דער זשאַנדאַרמעריע און עס קריכן אַראָפּ צוויי זשאַנדאַרן. זיי דערזעען דעם דאָקטער אַרויסגיין פֿון דער טיר און גייען גלײַך אַרײַן אין שטוב. דער דאָקטער קערט זיך אויך אום.

— ווער האָט דיך געשלאָגן? — פרעגן די זשאַנדאַרן, דעם טאַטן.
— ער דאַרף, — זאָגט דער דאָקטער, — ליגן רויִק. וואָס ווילט איר פון אים?
— מיר ווילן אים נעמען אין שפּיטאָל, ער האָט פאַרדינט, מיר זאָלן אים אויסהיילן.
— א גיפּס דאַרף מען אים לייגן, און וואָס גיכער, — זאָגט דער דאָקטער, — טראָגט אים פּאַוואָליע אַרויס.

די מאַמע וויל נאָכלויפן דעם פורל.

— נעמט זי צוריק! — שרײַט א זשאַנדאַר.

13. ווי‌אַזוי איך בין געוואָרן א באַלמעלאָכע

דאָס נײַס, אַז מע טרײַבט אונדז אַרויס פון דער שטוב, האָבן מיר אויך באַקומען אױפן בוידעם. ווען יאָסל האָט אונדז אַרופגעגעבן א בריוועלע, האָב איך טייקעף פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נײַס, און נישט קיין גוטע.

„מוישע, מע איז געווען פון דער קולטוס-געמיינדע און פון דער זשאַנדאַרמעריע, עפּעס געמאָסטן אַרום דער שטוב און געהייסן ביז מאָרגן זאָלן מיר זיך פאַרנעמען פונדאַנען, אפילע אַף דער גאַס".

— וואָס טוט מען, לייב? וואָס גאָר פונקט אונדזער שטוב? וווּהין פירט מען זיך אַריבער?

איך שפּרינג אַראָפּ פונעם בוידעם.

—וווּהין ווילסטו לויפן? — שטעלט מיך אָפּ דאָמקע, — די גאַס איז פול מיט זשאַנדאַרן. אַלע ייִדן זײַנען זיך צעלאָפן, וואָס פאַר א נײַס האָט מען דיר אָנגעזאָגט?

— מע וואַרפט אונדז אַרויס פון דער שטוב.

— גיי צוריק, איך וועל באַלד גיין זען, וואָס פאַר א בייז-ווונדער עס איז דאָרט אַף זיי.

איך גיי צוריק אױפן בוידעם, דאָמקע באַהאַלט דעם לייטער, פאַרשליסט די שטוב.

אױפן בוידעם בלײַבט שטיל. מע הערט אויף צו רעדן, און מיר הערן זיך זיך צו צו יעדער שאָרך. איך קוק אַרויס דורכן שפּאַלט צווישן די ברעטער, נאָר מער כּון א שטיקל בלויען הימל זע איך גאָרנישט.

אַז דאָמקע קומט צוריק, דערציילט זי:

— איך ווייס שוין אַלעס. עס איז געקומען א פּאָלקאָווניק פון די זשאַנדאַרן, מע האָט אים אָפּגעגעבן די שטוב, ווו עס האָט געוווינט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, וויל ער, אַז אַף א האַלבן קילאָמעטער אַרום אים זאָלן נישט וווינען קיין ייִדן. די שטוב, ווו איר וווינט, פאַלט אויך אַרײַן אין דעם ראַיאָן. מע מעסט נאָך דאָרטן. פון אייניקע שטיבער וואַרפן שוין די זשאַנדאַרן אַרויס די שמאַטעס אױפן גאַס.

— די מאַמע איז אַליין מיט יאָסלען, — זאָג איך, — מע זאָל זיי דאָרט אויך נישט אַרויסוואַרפן. ווען אַרן זאָל כאָטש זײַן.

ס'איז שוין הײַנט דער פינפטער טאָג, אַז אַרן איז ערגעץ אַוועקגעגאַן. די לעצטע צײַט מײַדט ער אויס מיך און לייבן, מיר זאָלן אים ווייניקער פרעגן.

— אַרן האָט זיך אומגעקערט. — זאָגט דאָמקע, — ער שלאָפט אין גאָרטן, איך וויל אים ניט וועקן. זאָל ער זיך אויסשלאָפן. שפּעטער וועל איך אים שיקן אַהיים. מאָלאָדעץ אַראַן. — טוט דאָמקע א שמייכל.

פאַרנאַכט, אַז מיר זײַנען געקומען אַהיים, זײַנען אַלע שמאַטעס געלעגן אין דרויסן. די מאַמע איז געזעסן אַף א בינטל, יאָסל איז געשטאַנען לעבן איר.

— טאַקע אַרויסגעוואָרפן?

— אַפילע זיצן דאָ האָבן זיי נישט געלאָזט, איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז באַנאַכט וועלן מיר ערגעץ זיך איבערטראָגן אַף אַן אַנדער פּלאַץ.

— אַרן איז געווען?

— דאנקען גאָט, וואָס איך זע אים כאָטש פאר מײַנע אויגן. ער איז געגאַן זוכן א פלאץ, וווהין מיר זאָלן ארײַנגיין נעכטיקן.

אז ארן קומט, נעמען מיר אונדזער פארמעגן און גייען אים נאָך. ער פירט אונדז צו צו א שטוב, וואָס עמעצער האָט זי אָנגעהויבן בויען און נישט געענדיקט.

— וווהין פירסטו אונדז, ארעלע? — קלאָגט זיך די מאמע, — נישט קיין פענצטער, נישט קיין טירן.

— אָבער א דאך איז דאָ איבערן קאָפּ, — זאָגט ער. — פונדאנען וועט מען שוין נישט ארויסוואַרפן.

מיר האָבן אראָפּגעלייגט די בינטלעך אין א קליין צימערל אויף דער ערד און זיך אראָפּגעזעצט אויף זיי.

אופגעוועקט האָט אונדז פארטאָג א גוואַלד:

איך מיט ארענען לויפן ארויס אין דרויסן. בא דער קערנעצע, וואָס פאר דער שטוב, שטייט א מיידל אין הוילן העמד. אונדז דערזען, דערציילט זי, אז איר מאמע האָט געוואָלט אָנעמען וואסער און ארײַנגעפאלן אין קערנעצע. מיר קוקן ארײַן. צום גליק, איז די קערנעצע ניט קיין טיפע. אינעווייניק, ביז האלב אין וואסער, שטייט אן עלטערע פרוי און שרײַט:

— שלעפּט מיך ארויס!

פון דער שכיינעסדיקער שטוב לויפט מען אויך ארויס, איטלעכער קוקט ארײַן אין קערנעצע.

— וואָס לויפט איר קוקן? — בייזערט זיך ארן, — מע דארף זי ארויסשלעפּן און צוליב דעם מוז מען האָבן א שטריק און דערצו נאָך א גראָבן, ער זאָל זיך נישט אָפּרײַסן, ווען מיר וועלן זי שלעפּן.

— בא פיניע סטאָליער דארף זײַן א שטריק, ער איז טאקע דער באלעבאָס פון דער שטוב, אן אָבאַדאָווקער אליין. בא די אָנגעבראכטע ייִדן וועט איר קיין שטריק נישט געפינען, — זאָגט איינער פון די, וואָס שטייען און קוקן.

— איז וואָס זשע שטייט איר? קלאַפּט אָן, זאָל ער אויך ארויסקומען.

ביז מע האָט געבראכט דעם שטריק, האָט ארן אראָפּגעוואָרפן די קאלאָשן פון די פיס און אראָפּגעקראָכן אין קערנעצע. מיר האָבן אראָפּגעלאָזט דעם שטריק, ארן האָט גוט ארומגעבונדן די פרוי און מיר האָבן זי ארויסגעשלעפּט.

— איר האָט זיך נעכטן אהער ארײַנגעצויגן? — פרעגט מיך איינע פון די פרויען, וואָס וווינען בא פיניע סטאָליער.

— יאָ, מיר.

— קומט בעסער וווינען מיט אונדז, מיר זײַנען אין צימער מער פרויען ווי מענער, האָבן מיר מוירע.

איך גיי ארײַן. א גרויס צימער, א גוטס, א ווארעמס.

— אָט, איר זעט, — ווײַזט די פרוי, — אלץ דער לײַצע וווינט א היטלמאכער, טאָמיד גייט ער ארום. מיר בלײַבן אליין. אָט אין דעם ווינקל קענט איר זיך שטעלן א לײַצע, ברעטער איז דאָ, קומט וווינען דאָ.

ארן קומט אויך ארײַן.

— מער ווי פאר צוויי מענטשן איז דאָ נישטאָ קיין פלאץ. — זאָגט ער, — דו קענסט מיט עסטערן דאָ וווינען, און איך וועל אינעם צימערל, ווו די מאמע איז איצט, מאכן א הרובקעלע, וועלן מיר דאָרטן וווינען. זאָל נאָר דער טאטע אהיימקומען.

— דו ווייסט שוין, ארן?

— די מאמע האָט מיר דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען.

אין דעם טאָג האָט גערעגנט. אויף קיין ארבעט האָט מען נישט געשלעפּט, האָבן מיר געהאט צײַט זיך אײַנצוואָרדענען אויף די נײַע דירעס. איך האָב גענומען צוויי ברעטער, ארופגעלייגט אויף ציגל און געמאכט א לײַצע דאָרט, אין שטוב בא פיניע סטאָליער.

דאָ, ווו די מאמע, האָבן מיר אויסגעזוכט א האלב פענצטער און ארײַנגעשטעלט עס, די איבעריקע פארקלאפּט מיט בלעך. איין טיר האָבן מיר אויך געפונען. פון עטלעכע ברע־

טער געמאכט א לײַצע. אין א װינקל האָט ארן געמאכט פון ציגל א הרובקעלע, און מיר זײַנען שוין געװאָרן פארטיקע באלעבאטים.

אפן אנדערן טאָג איז ארן אװעקגעגאַן צו דאַמקען, איצט איז אונדז שוין געװען גאנץ נאָענט. מע האָט נאָר געדארפט אריבערלויפן דעם װעג, און מיט א ליקל זיך א ביסל אראָפּ־לאָזן, איז מען שוין געװען דאָרט.

עסטער האָט געװארט בא דאַמקען, מע זאָל זי קומען רופן. דאַמקע האָט איר איבער־געגעבן, אז מיר ליגן אין דרויסן, האָט זי נישט געװוּסט, װוּהין אהיים צו גיין.

װען ארן האָט געבראכט צו פירן עסטערן, האָב איך איר דערציילט, װאָס דאָ, בא אונדז, האָט זיך פאר די צװיי טעג אָפּגעטאָן.

— און איצט, — זאָג איך איר, — דערצייל, װאָס טוען ייִדל מיט ריװקען.

— עס קען הייסן, אז זיי זײַנען געזונט. ייִדל איז געװאָרן א מוליער. איצט מאכט ער א גרויסן אויװן אין דער קולטוס־געמיינדע, שלעפּט מען אים נישט אף קיין ארבעט.

— איז נאָך דאָ א סאך ייִדן אין בערשאד?

— עטלעכע מאָל אזויפיל װיפל דאָ. נאָר ריװקע האָט מיר דערציילט, אז דאָרט איז אויסגעשטאָרבן אזויפיל, אז מיט עטלעכע פורלעך האָט מען געפירט פון אלע שטיבער טויטע און נאָך ביז הײַנט האָט מען נישט אָפּגעשטעלט די עפּידעמיע.

— פון װאָס לעבן זיי דאָרט?

— אויך אזוי, װי מיר. א טייל אנטלויפן באנאכט אין דאָרף ארײַן, עטלעכע ייִדן האָט מען געשאָסן דערפאר, װאָס זיי זײַנען ארויסגעגאַן פונעם לאגער. נאָר מע קוקט נישט אף דעם, מע גייט װײַטער. א טייל פארקויפן שמאטעס, װאָס זיי האָבן נאָך.

— זאָג מיר, עסטער. װיאַזוי זענט איר איבערגעגאַן דעם װעג?

— אהינצו זײַנען מיר געגאַן באנאכט, האָבן מיר קיינעם נישט באגעגנט, פאר דער בריק האָבן אונדז באגעגנט צװיי פרויען, אויך אזוי אָנגעטאָן, װי מיר. זיי האָבן שוין גע־װארט אף אונדז. דאַמקעס כאװערטע, זי האָט ניט געװאָלט זאָגן, װי זי הייסט, האָט זיי איבערגעגעבן א בריװעלע, און יענע צװיי זײַנען באלד נישט געװאָרן. מיר זײַנען ארײַנ־געגאַן אין לאגער, דאַמקעס כאװערטע איז אװעקגעגאַן אין דאָרף פלאָרינאָ, דאָרט, װוּ מע האָט איר געהייסן װארטן. איך האָב מיך געדרייט אין לאגער, ביז עס איז גוט ליכטיק געװאָרן, און איך האָב באגעגנט א ברידשעװער, האָט ער מיך צוגעפירט צו ייִדלען. זיי האָבן שוין געװוּסט, אז מיר לעבן. יאָסל שייװעס האָט זיי איבערגעגעבן.

— ער האָט עמעצן געפונען פון זײַן מישפּאָכע?

— קימאט אלע זײַנען אויסגעשטאָרבן. נאָר זײַן ברודערל, דאָדלען, האָט ער ערגעץ געפונען.

— װעמען נאָך האָסטו געזען?

— װעמען קען מען זען, אלע באהאלטן זיך אויס. מע שלעפּט אף ארבעט, מע שלאָגט, מע מוטשעט, א סאך האָבן געמאכט גריבער, סעקרעטן און באהאלטן זיך דאָרט, װען מע שלעפּט אף ארבעט.

— און אף צוריק, װוּ האָט איר זיך באגעגנט?

— מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט מײַן מיטגייערן, אז איך זאָל װארטן אף איר פאר דער בריק, מיר זאָלן צוזאמען אריבערגיין, װײַל א סאך מאָל שטייען זשאנדארן אף דער בריק. ביז איך בין געקומען, איז זי שוין דאָרט געװען מיט צװיי עלטערע פויערים. די פויערים האָבן אונדז אריבערגעפירט די בריק, אונדז געגעבן א ברויט און זײַנען אװעק־געגאַן. „דאָס ברויט איז נישט אף צו עסן", — האָט מיר געזאָגט אפן װעג דאַמקעס כא־װערטע. איך האָב אליין פארשטאנען, אז עס איז נישט אף צו עסן. עס איז געװען צו שװער. און אזוי האָבן מיר נישט געגעסן דעם גאנצן װעג.

אין דרויסן איז געגאַן א קאלטער אָסיענדיקער רעגן.

— הײַנט װעט מען נישט שלעפּן אף ארבעט, — זאָג איך עסטערן, — קום ארײַן אהין, װוּ איך האָב שוין אװעקגעשטעלט די לײַצע.

מיר נעמען אַ פּאָר שמאַטעס, עפּעס אַ שטיקל קילימל אַף צו פאַרשפּרייטן און גייען איבער אַף דער נײַער וווינונג.

— אָט זײַנען די נײַע שכנים, — רופט זיך אָן די פרוי, וואָס האָט מיך גערופן אהער וווינען.

עסטער קוקט זיך אַרום. באַ די ווענט שטייען לײַצעס. איין גרויסע לײַצע פאַרנעמט אַ טשערנעוויצער פאַמיליע, אַ מאַן, אַ פרוי און אַ מיידל, דאָס מיידל זיצט, די עלטערן ליגן צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע.

— אײַערע עלטערן זײַנען נישט געזונט? — פרעג איך דאָס מיידל.

— זיי ליגן די גאַנצע צײַט, עס איז באַ זיי אָפּגעפרוירן די פיס נאָך פון דער מאַ־לאַטשנע.

— מיך האָט מען אַמאָל גערופן הער שיפּטער, — זאָגט דער פאָטער, — הײַנט ליגן מיר און וואַרטן אַפן טויט.

— איר וועט לעבן, שוין גענוג אויסגעשטאָרבן, — זאָג איך און מיר באַקאַנען זיך מיט די איבעריקע שכנים פון דעם צימער.

— אונדז דערקענט איר נישט? — זאָגט מיר אַן עלטערער ייִד. — מיר זײַנען אויך בריטשעווער. די לעצטע צײַט האָבן מיר געוווינט אין טשערנאָוויץ, עפּשער דערפאַר דער־קענט איר אונדז נישט. איך בין שלוימע ייִצחאָק־ייִדלס, איך בין געווען אַ כאַזן אין ברי־טשעווע, דאָס איז מײַן אַלטיטשעקע, דאָס איז מײַן טאָכטער פייגע, דאָס איז איר מאַן, ער ליגט קראַנק די גאַנצע צײַט, אויך אין מאַלאַטשנע האָט ער עס אָפּגעשפּאַרט. און דאָס איז ראָכל, זי קענט איר שוין.

— און מיך שטעלט איר גאָרנישט פאָר, — רופט זיך אָן דער היטלמאַכער, — איך בין דאָ געבליבן איינער פון אַ פאַמיליע פון נײַן מענטשן. איינער בין איך געבליבן. ווען נישט די מלאָכע, וואָלט איך שוין אויך נישט געווען, אַזוי ברענגט מען ניצעווען אַ היטעלע. פאַר דער אַרבעט ברענגט מען מעל, קאַרטאָפל, ברויט. נאָר וואָס טויג מיר,. אַז איך האָב וואָס צו עסן, אַז אַלע זײַנען באַ מיר אויסגעשטאָרבן, איך האָב נישט וועמען צו געבן. און פון וואָס לעבט איר?

— איך בין אַ שנײַדערקע, — זאָגט עסטער.

— איר זענט אַ שנײַדערקע? — פרעגט איבער דער היטלמאַכער.

— יאָ. איז וואָס?

— איך האָב אַ ביסל אַרבעט. קיין מאַשין אַף צו נייען איז נישטאָ, דאַרף איך אַלעס מאַכן מיט די הענט, און איך זע שלעכט, אויב דו ווילסט, קענסטו מיר העלפן אויסנייען די נעטלעך. נאָר מע דאַרף נייען געדיכט, ווי די שטעפּ פון אַ מאַשין. צוויי מאַרק אַ טאָג וואָלט איך געגעבן און אפילו אָן אָנבײַסן אויך. מיר קאָכט אַ ייִדענע, קענסטו גיין מיט מיר עסן. אַ נאָדל, אַ פינגערהוט האָסטו? איז זעץ זיך נייען.

עסטער זוכט אויס די נאָדל מיטן פינגערהוט. ער גיט איר אַ היטעלע, ווײַזט ווי צו נייען.

— גוט, גוט, פונקט ווי פון אַ מאַשין.

ער לאָזט איבער עסטערן אַרבעט און גייט אַוועק.

פאַרנאַכט, אַז ער איז געקומען, זײַנען אַלע נעטלעך געווען צונויפגענייט און אויס־געפּרעסט.

— איצט, — זאָגט ער, — וועל איך מאַכן די דאַשעקעס און צונויפשטעלן די הי־טעלעך.

ער נעמט פון ערגעץ אַרויס אַ פּעקל קאַרטאָנענע טעוועלעך פון ביכלעך און הייבט אָן אויסצייכענען דאַשעקעס.

— גיט מיר דאָס שערל, — זאָג איך, — וועל איך אײַך העלפן אויסשנײַדן די דאַ־שעקעס.

— דו וועסט דען קענען שנײַדן גלײַך?

— סכוירע אין קלייט האָב איך יאָ געקענט שנײַדן, און א שטיקל קאַרטאָן וועל איך נישט קענען?

— נאַ, שנײַד, נאָר זע, מאַך נישט א טעל, ווײַל דאָ א שטיקל קאַרטאָן צו געפינען איז אויך א זאַך.

— מוישע, — לויפט אַרײַן יאָסל, — קום שוין אַרײַן צו אונדז. אַרן איז דאָ מיט איינעם, וואָס האָט געבראַכט א גרויס פונעם טאַטן.

דער מענטש, מיט וועלכן אַרן איז געקומען, האָט דערציילט, אז דער טאַטע וועט אינגיכן זײַן דאָ.

— ער איז א שטאַרקער, דײַן אַלטער, — זאָגט ער צו דער מאַמען, — אז ער האָט אַזוינס אויסגעהאַלטן. עסן טראָגט מען אים, דײַן יאַנקלען, אַלע טאָג. דאָס האָט זיך אַראָן פאַרדינט.

איך קוק אַף דעם מענטשן. מיט וואָס פאַר א גוטסקײַט ער רעדט אויס דער מאַמען דאָס האַרץ. ער פאַרשטעלט זיך פאַרנט מיטן לאַץ פונעם מאַנטל, מע זאָל נישט אַרויסזען, אז פון אונטן טראָגט ער א דײַטשישע אוניפאָרמע. איך באַמערק, אז ער היט זיך, דריי איך אויס דעם קאָפּ, אין א זײַט, זאָל ער רעדן ווײַטער. פון זײַן רעדן ווערט מיר עפּעס גרינגער.

— נו, צײַט צו געזעגענען זיך, — זאָגט ער אין גיט א קוק צו אַרענען. אַרן גייט אַרויס אַף דער גאַס.

— האָב נישט קיין יסורים, אַלטיטשקע, אין דרײַ טעג אַרום וועט דײַן מאַן זײַן דאָ, נאָר אין גיפּס וועט ער נאָך דאַרפן ליגן לאַנג.

אַרן קומט אַרײַן.

— מע קען גיין.

איך גיי מיט זיי ביז צו דער טיר און קוק זיי נאָך לאַנג, לאַנג. דער מענטש האָט איבערגעלאָזט א האָפענונג, אז דער טאַטע וועט געזונט ווערן און וועט גיך אהיים קומען, איבערגעלאָזט א געפיל, אז עס איז דאָ א קויער, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם פאַשיזם.

— נו, וואָס טוט אײַער פאָטער? — פרעגט מען מיך, ווי נאָר איך קום אַרײַן צוריק.

— וואָס זשע, איר קענט דען מײַן פאָטער?

— דער גאַנצער לאַגער האָט געראַשט, ווען מ'האָט אים צעשלאָגן. מיר האָבן נאָר נישט געוווּסט דעמלט, אז דאָס איז אײַער פאָטער. און ווער איז דער, וואָס האָט אײַך געבראַכט א גרוס?

איך ענטפער נישט טייקעף. איך טראַכט, וואָס צו זאָגן. אין דער צײַט מאַכט זיך אוף די טיר, עס קומט אַרײַן א יונגערמאַן. גייט צו צו ראָכלען, זעצט זיך אַוועק בא איר אַף דער לײַצע.

— ווער איז דער יונגערמאַן, — פרעגט עסטער שטיל דעם היטלמאַכער, זײַן לײַצע שטייט נאָענט לעבן אונדזערער.

— ער ליבט זיך מיט ראָכלען, — ענטפערט ער שטיל. — ער הייסט קאַלמען, זייער א ווילער יונגערמאַן, נאָר ער האָט א ווײַבל מיט א קינד אין פעטשאַרער לאַגער.

— וואָס זשע פאַר א ווילער איז ער, אז ער האָט א פרוי מיט א קינד און ליבט זיך מיט ראָכלען?

— דאָס איז זײַן אייסעק. נאָר ווי ער האָט דאָ דערציילט, וואַרט ער אַף זײַנעם א כאַוווער, זיי ווילן גיין קיין פעטשאָרע אין לאַגער און ברענגען פון דאָרט אהער זײַן פרוי מיטן קינד און נאָך עטלעכע מענטשן.

— וואָס דאַרפט איר זיך דאָרטן סוידען פון מיר? — זאָגט קאַלמען, — איר מעגט רעדן הויך, מיר זאָלן אַלע הערן.

איך גיי צו אים צו.

— דערציילט, אויב איר ווייסט, וואָס פאַר א לאַגער איז עס פעטשאָרע, עס אינטערעסירט מיך צו וויסן. מײַנע א שוועסטער מיטן מאַן און צוויי קינדער זײַנען ערגעץ אין א לאַגער. נאָר מיר ווייסן גאָרנישט פון זיי, עפּשער זײַנען זיי אויך דאָרטן?

— איך ווייס אַליין אויך זייער ווייניק פון דעם לאַגער.

— פונוואנען זשע ווייסט איר, אז אײַער פרוי מיטן קינד זײַנען דאָרט?

— מײַן כאוור גדאַליע איז געווען אין פעטשאַרע און האָט מיר געבראַכט א גרוס פון זיי.

— וואָס הייסט ער איז געווען אין פעטשאַרע?

— שטעלט אײַך פאָר, אז ער גייט ארום אף דער גאַנצער טראַנסניסטריע, פון איין לאַגער אין אנדערן, ברענגט בריוו, פירט צונויף אייגענע.

— וואָס זשע דערציילט ער פון פעטשאַרע?

— פעטשאַרע איז דער ערגסטער לאַגער אף דער אוקראַיִנע. די ייִדן שטייען דאָרט אין וואַסער און האַקן שטיינער. זיי פאַלן ווי די פליגן. גדאַליע איז איצט אויך אין וועג. ער דאַרף ברענגען צוויי פאַמיליעס טשערנאָוויצער פון פעטשאַרע אהערצו, זיי האָבן דאָ אייגענע.

— וויִאַזוי גייט ער און פירט נאָך מיט זיך ייִדן?

— ער גייט אָנגעטאָן ווי אַן אוקראַיִנער, פירן די ייִדן פירט ער נאָר באַנאַכט. אפן וועג אין אַלע דערפער האָט ער באַקאַנטע פּויערים, וואָס זיי באַהאַלטן אויס איבערן טאָג די ייִדן. באַנאַכט באַגעגנט מען נישט קיין זשאַנדאַרן, זיי האָבן מוירע פאַר די פּאַרטיזאַנער. דאָס צווייטע מאָל גיי איך אויך מיט אים, און ווען עס איז דאָ נאָך עמעצער, וואָס וויל גיין, וואָלטן מיר ארויסגעפירט עטלעכע ייִדן פון פעטשאַרע.

— איך וועל איבערעדן מיט מײַן ברודער לייב. עפשער וועט ער אויך גיין זוכן אונדזער שוועסטער. איך קען נישט גיין, ביז דער טאַטע וועט נישט געזונט ווערן.

ווען קאַלמען איז אוועקגעגאַנגען, האָט שטאַרק גערעגנט אין דרויסן. די אָסיענדיקע רעגנס זײַנען געגאַן אַן אופהער. די גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך זע גדאַליען, ווי ער גייט פון איין לאַגער אין אנדערן.

אינדערפרי האָט עסטער זיך גענומען ארבעטן.

פון דער גאַס האָבן זיך דערהערט געשרייען, דאַכט זיך, מע שלעפּט שוין ווידער אף ארבעט. איך טו זיך אָן און וויל לויפן זיך באַהאַלטן.

— וווּהין ווילסטו לויפן? — זאָגט מיר דער היטלמאַכער. — דאָ אין קאָרידאָר איז דאָ א קעלער, וואָס מע זעט נישט, צי עס איז א קעלער. דאָ באַהאַלטן זיך אַלע יונגע מענטשן פון דער שטוב.

דאָס מיידל, וואָס וווינט אין פינצטערן קאָרידאָרל, מאַכט אוף דאָס טירל, און מיר גייען אַלע אראָפּ אין קעלער. מיר האָבן נישט געוווּסט, אז מ׳ר האָבן דאָ נאָך א שכיינע, און נאָך אזא יונגע.

— פון וואָס לעבט איר? — פרעג איך זי.

— איך צעטרען אַלטע וואָלענע קאָפּטלעך און שטריק אויס זאָקן, הענטשקעס, צי פון אַלטע קילימלעך צענעם איך די וואָל און שטריק אויס וואָלענע זאָקן, פון דעם לעב איך.

אין א קורצער צײַט ארום גייט צו צום קעלער דער היטלמאַכער:

— איר מעגט שוין ארויסגיין, זיי זײַנען שוין אוועקגעגאַן. עסטער, דו וועסט דאָ נייען, וואָס איך האָב צוגעגרייט. איך דאַרף אוועקגיין.

עסטער זעצט זיך צוריק נייען.

— איר זעט, אזוי גייט ער טאָמיד ארום, — רופט זיך אָן דעם כאַזנס ווײַב, זי הייסט אויך עסטער, — ער האָט זיך אָפּגעזוכט א פרוי, נאָך גאָר א יונגע, ליגט ער דאָרט איבער גאַנצענע טעג.

— שווײַג, עסטער, — זאָגט דער כאַזן רעב שלוימע צו זײַן ווײַב, — מיש זיך נישט, עס איז נישט דײַן אייסעק, וווּהין ער גייט.

— ווער איז דאָ דער קירזשנער? — קומט ארײַן א פּויער. ער האַלט א קעסל פול מיט קאַרטאָפליעס און פון אויבן א ברויט.

— ער איז נישטאָ, וואָס דאַרפסטו אים? — פרעג איך דעם פּויער.

— איך וויל איבערניצעווען א היטל, מאָרגן איז בא אונדז א יאָמטעוו. איך האָב געוואָלט, ער זאָל עס מאַכן אף מאָרגן. נאָר אז ער איז נישטאָ...

איך קוק אפֿן קעסל קאַרטאָפֿל מיטן ברויט.

— עסטער, — זאָג איך צו מײַנער, — נעם עס אָן מאַכן, דו ווייסט עס צעטרענען, איך וועל עס צופֿרעסן, איך האָב געזען, וויאַזוי ער טוט עס. דו ווייסט דערווײַל אויסנייען די נעטלעך. און ביז צום צונויפֿשטעלן וועט ער עפּשער אָנקומען.

עסטער קוקט אױף מיר מיט מוירע. איך קוק אפֿן ברויט.

— גיב אַהער דאָס היטל, — זאָג איך צו דעם פֿויער, — מיר וועלן דיר עס מאַכן.

דער פֿויער דערפֿרייט זיך, גיט מיר דאָס היטל.

— נעמט צו די קאַרטאָפֿליעס מיטן ברויט, — זאָגט ער. — גאַנצפֿרי וועל איך קומען אָפּנעמען דאָס היטל.

עסטער שיט אויס די קאַרטאָפֿליעס אונטער דעם היטלמאַכערס לײַצע, דאָס ברויט לייגט זי אויך אוועק בא אים. דער פֿויער גייט אַוועק. איך דריי דאָס היטל אין די הענט. וויאַזוי נעמט מען זיך צו דערינען?

— צו וואָס האָט עס דיר געטויגט, — בייזערט זיך עסטער, — אויב ער וועט קומען שפּעט, וועט מען עס מאַכן, באַם קאַנעצל קען מען דאָך נישט נייען.

איך נעם דעם היטלמאַכערס מעסערל, צעטרען פּאַוואָליע אַלע נעטלעך און קוק זיך גוט צו, וויאַזוי עס איז געווען צונויפֿגעשטעלט. איך דערוואַרעם דאָס אײַזן אפֿן פּליטקעלע און פּרעס אויס יעדער שטיקעלע באַזונדער.

— איצט, עסטער, נעם צונויף די נעטעלעך. וועל איך זיי אויספּרעסן.

— נו, און ווײַטער?

— ווײַטער וועט ער עפּשער אָנקומען.

עסטער נייט אויס אַלע נעטלעך, איך צעפּרעס זיי. ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. וואָס טוט מען ווײַטער? באַלד וועט טונקל ווערן, מע וועט נישט זען צו נייען.

— איך וועל עס אַליין צונויפֿשטעלן, — זאָג איך עסטערן.

— וואָס? דו קענסט דאָך קיין נאָדל נישט האַלטן אין די הענט.

— איך וועל פּרוּוון.

איך שנײַד אויס אַ דאַשעק פֿון קאַרטאָן, איך שנײַד אויס אַ קאַרטאָנדל אַרײַנצוניייען. איך נעם זיך אים אַרײַנצוניייען. איך שטופּ די נאָדל מיטן הוילן פֿינגער. מיט קיין פֿינגער־הוט קען איך גאָרנישט טאָן. עס באַגיסט מיך אַ שוויס, אין פֿינגער ווערט מיר אַ לאָך פֿון דער נאָדל, נאָר איך מאַך פּאַוואָליע דעם דאַשעק, און ניי אים טאַקע צו.

— נאַ, עסטער, די קנעפּעלעך מיטן פּאַרנטל ניי דו שוין צו, מיר גייט שוין בלוט פֿונעם פֿינגער.

איך צי אַרויף דאָס היטל אפֿן קלעצל, פּרעס עס אויס און קוק אױף דעם. עס גלייבט זיך מיר נישט, אַז איך מיט עסטערן האָבן עס געמאַכט, און עס איז ענלעך אױף אַן עמעס היטל.

— ער גייט שוין, — גיט אַ מורמל די אַלטע עסטער צווישן די ציין.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ היטל? — טוט דער היטלמאַכער בייז אַ פֿרעג, ווי נאָר ער טרעט איבער די שוועל.

— מיר האָבן עס געמאַכט, איר זענט אַ גאַנצן טאָג נישט געווען, און דאָ איז געקומען אַ פֿויער איבערניצעווען אַ היטל. אָט האָט איר אַ ברויט מיט קאַרטאָפֿל, וואָס דער פֿויער האָט איבערגעלאָזט.

— ווער האָט אײַך געהייסן אָן מײַן וויסן צו מאַכן אַ היטל?

— יאָ, אָבער עס איז דאָך אַן אָווירע אַ ברויט און קאַרטאָפֿל.

— מײַן פּאַרנאָסע ווילט איר צונעמען? איר וועט שוין בא מיר נישט נייען.

— ווער וויל בא אײַך צונעמען? אָט ליגט אַלעס, וואָס ער האָט געגעבן.

— איך דאַרף נישט גאָרנישט. — ער נעמט דאָס היטל אין די הענט, באַקוקט עס פֿון אַלע זײַטן, נעמט גיך אַרויס דאָס קלעצל פֿון אינווייניק.

— ווו איז מײַן טאָרבע?

— אַלצדינג איז דאָ אײַערס, וואָס זענט איר אַזוי איבערגעראַשט?

ער כאַפּט די טאָרבע, וואַרפט אַרײַן דאָס קלעצל, נעמט אַראָפּ פון דער וואַנט אַלע לעקאַלעס, וואַרפט זיי אויך אַרײַן אין טאָרבע. נעמט צו די באַוועלער, וואָס מע האָט אויסגעטרענט פון אַ זאַק, און אַלע קאַרטאָנעץ און וואַרפט זיי מיט קאַס אויך אַרײַן אין טאָרבע. דערנאָך נעמט ער זײַן בינטל, וואָס איז געלעגן צוקאָפּנס אָפּ זײַן לײַצע, און מיט די ווערטער „איר וועט שוין בא מיר מער ניט נייען", גייט ער אַוועק.

— ער טראָגט זיך שוין אײַנגאַנצן איבער צו איר, — זאָגט די אַלטע עסטער.

— עס איז ווידער דײַן אייסעק? — רופט זיך אָפּ דער כאַזן.

— איך קען נישט לײַדן. וואָס האָבן זיי דאָ אים שלעכטס געטאָן? דאָס ברויט מיט די קאַרטאָפּליעס האָבן זיי אים געלאָזט, וואָס זשע איז ער אַזוי בייז?

מײַן עסטער צעוויינט זיך:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז מע דאַרף נישט.

— אוי, זענט איר נאַריש, — זאָגט צו אונדז די אַלטע, — נעמט בעסער דאָס ברויט, עסט עפּעס אָפּ. בראָט אײַך אָפּ אַ פּאָר קאַרטאָפּל, איר האָט דאָך הײַנט נישט געגעסן, אַלץ געוואַרט אָפּ אים.

איך לייג אַרײַן עטלעכע קאַרטאָפּליעס אין פּײַער אָפּבראָטן.

— און אַז דאָס היטל וועט נישט געפעלן, וואָס וועלן מיר דעמלט טאָן? — פרעגט עסטער.

— ווייסטו וואָס, עסטער, דאָס ברויט וועלן מיר נישט עסן, ביז דער פּויער וועט נישט אָפּנעמען דאָס היטל, און טאָמער וועט פעלן אַ פּאָר קאַרטאָפּל, וועט ער גאָרנישט זאָגן.

— פאַרוואָס זאָל אים נישט געפעלן? — מישט זיך אַרײַן רעב שלוימע, — עס איז נישט ערגער פון זײַנע היטלען. ער מאַכט דען בעסער? ער זעט דאָך נישט.

גאַנצפרי איז געקומען דער היטלמאַכער. דאָס ברויט איז נאָך אַלץ געלעגן בא אים אָפּ דער לײַצע. ער האָט געכאַפּט דאָס ברויט און איבערגעוואָרפן צו אונדז, האָט גענומען די איבעריקע שמאַטעס זײַנע, די ברעטער פון דער לײַצע און איז אַוועק.

— ער האָט שוין גענעכטיקט בא איר, — זאָגט די אַלטע.

— ווײַטער דײַן אייסעק, עס פּאַסט גאָרנישט פאַר דיר, — רופט זיך באַלד אָפּ דער כאַזן.

איבערגעשלאָגן דאָס קריגערײַ פון די אַלטע לײַט האָט דער פּויער, וואָס איז געקומען אָפּנעמען דאָס היטל.

— דאָברע ראַנאָקי[1], וואָס הערט זיך, עס איז פאַרטיק?

מיר גיט אַ זעץ אין האַרץ.

— פאַרטיק, — זאָג איך און כ'גיב אים דאָס היטל.

ער קוקט עס אָן, טוט עס אָן אָפּן קאָפּ.

— דאָברע, דאָברע, פּיינאָ, דיאַקויו[2].

ער גיט מיר די האַנט און גייט אַוועק. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פונעם האַרצן.

— מעגסט שוין עסן אַ שטיקל ברויט, עסטער, — זאָג איך, — דו האָסט דאָס ערלעך פאַרדינט.

באַטאָג איז געקומען צו לויפן יאָסל.

— מוישע, קום שוין אַרײַן צו אונדז. דער מענטש, וואָס האָט געבראַכט אַ גרויס פונעם טאַטן, איז דאָ. ער דאַרף דיך האָבן.

איך קום אַרײַן. די מאַמע וויינט. ער רעדט צו איר, זי פאַרשטייט אים נישט.

— כלאָפּצי, — זאָגט ער צו מיר און צו יאָסלען, — באַלד וועט מען אויסשרײַבן אײַער טאַטן, ער גייט אָפּ צוויי שטעקנס און אָפּ איין פוס. איר גייט אים אַרויס אַנטקעגן, ביזוואַנען מע מעג גיין. אַראָן וועט זײַן אָפּדערנאַכט אינדערהיים. אין גאָספּיטאַל האָט מען געבראַכט אַ נײַע פאַרטיע פאַרוואונדעטע דײַטשן, האָב איך געראָטן אײַער פאָטער, ער זאָל זיך גיכער אויסשרײַבן, ליגן אין גיפּס קען מען דאָ אויך, איר זאָלט נאָר מאַכן וואַרעם.

---

[1] אַ גוט־מאָרגן (אוקר.).
[2] גוט, גוט, פײַן, אַ דאַנק (אוקר.).

איך וויל אים נאָך עפּעס פרעגן. ער גיט א קוק אפן זייגער.

— גייט שוין, איך מוז אוועקגיין.

איך גיב איבער דער מאמען אף יידיש, וואָס ער האָט געזאָגט.

— וואָס זשע האָסטו אים נישט געפרעגט פון ארענען?

— מאמע, זיי רעדן דען א סאך? טאָמיד האָבן זיי קיין צייט נישט. האָסט דאָך געזען, ווי ער האָט געקוקט אפן זייגער. קום, יאָסל. און איר מאכט דאָ א פּלאַץ, ווו דער טאטע זאָל זיך קענען אנידערלייגן.

א גוטע שאָ זיינען מיר געשטאנען און געוואַרט, ביזוואנען מיר האָבן דערזען פונדערוויטנס באַרג־אַראָפּ שפּרינגען דעם טאטן אף איין פוס, אָנהאַלטנדיק זיך אף צוויי שטעקנס. איך וואָלט געפלויגן אקעגן, נאָר די גרענעץ טאָר מען נישט אריבערגיין. א ייד מעג נאָר טרעטן דאָרט, ווו אים איז דערלויבט, ביפראַט נאָך, אז דאָ אקעגן איז די זשאַנדאַרמעריע.

— טאטע! — גיבן מיר ביידע א געשריי, ווען ער קומט צו צו אונדז.

איך נעם אין איין האַנט ביידע שטעקנס, מיט דער צווייטער נעם איך אָן דעם טאטן פון איין זייט, יאָסל פון דער צווייטער, און מיר גייען פּאַוואָליע אהיים.

בא דער שטוב זיינען אַלע שכיינים ארויסגעלאָפן קוקן, ווי מיר פירן דעם טאטן. די מאמע מיט עסטערן זיינען אויך אקעגן געקומען.

— ווייַן נישט, פרומע, — זאָגט דער טאטע צו דער מאמען, — איך לעב דאָך נאָך, וועסט נאָך צייט האָבן צו וויינען, ווען איך וועל שטאַרבן, נאָר זיי אפּצולאַכעס וועל איך לעבן.

מיר פירן אריַין דעם טאטן אין קליינעם צימערל, ווו ארן האָט געמאכט א גרויסע לייַצע, און לייגן אים דאָרט אנידער.

ניט געדרופּענערהייט גייט אריַין דער דאָקטער.

— איך האָב געזען, ווי איר האָט געפירט אייַער פאָטער, בין איך געקומען.

— דאָקטער, מיר האָבן נישט צו באַצאָלן פאַרן פאַריקן מאָל...

— איר האָט דען מיך גערופן? איך בין דאָך אליין געקומען. אנו, וויַיזט דעם פוס.

ער קוקט אָן דעם גיפּס.

— איצט וועט איר גיין גלייַך, — זאָגט ער צו דעם טאטן, — איך האָב דאָך נישט געהאַט מיט וואָס צו מאכן אזא גיפּס, און די ווונדן, איר זעט, די ווונדן פאַרהיילן זיך שוין אויך. איר האָט א געפּונענעם מאָן, — ווענדט ער זיך צו דער מאמען, — איצט זאָל ער נאָר ליגן רויק. איך וועל אליין קומען אראָפּנעמען דעם גיפּס.

— א גוטער מענטש, דער דאָקטער לאזארקעוויטש, א סאך מענטשן האָט ער אָפּגעראַטעוועט פונעם טויט.

שפּעט אין דער נאכט איז געקומען ארן.

— ביסט שוין דאָ, מייַן זון, — גיט אים דער טאטע אָפּ שאָלעם. — דו נעמסט נעקאָמע פאַר מיר. איך ווייס אַלעס. אין גאָספּיטאַל האָט מען מיר געבראַכט גוט עסן, צוויי מאָל אין טאָג. אַלע, וואָס זיַינען געקומען צו מיר, קענען דיך. אפילע דער דאָקטער, וואָס טראָגט א דייַטשישע פאָרמע, נאָר רעדט אוקראַיִניש, האָט דיך געלויבט. איר ווייסט דען, וואָס ער האָט געטאָן פאַר מיר?

— דאָס איז א דאָקטער, ארן, — פרעג איך, — אָט דער, וואָס איז געווען דאָ?

— ווען איז ער געווען נאָכאמאָל?

— היַינט, ער איז געקומען זאָגן, אז מע שרייַבט אויס דעם טאטן.

— יאָ, ער האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט קומען זאָגן, האָט ער געהאַלטן וואָרט.

די מאמע נעמט ארום ארענען, קוקט אף זייַן אָפּגעברענט פּאָנעם און וויינט שטילערהייט.

איך האָב שוין אפילע פאַרגעסן, צי איך בין א באַלמעלאָכע, איך האָב נאָר געטראַכט, ווען וועט ווערן א ביסל פאַרפרוירן, מיר זאָלן קענען גיין אין וואַלד אריַין ברענגען א פּאָר בינטלעך האָלץ און פאַרקויפן.

פון אלע פארדינסטן האָבן מיר זיך קאם דורכגעלעבט. עס איז אפילע אויסגעקומען אייניקע טעג צו הונגערן אויך.

אין א טאָג פאָרט צו א בריטשקע גלײַך צו דער שטוב. עס קריכן אראָפּ דרײַ מענטשן און גייען גלײַך ארײַן צו אונדז. מיר קוקן זיך אלע איבער, ווער זײַנען זיי?

— דאָ וווינט דער קירזשנער? — פרעגט איינער מיט גרויסע פארדרייטע וואָנצעס, וואָס גייט זייער גוט אָנגעטאָן.

— ער וווינט שוין נישט דאָ. ער האָט זיך ארויסגעפירט פונדאנען, — זאָג איך. — מיר וויסן אפילע נישט וווּהין.

— דו האָסט דאָך מיר געמאכט דאָס היטל, וואָס זשע זאָגסטו, אז דו ווייסט נישט, — רוקט זיך ארויס פאָרנט דער באקאנטער פויער און נעמט אראָפּ דאָס היטל. — דו דער־קענסט מיך נישט?

— יאָ, איך דערקען דיך, אָבער איך בין נישט... — הייב איך אָן דרייען מיט דער צונג.

— וואָס האָסטו מוירע? — זאָגט דער מיט די וואָנצעס, — קום, זעץ זיך אויף.

עס ציטערן מיר די פיס, איך ווייס נישט, ווער זיי זײַנען און וווּהין זיי ווילן מיך פירן. זיי גייען ארויס, זעצן זיך אויף פאָרנט אפן זיץ.

— נו, קריך ארויף פון הינטן, וואָס שטייסטו?

איך זעץ זיך אויף.

מיר פאָרן ארויס פונעם לאגער אין דאָרף. בא א שיין שטיבל, געדעקט מיט רויטן טשערעפּ, ריין ארומגעווײַסט, שטעלן מיר זיך אָפּ.

— קום ארײַן אין שטוב, — זאָגט מיר אלץ דער מיט די וואָנצעס.

א ברירע האָב איך. איך גיי ארײַן.

— דו ווייסט, ווער איך בין? — פרעגט ער.

— ניין, פונוואנען זאָל איך וויסן?

— איך בין דער סטאראָסטע פונעם גאנצן ראיאָן אָבאָדאָווקע. איך האָב דיך גע־בראכט אהער, זאָלסט מיר מאכן דרײַ אושאנקעס.

— זייער אָנגענעם, נאָר איך...

— וואָס „איך”, וואָס פּלאָנטערסטו מיט דער צונג? האָב נישט קיין מוירע. וואַרט, וועל איך דיר געבן פון וואָס.

איך וויל אים נאָכאמאָל זאָגן, אז איך קען נישט מאכן, נישט איך בין דער באלמעלאָכע. ער לאָזט מיך נישט אויסרעדן. די פרוי ברענגט ארײַן א פאָר געוואנטענע שווארצע הויזן אין א גרויסע גרויע ציגייקע.

— פון דעם געוואנט וועסטו מאכן דאָס אייבערשטע, ארום וועסטו געבן די ציגייקע. וואָס נאָך דארף מען?

איך שטיי און שווײַג, איך וואָלט אים געזאָגט, ווייס איך נישט.

— וואָס שווײַגסטו?

— אונטערשלאק, וואטין דארף מען דאָך, וואָס שטייסטו ווי א טאם? זאָג, עס וועט ארויס דרײַ אושאנקעס?

— עס וועט ארויס, — זאָג איך שטיל צווישן די ציין.

— אָט אזוי רעד.

איך וואָלט גערעדט, טראכט איך בא זיך, אָבער איך ווייס נישט, צי צוויי צי דרײַ. איך ווייס גאָרנישט. איך האָב עס קיינמאָל אפילע נישט געזען.

ער וויקלט צונויף די הויזן מיט דער ציגייקע, זײַן פרוי ברענגט ארײַן קלאָטשע אָנ־שטאָט וואטין, זי ברענגט ארײַן א שטיק אונטערשלאק.

— דאָס וועט זײַן גוט?

— יאָ, עס וועט זײַן גוט, — זאָג איך, נאָר טראכטן טראכט איך, וואָס טוט מען, וויאזוי פּטערט מען זיך פון דעם אלעמען.

— וואָס נאָך זאָל איך דיר געבן?

— גאָרנישט. איך דאַרף מער גאָרנישט. — איך מיין, ער וויל מיר נאָך געבן עפּעס אַרבעט.

— א זאַק האָסטו?

— ניין.

— ברענג אַריין א זאַק, — זאָגט ער צו זיין פרוי און פירט מיך אַריין אין א צימער, ווו ער האַלט פּראָדוקטן.

— האַלט דעם זאַק, — און ער שיט מיר אָן א האַלבן זאַק מעל, לייגט מיר אַריין א טאָרבעלע גרויפּן, א שטיק סאַלע פון א קילאָגראַם און א ביסל געטריקנטע פרוכטן.

— איך וואָלט דיר געגעבן נאָך, נאָר דו וועסט נישט קענען דערטראָגן.

— גיב מיר א פּאַפּירל, — זאָג איך אים, — אז איך גיי פון דיר. מע קען מיך באַגעגענען אין דאָרף, און איך זאָל האָבן דאָס, וואָס מיין פאָטער, ער ליגט אין גיפּס איצט.

— יאָ, מיר ווייסן פון דעם. קאָזטון, קאָזטון, — זאָגט ער, און גיט א זיפץ, — אַזוי, דאָס איז דיין פאָטער... — ער זעצט זיך אַוועק און שרייבט מיר אָן א שטיקל פּאַפּיר אויף אוקראַיִניש. — נו, — זאָגט ער, — גיי, אז דו וועסט פּאַרטיק מאַכן די היטלען און וועסט זיי אָפּברענגען, וועל איך דיר נאָך עפּעס געבן.

איך נעם דעם זאַק אויף די פּלייצעס. איך גיי פּאַוואָליע איבערן דאָרף און טראַכט, עס זאָל מיך כאָטש ניט באַגעגענען קיין זשאַנדאַר, דאָס פּאַפּירל איז דאָך אָנגעשריבן אויף אוקראַיִניש, און זיי קענען נישט קיין אוקראַיִניש. נו, און אז דער טאַטע האָט געהאַט א פּאַפּירל אויף רומעניש אָנגעשריבן, האָט קאָזטון עס נישט געקענט צערייסן? אפילו עס נישט אָנגעקוקט. אַזויפיל פּראָדוקטן האָט מיר דער סטאַראָסטע אָנגעגעבן. פאַר דעם, וואָס עס איז ווערט, קען מען קויפן דריי ניט אושאַנקעס, נאָר פאַשעט עס איז נישטאָ ווו צו קויפן.

עס שרעקט מיך דער געדאַנק, אז מיר דאַרפן מאַכן דריי היטלען און ניט איך, ניט עסטער ווייסן ביידע אפילו נישט, וויאַזוי עפּעס אָנצוהייבן, יאָ, טראַכט איך צו זיך, גייענדיק אויפן וועג מיטן שווערן זאַק אויף די פּלייצעס, מיר האָבן דאָך אפילו נישט קיין לעקאַלעס זיי צוצושניידן, וואָס טוט מען? איך וואָלט אים מוחל געווען אַלעס. נאָר דאָ דערמאָן איך זיך אין טאַטן, ווי ער ליגט אין גיפּס, און ער מוז עסן עפּעס פעטס, נישט קיין הוילע קאַרטאָפליעס. וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין. וויאַזוי זעט מען זיך שוין איינדערהיים. איך פאַרבייג אויף דעם וועג, וואָס פירט דורך די הינטערגערטנער, דורך דער ריטשקע.

— ווו איז מיין עסטער? — פרעג איך דעם כאַזנס ווייב, ווען איך קוק זיך אַרום אין שטוב.

— אוי, איר זענט דאָ, — זאָגט די אַלטע, — מיר האָבן אַלע געהאַט אַזוינע צאָרעס פון אייך. ווּהין האָט מען אייך פאַרנומען?

— ענטפערט מיר קודעם, ווו איז עסטער, וועל איך אייך אַלעס דערציילן.

— עסטער איז דאָ שיר פון די געדאַנקען נישט אַראָפּ.

— ווו זשע איז זי?

— זי שטייט בא דער בריק און וואַרט אויף אייך. איר האָט זי נישט באַגעגנט?

איך שטעל אַוועק דעם זאַק אין א זייט, ווישׁ זיך אָפּ דעם שווייס און לויף צו דער בריק. עסטער שטייט בא דער גרענעץ, וואָס ווייטער טאָרן קיין ייִדן נישט גיין, און קוקט אויפן וועג, וואָס פירט אין דאָרף אַריין.

— עסטער!

זי גיט זיך א וואָרף צו מיר.

— מוישע, פונוואַנען האָסטו זיך גענומען? איך שטיי שוין זייער לאַנג דאָ. ווּהין האָבן זיי דיך גענומען?

— קום, דו ביסט שוין איבערגעפרוירן, קום, וועל איך דיר דערציילן. איך ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן, צי עס איז א גליק, צי אַן אומגליק.

— וואָס איז געשען?

— עס איז גאָרנישט געשען, עס דאַרף ערשט געשען, — און איך דערצייל איר אַלעס.

— און דו האָסט זיך אונטערגענומען מאַכן אושאַנקעס?

— א ברייזע האָב איך געהאַט, ער האָט מיך אַפילו נישט געלאָזט אויסרעדן, אַז נישט איך בין דער באַלמעלאָכע.

עסטער ווערט ווײַס אויפן פּנים.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? — זאָג איך. — איך וועל מיר געבן אַן אייצע.

— וואָס פאַר אַן אייצע וועסטו דיר געבן?

אַזוי רעדנדיק, גייען מיר אַרײַן אין שטוב. איך בינד אויף דעם זאַק.

עסטער דערזעט דעם זאַק, פּרוּווט זיך אים אויפהייבן.

— און דאָס האָסטו געטראָגן אויף זיך? פּונעם דאַרף אַן?

— איך וואָלט עס שוין צוריק געטראָגן, ווען ער לאָזט מיך צורו. קוק, אָט פון די הויזן דאַרפן מיר מאַכן דאָס אייבערשטע, פון דער ציגייקע דעם אַרום, און דאָס איז פאַר־קלאַדקע, קלאַטשע.

— וואָס ווײַזטו מיר? איך האָב גענייט קליידלעך אינדערהיים, נישט קיין אושאַנקעס, אַ פּאַשעט היטל האָבן מיר נאָך געזען, וויאַזוי מע מאַכט עס, אָבער אַן אושאַנקע?

איך הייב אָן אַרויסלייגן אויפן טיש די פּראָדוקטן, וואָס דער סטאַראָסטע האָט מיר מיטגעגעבן.

— אַ גאַנץ פאַרמעגן, — גיט עסטער אַ זיפץ. — אָבער וואָס טוט מען?

— איר האָט געדאַרפט אַראָפּנעמען די לעקאַלעס, איבערצייכענען, ווען זיי זײַנען גע־האַנגען אויף דער וואַנט, — מישט זיך אַרײַן דער אַלטער שלוימע.

— צו וואָס האָבן מיר זיי דאַן געדאַרפט? וואָס זשע, איך קאָן נייען?

— איך האָב מוירע, — פירט ווײַטער זײַן געדאַנק שלוימע, — אַז איר וועט האָבן צאָרעס מיט דעם סטאַראָסטע. אויב איר וועט אים נישט מאַכן די אַרבעט, וועט ער זאָגן, אַז איר ווילט נישט מאַכן. ווייסט, וואָס פאַר אַ רוצח ער איז?..

— לאָז אַלעס אַזוי שטיין, — זאָג איך עסטערן, — קום אַרײַן צום טאַטן.

איך דערצײל דעם טאַטן, וואָס מיט מיר איז געשען.

— מע מיינט, אַז איך בין אַ קירזשנער... וואָס טוט מען?

דער טאַטע האָט גאָר לאַנג נישט געטראַכט.

— איך וועל דיר געבן אַן אייצע. אין לאַגער דאַרף זײַן אַ קירזשנער, גיב אים אַוועק האַלב פּראָדוקטן, זאָל ער זיי מאַכן די היטלען, דו וועסט זיי אָפּטראָגן און ווער פּאַרטיק מיט דעם.

איך זאָג עסטערן, זי זאָל אָפּקאָכן פאַר די אַלטע אַ קאַשע מיט שמאַלץ. זיי זאָלן אָבער נישט וויסן, אַז עס איז טרייפע און אַליין גיי איך זוכן אַ באַלמעלאָכע.

נאָך אַ צוויי שאָ קום איך צוריק.

— נו? — פרעגט דער טאַטע.

— איך האָב געטראָפן אַ טשערנאָוויצער, אַ גוטן קירזשנער, נאָר...

— וואָס נאָר?

— נאָר ער וויל זיך נישט אונטערנעמען מאַכן, ער ווייסט נישט וויאַזוי. אין טשערנאָ־וויץ, — זאָגט ער, — האָט מען קיין אושאַנקעס נישט געטראָגן.

אין שטוב גיט מיר עסטער אָפּצועסן. אינמיטן עסן קומט מיר אויף אַ געדאַנק.

— וואַרט אויס, עסטער, — זאָג איך איר, — איך קום באַלד. — און איבערלאָזנדיק דאָס עסן, גיי איך אַרײַן צו פּיניע סטאָליער.

— זאָגט מיר, באַלעבאָס...

— וואָס פאַר אַ באַלעבאָס בין איך איצט, זעט נאָר, וואָס די פאַשיסטן האָבן געמאַכט פון אונדז.

— די שטוב איז דאָך אײַערע, זענט איר דער באַלעבאָס. זאָגט מיר, באַלעבאָס, איר האָט אַן אושאַנקע?

— איך האָב ערגעץ אַן אַלטע אושאַנקע. צו וואָס טויג זי אײַך?

— איך וויל זי אײַך מאַכן אַ נײַע.

— וואָס זשע, איר זענט דען אַ קירזשנער?

— עפּעס קען איך א ביסל, איך וויל זיך פאַרנעמען די צײַט, עס נודיעט מיך צו זיצן לײדיק.

ער זוכט עפּעס אין א קאַסטן, געפינט די אושאַנקע.

— נאָט אײַך, איך דאַרף זי סײַווי נישט האָבן, נאָר אויב איר קענט נאָך עפּעס מאַכן פון איר...

איך קום אַרײַן אין שטוב מיט דער אַלטער אושאַנקע אין האַנט.

— וואָס האָסטו שוין ווידער פאַרטראַכט? — פרעגט עסטער.

— ווּ איז דאָס מעסערל?

— וואָס זשע, ווייסט נישט, אַז דער היטלמאַכער האָט עס פאַרנומען מיט זיך, און דאָס שערל אויך, אַלעס, אַלעס.

— ווער האָט פון אײַך א מעסערל? א שערל? — ווענד איך זיך צו די מענטשן פון שטוב.

— איך האָב א קליין שערעלע, — זאָגט די פרוי שיפּטער.

— איר לײַט עס מיר?

— ביטע שיין, נעמט עס, אויב איר וועט קאָנען עפּעס מאַכן דערמיט.

איך צעטרען פּאַוואָליע די אַלטע אושאַנקע. עסטער היצט אָן דאָס פּרעסל אויף דער פּליטע, איך פּרעס אויס יעדער שטיקעלע באַזונדער.

— איצט, עסטער, זוך אויס א פּאַפּיר וועל איך אַראָפּנעמען די לעקאַלעס פון יעדער שטיקעלע.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך וועלן מיר האָבן פון דער אַלטער אושאַנקע א נײַע. דאָס הייסט, מיר וועלן זי איבערניצעווען אויף דער אַנדערער זײַט. דו ניי מיר נאָר צונויף די נעטלעך, מיט דער נאָדל גייט בא מיר זייער שווער. דאָס איבעריקע וועל איך שוין טאָן. איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, ווען איך האָב זי צעטרענט, וויאַזוי מע דאַרף זי צוריק צונויפשטעלן.

אין א צוויי שאָ אַרום איז די אַלטע אושאַנקע געוואָרן א נײַע.

— אויף וואָס וועסטו זי אויספּרעסן?

— באַלד וועל איך געפינען, — איך נעם די אושאַנקע און גיי אַרײַן צו פּיניען.

— איר זעט, וואָס איך האָב געמאַכט, איר וועט זי נאָך קענען טראָגן, נאָר מע דאַרף זי גוט אויספּרעסן, און איך האָב נישט אויף וואָס.

— וואָס זשע דאַרף מען?

— א קלעצל.

— איך האָב נישט.

— איך ווייס, אַז איר האָט נישט, נאָר מע קען מאַכן א קלעצל.

— ווײַזט מיר וויאַזוי, וועל איך אײַך מאַכן א קלעצל.

מיר גייען אַרײַן אין וואַרשטאַט, ווּ ער פלעג אַרבעטן. צווישן די אָנגעוואָרפענע ברעטלעך זוך איך אויס א קײַלעכדיק דריקל, וואָס האָט די גרעב ווי פל א קאָפּ פון א מענטשן.

— שנײַדט מיר אָפּ א שטיקל פון דעם דריקל, פון אויבן דאַרף מען עס פאַרשניצן קײַלעכיק.

צוליב דער אושאַנקע האָט ער מיך געפאָלגט. פאַר עטלעכע מינוט איז פאַרטיק געוואָרן דאָס קלעצל.

אין שטוב צי איך אַרויף אויף דעם די אושאַנקע, פּרעס זי גוט אויס. צוערשט טו איך זי אָן אויף זיך. איך קוק מיך אָן אין א שטיקל צעבראָכענעם שפּיגעלע, וואָס איך האָב געפונען נאָך אויף דער מאַלאַטשנע.

— נו, וואָס זאָגסטו, עסטער? ווען איך האָב פון וואָס, מאַך איך מיר אויך אַן אושאַנקע, עס איז טאַקע גוט וואַרעם אין די אויערן.

— מאַך צוערשט די דרײַ, דערנאָך וועסטו טראַכטן פון זיך.

די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן אושאַנקעס און דער סטאַראָסטע מיט די וואָנצעס.

אינדערפרי קומט אריַין פיניע, קוקט אָן די אושאנקע.

— איך מעג זי שוין נעמען? — פרעגט ער.

— זי דארף נאָך שטיין א פּאָר טעג אפן קלעצל, — זאָג איך אים.

דערוויַיל האָב איך מוירע זי אָפּגעבן אים, טאָמער פארגעס איך וואָס צו טאָן.

אז פּיניע איז אוועקגעגאַן, האָבן מיר מיט עסטערן זיך גענומען צו דער ארבעט. איך האָב צוגעשניטן, עסטער האָט אויסגענייט די נעטלעך. שווער איז מיר געווען צונייען די ציגייקע, דער פינגער האָט מיר שטארק ווײ געטאָן. איך האָב געליטן און געשוויגן. דעם דריטן טאָג פארנאכט זיַינען די אושאנקעס פארטיק געוואָרן.

נאָר דאָס אָפּטראָגן איז נאָך ערגער, ווי דאָס מאכן, עס זאָל מיך כאָטש נישט באגעגענען קיין זשאנדאר אין דאָרף, און די אושאנקעס זאָלן געפעלן דעם סטאראָסטע.

איך וויקל זיי איַין אין דעם שטיק אונטערשלאק, וואָס איז געבליבן, לייג אריַין אין זאק, וואָס ער האָט מיר געהייסן צוריק ברענגען, עסטער פירט מיך אראָפּ ביז צו דער ריטשקע. איך גיי אריבער די ריטשקע אין איַיז־וואסער, וויַיל דורך דער בריק האָב איך מוירע צו גיין.

איך בין שוין געווען גאנץ וויַיט פון יענער זיַיט ריטשקע. איך קוק מיך אום, זי שטייט נאָך אלץ, עסטער. איך מאך מיט דער האנט, זי זאָל שוין גיין אהיים. וואָס נעענטער איך קום צו דעם סטאראָסטעס שטוב, אלץ מערער זעצט מיר אין הארץ.

איך מאך אוף דאָס טירל פונעם פלויט. גיי נאָר אריַין אין הויף, דערהער איך א ראש פון מענטשן אין שטוב. איך בלײַב שטיין, ווייס נישט וואָס צו טאָן. יאָ אריַינגיין, צי נישט אריַינגיין?

דער סטאראָסטע דערהערט האווקען דעם הונט, קומט ער ארויס:

— וואָס שטייסטו דאָ?

— איך האָב געהערט א ראש, וויל איך נישט...

— וואָס ווילסטו נישט? — ער נעמט בא מיר צו דעם זאק און פירט מיך אריַין אין שטוב, וואָס איז פול מיט שיקערע געסט.

— אָ, אָ, זשידאָק פרישאָל[1], — רופט זיך אָן איינער.

— ציטו! — זאָגט דער סטאראָסטע און וויַיזט אים מיט דער האנט, ער זאָל שוויַיגן. און צו מיר: — נו, באוויַיז וואָס דו קענסט.

איך בין אזוי איבערראשט, אז איך הער נישט, וואָס ער זאָגט, איך שטיי ווי פארטאמט. בינדט ער אליין אוף דעם זאק, שלעפּט ארויס דאָס פּעקל, צעוויקלט דעם אונטערשלאק, נעמט ארויס איין אושאנקע, קוקט זי אָן, טוט זי אָן אפן קאָפּ.

— דאָברע. נו, זעסט, איך האָב געוווּסט, אז דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט.

איינער פון די געסט נעמט די איבעריקע אושאנקעס, מעסט אָן און די אושאנקעס הייבן אָן גיין פון האנט צו האנט ארום דעם טיש.

— זעץ זיך צום טיש, בראנפן טרינקסטו?

— ניין, איך טרינק נישט.

איך פיל, אז איך בין שוין שיקער אָן דעם בראנפן. צווישן די געסט דערקען איך צוויי פּאָליציַיען, וואָס פלעגן קומען מיט קאָוואָנעס אין מאַלאָטשנע אריַין ראבעווען.

— זשיד נע פּיע גאָרילקו[2], — צעלאכט זיך אף א קאָל איינער פון די פּאָליציַיען.

— ציטו! — זאָגט ווידער דער סטאראָסטע און וויַיזט אים, ער זאָל זיך אוועקזעצן און שוויַיגן. — נו, — זאָגט ער מיר, — אז דו ווילסט נישט קיין בראנפן, דארף מען נישט.

דער סטאראָסטע פארשטייט, אז איך וויל וואָס גיכער ארויסרוקן זיך פונדאנען.

ער פירט מיך אריַין אין קיך און זאָגט די פרויען, וואָס האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט:

— גיט אים דאָ עסן, איך וועל באלד אריַינקומען.

דערנאָך פירט ער מיך ווידער אריַין אין דעם צימער, ווו ער האלט די פּראָדוקטן.

---

[1] זשידאָק פרישאָל — א יידליק איז געקומען (אוקר.).

[2] זשיד נע פּיע גאָרילקו — דער ייִד טרימקט ניט קיין בראנפן (אוקר.).

— ווּ איז דער זאק? — פרעגט ער.

— ער איז געבליבן דאָרט, ווּ די געסט זײַנען.

— גיי, ברענג אים.

איך וואָלט ניט געוואָלט אַרײַנגיין צו די שיקורים, נאָר איך קען דאָך אים נישט שיקן.

— ווארט אויס, ווארט אויס, וואָס אנטלויפסטו פון אונדז? — שרײַען צו מיר דעם סטאַראָסטעס געסט, ווען כ'נעם דעם זאק און וויל אוועקגיין, — מיר ווילן אויך מאכן אושאנקעס. מיר וועלן קומען צו דיר, וועסט מאכן?

— יאָ, יאָ, קומט.

— דו קוק נישט אף זיי, וואָס זיי רעדן דאָרט, — זאָגט מיר דער סטאַראָסטע, — איך וועל אײַך העלפן. איך ווייס, אז איר הונגערט. אזוי פּאַשעט העלפן האָב איך מוירע, נאָר באצאָלן פאר ארבעט איז עפּעס אנדערש. האלט דעם זאק.

עסטער מיט ארענען האָבן געוואַרט אף מיר לעבן דער ריטשקע.

— זיי זײַנען געפּעלן! די אושאנקעס זײַנען געפּעלן! — שרײַ איך אַריבער צו זיי און טו זיך אויס באָרוועס. מיטן זאק אף די פּלייצעס גיי איך אַרײַן אין אײַז־וואסער.

אַרן נעמט איבער בא מיר דעם זאק.

14. דער צווייטער ווינטער

אין שטוב, ווּ איך מיט עסטערן האָבן געוווינט, איז געווען ראשיק. אף דעם פּלאַץ, וואָס דער היטלמאכער האָט פארנומען, זײַנען געלעגן צווי בינטלעך. צווי נײַע מענטשן, א מאן מיט א פרוי, זײַנען געזעסן באם הרובקעלע און זיך געוואַרעמט, אלע מענטשן אין שטוב האָבן עפּעס געטאָן פאר זייערטוועגן. די פרוי שיפּטער האָט זיי צוגעטראָגן א ביסל ווארעמען סופּ. ראָכל האָט אָפּגעשאָבן די בלאָטע פון זייערע אייבערשטע קליידער. מיר האָבן טייקעף פארשטאנען, די מענטשן דארפן זײַן פון די, וואָס גדאליע האָט געבראכט פון פעטשאָרע. מיט אונדזער אַרײַנקומען, רוקן זיי זיך אָפּ פונעם הרובקעלע.

— מיר שטערן אײַך דאָ? — פרעגט דער מאן דערשראָקן.

— איר שטערט אונדז גאָרנישט, וואַרעמט אײַך, וויפל איר ווילט, איר זענט דאָ שוין צווישן מענטשן, וואָס שרעקט איר זיך אזוי?

— ראָכל, גדאליע איז דאָ?

— יאָ, זיי זײַנען געגאַן צופירן די איבעריקע מענטשן צו זייערע אייגענע.

— ווער „זיי"?

— גדאליע מיט קאַלמענען, זיי וועלן באלד זײַן דאָ. און אָט די מענטשן האָבן דאָ נישט קיינעם, וועלן זיי זײַן דאָ בא אונדז. איך מיין, אז איר האָט נישט קעגן?

— פארקערט, איך וועל נאָך גיין בעטן אין קולטוס־געמיינדע, מע זאָל זיי צושרײַבן.

— מיר האָבן גאָר פארגעסן, — כאפּט זיך דער כאזן רעב שלוימע, — וואָס איז געוואָרן מיט אײַערע אושאנקעס? מיר האָבן אזויפיל צאָרעס זיך אָנגענומען, און איר דערציילט אפילע נישט, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט.

— געענדיקט האָט זיך זייער גוט, זיי זײַנען געפּעלן.

איך בינד אוף דעם זאק, נעם ארויס א פּאַפּיר מיט געבעקס און לייג אנידער אפן טיש.

— דערפאר, וואָס איר האָט אויך געטראָגן אונדזערע צאָרעס, זײַט זיך מעכאבעד. איך האָב פּונקט געטראָפן אהין, ווען עס איז געווען א פולע שטוב מיט געסט.

— און דאָס? — ווײַזט שלוימע מיט דער האנט אפן זאק, — האָט ער אײַך ווידער געגעבן?

— יאָ, פאר דער ארבעט.

— מעלאָכע — מעלוכע, — זאָגט דער כאזן מיט א ניגנדל. — עס איז זייער גוט, אז מע קען עפּעס א מעלאָכע, פון אלע נויטן העלפט עס ארויס.

עס מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומען אַרײַן קאַלמען און גדליע. בײַ דער טונקעלער שײַן פֿונעם קאַנעצל קוק איך אויף גדליען. איך זע אין אים אַ העלד. עפּעס אַ קלײניקײַט, ער גײט אַרום פֿון אײן לאַגער צום אַנדערן, פֿירט צונויף אײגענע, ברענגט בריװ, ראַטעװעט ייִדן פֿון פּעטשאָרער לאַגער. די קירזעװע שטיװל זײַנע זײַנען ביז אַרויף מיט בלאָטע, די װאַטנע הױזן מיט דער פֿופֿײַקע אױך פֿאַרשמירט. אױפֿן קאָפּ טראָגט ער אַן אוקראַיִנישן קאַשקעט, אַ ביסל אָנגערוקט אױף אײן אױער. פֿון דער צװײטער זײַט זעט זיך אַרױס אַ בינטל האָר. דאָס פּאָנעם איז ברױן, אָפּגעבערנט פֿון די װינטן.

ראָכל דערפֿרײט זיך מיט זײ בײדע. קאַלמען און גדליע גײען צו צום טיש, נעמען שטיקלעך געבעקס.

— װאָס פֿאַר אַ יאָמטעװ איז בײַ אײַך הײַנט? — פֿרעגט גדליע. — איך האָב געגעסן געבעקס נאָך פֿאַר דער מילחמה.

— בײַ מיר איז הײַנט אַ יאָמטעװ, — רוף איך זיך אָן, — איך װער אַ באַלמעלאָכע. אַז איר זענט גדליע, װײס איך שױן, איך הײס מױשע. איך װיל אײַך עפּעס פֿרעגן, נאָר איר קערט זײַן מיד פֿונעם װעג?

— ענטפֿערן איז דאָך נישט אַרבעטן, איר מעגט פֿרעגן. איך װעל זיך נאָר אַ ביסל צוטריקענען דאָ בײַם הרובקעלע.

— מיר האָבן, — דערצײל איך אים, — אַ שװעסטער מיט אַ שװאָגער ערגעץ אױך אין די לאַגערן. ער הײסט שײַע, די שװעסטער — ראָזע און זײ האָבן צװײ קינדער, אַ קלײן מײדעלע פֿון אַ דרײַ יאָר און אַ קינד, װאָס די שװעסטער האָט געבױרן אױף די װעגן.

— װוּ האָבן זײ געװױנט פֿאַר דער מילחמה? — פֿרעגט גדליע.

— אין בריטשאָן.

— בריטשאָן, — זאָגט ער און פֿאַרטראַכט זיך. — אײן קאָלאָנע איז געגאַנגען אױף קאָסעװ—יאַמפּאָל, די צװײטע — דורך מאַגיליאָװ־פּאָדאָלסק. אױב זײ זײַנען נישטאָ דאָ אַרום אונדז, דאַרף מען זײ זוכן אין קאַפּײַגאָראָד, אין פּאָפּאָװיץ, אין יענע לאַגערן, הוּ איך בין געװען איצטער, אין פּעטשאָרע, זײַנען נישטאָ קײן בריטשאָנער, איך װעל זײ אײַך אױסזוכן, אױב זײ לעבן... נאָר ביז עס װעט נישט פֿאַרפֿרױרן װערן, קען מען נישט גײן. אױף די אונטערװעגן, װוּ איך גײ מיט די ייִדן, איז גרױסע בלאָטעס, מיר זײַנען געקראָכן בײַנאַכט אין די בלאָטעס, און דער װעג האָט געדױערט צװײ װאָכן. עס װעט נאָר פֿאַרפֿרױרן װערן, גײען מיר ברענגען קאַלמענס פֿרױ מיטן קינד.

בײַ די װערטער װערט ראָכל רױט און גײט אַװעק פֿונעם טישל. אַלע אין שטוב קוקן זיך איבער. נאָר די צװײ פֿריש אָנגעקומענע רוקן זיך אין הרובקעלע אַרײַן, זײ קענען זיך נאָך אַלץ נישט דערװאַרעמען.

מיט גרױס מי איז מיר אָנגעקומען רעגיסטרירן דאָס פּאָרפֿאָלק. אַ פּאָר שאָ האָב איך געדאַרפֿט פֿאַרלירן לעבן דער קולטוס־געמײנדע, און נאָר דורך אַ פּראָטעקציע, דורך מענטשן, װאָס האָבן גוט געקענט מײשע דעם פּרימאַר, האָט זיך דאָס מיר אײַנגעגעבן. די פֿרױ, װאָס האָט זיך אַרױסגעריסן לעבעדיק פֿון פּעטשאָרער לאַגער, האָט געמוזט אַװעקגעבן אירע גאָלדענע אױרינגלעך פֿאַרן צושרײַבן.

װען איך בין אַרײַנגעקומען אין שטוב און זײ געזאָגט, אַז זײ זײַנען שױן צוגעשריבן, האָט דער מאַן מיך אַרומגעכאַפּט קושן.

— געלע צײכנס האָט איר? — פֿרעג איך אים.

— יאָ.

— נײט זײ צו און איר מעגט אַרױסגײן אױף דער גאַס. גאַנצפֿרי נעמט זיך צונױף אַ שטיקל באַזאַר, װעט איר קענען זיך אײַנקױפֿן אױף צו עסן. מיר װעלן אײַך מיטנעמען אין װאַלד אָנצוהאַקן האָלץ. פֿאַרגעסט אין פּעטשאָרע, דאָ, אױב איר װעט זיך נאָר נישט אָפּלאָזן, װעט איר נישט פֿאַרפֿאַלן װערן.

בײַנאַכט האָבן די קלײנע פֿרעסטלעך פֿאַרצױגן די בלאָטעס. אין שטוב איז געװאָרן קאַלט. אַרן איז אַרײַנגעקומען צונױפֿגערעדן זיך, אַז פֿאַרטאָג זאָלן מיר גײן אין װאַלד אַרײַן.

— איר ווילט גיין אין וואלד? — פרעגט ראָכל, — קאלמען האָט געבעטן, אויב איר וועט גיין, זאָלט איר אים און גדאליען אויך רופן.

— נו, אויב גדאליע מיט קאלמענען ווילן אויך גיין, — ענטפער איך, — גיי איך זיי רופן, זאָגט מיר נאָר, ווו זיי ווינען?

דעם גאנצן וועג ביז אינעם וואלד האָט גדאליע אונדז דערציילט, אין וואָס פאר א לאגערן ער איז געווען און וואָס ער האָט געזען.

— איר האָט נישט מורא ארומצוגיין אף די וועגן? — פרעג איך.

— ערשטנס, דערקענט מען מיך נישט, צי איך בין א ייִד, און, צווייטנס, פון זינט איך האָב פארלוירן מײַן גאנצע מישפּאָכע, האַלט איך מיך נישט אף קיין פּלאַץ. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז ערגעץ וועל איך באגעגענען עמעצן פון מײַנע אייגענע. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אז אלע זאָלן געווען אויסשטארבן.

לייב פרעגט גדאליען, ווען ער טראכט ווידער זיך לאָזן אין וועג.

— עפשער ווילסטו אויך גיין? מיט מיר וועסטו נישט פארבלאָנדזשעט ווערן, אומעטום האָב איך באקאנטע פויערים, ווו מע קען איבערנעכטיקן און אָפּעסן אויך.

— איך וואָלט געגאַן, — זאָגט לייב, — אויב איר וועט מיך נאָר מיטנעמען.

— פארוואָס ניט, דו גייסט דאָך אף דײַנע פיס, און אז וועסט נישט געפינען דײַן שוועסטער, וועסטו ארויסראטעווען אנדערע ייִדן.

— שטייט, ווער זענט איר, — הערט זיך א קאָל פונעם וואלד.

מיר בלײַבן אלע שטיין דערשראָקן. פאראיאָרן ווינטער האָט אונדז קיינער דאָ נישט אָפּגעשטעלט.

— מיר זײַנען ייִדן, מיר ווילן נעמען האָלץ.

— קומט צו.

דער, וואָס האָט אונדז אָפּגעשטעלט, מיטן אווטאָמאט פאר זיך, איבערצײַגט זיך, אז מיר זײַנען ייִדן, זאָגט ער:

— נעמט אײַך האָלץ, נאָר ווײַט אין וואלד דארפט איר נישט גיין. אהיימגיין זאָלט איר שטיל. דאָ האָט איר קיינעם נישט געזען.

פארן אוועקגיין פונעם וואלד, מיר האָבן שוין אופגעהויבן די בינטלעך אף די פּלייצעס, הערן מיר ווידער דאָס זעלבע קאָל. דער זעלבער וועכטער קומט ווידער צו.

— אז איר וועט נאָך דארפן נעמען האָלץ, זאָלט איר גיין אין וואלד פון יענער זײַט וועג און נישט אזויפיל מענטשן צוזאמען, גלײַכער צו צווײ—דרײַ.

ער פירט אונדז נאָך אָפּ א שטיקל וועג און קערט זיך אום.

— גדאליע, — פרעג איך, — איר גייט טאָמיד אף די וועגן, איר האָט ערגעץ באַגעגנט פּארטיזאנער?

— ביז אהער האָב איך אין ערגעץ זיי נישט באגעגנט, אין יענע ראיאָנען זײַנען נישטאָ אזעלכע וועלדער, ווי דאָ, נאָר געהערט וועגן פּארטיזאנער האָב איך. אין אלע דערפער, ווו איך האָב גענעכטיקט, אומעטום רעדט מען פון זיי, הייסט עס, אז זיי טוען זייער זאַך.

— געפונען א פּלאַץ, ווו צו רעדן פון אזוינע זאכן, — זאָגט ארן. — מיר גייען ארײַן אין דאָרף, גייט שטיל, און ביכלאַל רעדט וויניקער... איר טראָגט, דאכט זיך, האָלץ, גייט און שווײַגט...

פארטאָג איז ארן אוועקגעגאַן. פארן אוועקגיין האָט ער געזאָגט דעם טאַטן, אז אזוי גיך וועט ער נישט קומען אהיים, זאָל ער אײַנשטילן די מאמע, זי זאָל נישט וויינען, און זאָל ער אין ערגעץ נישט דערמאָנען, אז ער, ארן, איז נישטאָ.

דער גוטער דאָקטער לאזארקעוויטש האָט אראָפּגענומען דעם גיפּס פונעם טאַטנס פוס. צוביסלעך האָט דער טאַטע אָנגעהויבן גיין.

די פרעסט זײַנען געוואָרן שטארקער. די בלאָטע איז גוט פארפרוירן געוואָרן, גדאליע, קאלמען און לייב זײַנען אוועקגעגאַן קיין פּעטשאָרע.

די מאמע האָט אָנגעהויבן לעבן מיט א האָפענונג, עפשער וועט מען ברענגען א גרוס פון ראָזען.

ראָכל האָט זיך קיין פּלאַץ ניט געקענט געפינען, זי האָט נישט גערעדט, גלײַך מיט אירע אייגענע, אַלע זײַנען איר געווען שולדיק, וואָס קאַלמען איז געגאַן ברענגען זײַן פרוי און דאָס קינד. אײַנגעשטילט האָט זי זיך דעמלט, ווען איר פאָטער, דער כאַזן, איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן. נאָך צוויי טעג איז רעב שלוימע געשטאָרבן. באַגראָבן האָבן מיר אים באַזונדער אין אַ קייווער, נישט ווײַט פון די מאַסן־גריבער לעבן דער שטיינערנער־וואַנט. איך האָב מיט אַ מעסערל אויסגעקריצט אַף אַ שטיין זײַן נאָמען — שלוימע גרינמאַן. די מאַסן־גריבער זײַנען געווען פאַרשיט מיט אַ סאַך ערד און אינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט אָפּגעטריקנטע גראָזן. איך בין צוגעגאַן צו די פיר גרויסע גריבער, געקוקט אַף די אַרקאַדיעס פון יענער מילכאָמע, און אַף די גרויסע בערג ערד, וואָס האָבן צוגעדעקט אַזויפיל ייִדן. קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן די צאָל פון זיי, וויפל הונדערטער צי טויזנטער, פאַרמוטשעטע פון הונגער און פון קעלט, ליגן דאָ. זייערע נעמען האָט אַפילע נישט ווער צו דערמאָנען.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זײַן דאָרט, באַ די קדושים פון ביידע מילכאָמעס. פײַגעס מאַן, וואָס איז געווען קראַנק נאָך פון דער מאַלאַטשנע, איז אויך געשטאָרבן. לעבן דער וואַנט, ווו זײַן שווער איז געלעגן, איז שוין געווען נאָך עטלעכע פרישע, איינצלנע קוואָרים. פײַגעס מאַן האָבן מיר געלייגט אַ ביסל ווײַטער פון דער וואַנט, דאָרט, ווו עס איז געווען אַ סאַך קליינע בערגעלעך ערד אָן אַ סימען, אַז עמעצער איז דאָ באַהאַלטן. ווי גלײַך די מענטשן זײַנען קיינמאָל אַף דער וועלט נישט געווען.

דאָס פאַרפאַלק, וואָס איז געקומען פון פעטשאָרע, האָט דאָ געפונען אייגענע און אַוועקגעגאַן צו זיי. אין צימער באַ אונדז איז געוואָרן גערעם, פּוסט. די אַלטע עסטער האָט זיך שוין מער נישט געמישט צו קיינעם. זי מיט ביידע טעכטער זײַנען אָפּגעזעסן שיווע. יעדערער איז געווען פאַרטאָן מיט זײַנע געדאַנקען.

די פאַליציײַען האָבן געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן מיך אָפּגעזוכט און געבראַכט מאַכן אושאַנקעס. איך האָב נאָך געמוזט קויפן באַוועלעך פאַר זייערטוועגן, וואָס דאָס איז דעמלט געווען זייער שווער. זיי האָבן אָפּגענומען די אושאַנקעס, אַפילע קיין דאַנק נישט געזאָגט.

— מיר וועלן מיט דיר זיך צערעכענען, אַז מיר וועלן דיך טרעפן ערגעץ אין דאָרף, — אַזוי האָבן זיי געזאָגט, שפּאַסנדיק.

איך האָב גוט געקענט די מערדער נאָך פון דער מאַלאַטשנע. טאָמיד זײַנען זיי געגאַן צוזאַמען מיט די זשאַנדאַרן ראַבעווען. נאָר דערפאַר אָבער האָבן זיי מיר געמאַכט אַ נאָמען איבערן דאָרף, דעם גאַנצן ווינטער האָב איך געהאַט אַרבעט. און אַפילע מאַרקן און פּראָדוקטן אויך, האָבן מיר טאָמיד נאָך געקענט העלפן אַנדערע, וואָס האָבן געהונגערט. פאַר די מאַרקן האָבן מיר זיך געקויפט אָנצוטאָן, מיר זײַנען אַלע געווען אָפּגעריסן און באָרוועס.

שפּעטער האָב איך צעטרענט מײַן אַלט היטל, אַראָפּגענומען די לעקאַלעס און זיך אויסגעלערנט מאַכן אַ היטל אַף זומער. איצט האָט שוין עסטער מיר געהאָלפן, נישט איך איר. דאָס לעבן אין לאַגער איז זיך געגאַן זײַן וועג. ווען עס איז אָנגעקומען גרינגער, ווען שווערער. נאָר אַ קלענער טייל, יענע, פון דער קולטוס־געמיינדע, און די ייִדישע פאַליציײַען האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט גאָרנישט און געזוכט צו מאַכן זיך פאַרמעגלעך. זיי האָבן גוט געגעסן, געגאַן גוט אָנגעטאָן. זיי האָבן נאָר געזוכט גאָלד און גאָלד. ווער עס האָט נאָך געהאַט עפּעס צו פאַרקויפן, האָט געמוזט אָנקומען צו זיי. און זיי האָבן איבערפאַרקויפט די זשאַנדאַרן. זייערע מישפּאָכעס האָט מען קיינמאָל נישט געשלעפּט אַף אַרבעט. בלויז דאָס, וואָס זיי האָבן געמוזט טראָגן דעם געלן צייכן, האָט זיי דערמאָנט, אַז זיי זײַנען אויך ייִדן. די מערהײַט ייִדן האָט זייער שווער איבערגעלעבט דעם צווייטן ווינטער. עמעס, געשטאָרבן זײַנען דאָ נאָר איינצלנע מענטשן, אָבער די מוירע פאַרן מאָרגן האָט אונדז ניט פאַרלאָזט די גאַנצע צײַט.

— וואָס קאָכסטו אַזויפיל עסן, מאַמע? — פרעג איך. — מיר זײַנען דאָך שוין נישט הונגעריק אַזוי, ווי פריִער, אַרן איז אויך נישטאָ.

— הערסט, מוישעלע, — גיט די מאַמע אַ גרינגן שמייכל, — פאָלג מיך אַ גאַנג, וועסטו זען, צוליב וואָס איך קאָך אַזויפיל עסן.

— ווּהין דאַרף איך גיין, מאַמע?

— דו ווייסט, ווו דער אַלטער שויכעט פון אַבאַדאַווקע וווינט?

— יאָ.

— דאָרט, אין קאָרידאָרל, אין דער קעלט וווינען צוויי קינדער — א ברודערל מיט א שוועסטערל, ער הייסט הערשעלע, און זי הייסט טײַבעלע, ברענג זיי מיר אַהער.

די קינדער האָבן טייקעף געוווּסט, וועמ עס רופט זיי, און אַן שום צווייפלען גייען זיי מיט מיר. די מאַמע האָט אָנגעגאָסן פאַר זיי אין ערדענע שיסל פול מיט סופּ און אוועקגע־שטעלט א טעלער קאַשע. וויפל די קינדער האָבן געגעסן, איז די מאַמע געשטאַנען און גע־קוקט אף זיי מיט א צופרידן פּאָנעם.

— קומט מאָרגן אויך, קינדער.

— מיר וועלן קומען, מיר וועלן קומען.

— ווו האָסטו זיי אויסגעזוכט — פרעג איך די מאַמע.

— הונגעריקע קינדער דאַרף מען קיין סאך נישט זוכן. איך בין געווען בא דער שויכעטקע, האָב איך דערזען די קינדער, ווי זיי מוטשען זיך. שוין עטלעכע טעג, אַז זיי עסן בא מיר. איך וואַרט, אַז ארעלע זאָל קומען, וועט ער זיי מאַכן א פּלאַץ דאָ לעבן אונדז, וועל איך זיי איבערנעמען צו זיך.

דאָס ביסל קאַשע, וואָס איז נאָך געבליבן, לייגט די מאַמע אַרײַן אין א טעלער, וויקלט אים אײַן אין א האַנטעכל.

— און וועמען איז דאָס?

— נעם, יאָסעלע, טראָג עס אַרײַן, דו ווייסט שוין וווּהין. אין דעם זכות וועט ארעלע קומען געזונט און לייב וועט מיר ברענגען א לעבעדיקן גרוס פון מײַן טאַכטער. — און באַלד הייבט די מאַמע אָן וויינען.

— ביסט ערשט געווען אַזוי צופרידן, מאַמע, אַז האָסט אפילו געגעבן א לאַך, און שוין ווײנסטו...

— איך וויין דען, עס וויינט זיך אַליין.

לייב, קאַלמען און גדאַליע זײַנען אָנגעקומען פאַרטאָג. קאַלמען האָט געבראַכט זײַן פרוי מיטן קינד און נאָך א פאַמיליע. לייב מיט גדאַליען האָבן געבראַכט א צוועלף ייִדן. צוערשט האָט מען זיי אַרײַנגעפירט אין דער שטוב, ווו די מאַמע האָט געוווינט, און דערנאָך זיי אָפּגעפירט צו זייערע אייגענע.

אין ביידע לאַגערן, ווו גדאַליע און לייב זײַנען געווען, האָט לייב זיך גאָרנישט געקענט דערוויסן פון אונדזער שוועסטער.

ארן איז געקומען די אַנדערע נאַכט. ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען עס האָבן זיך געגעבן א טרייסל די ווענט פון אַן אופּרײַס. מיר זײַנען אַלע אַרויס אין דרויסן הערן, וואָס עס האָט זיך דאָרט געטראָפן. נאָר איין ארן האָט זיך גיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן.

עס זײַנען באַלד אָנגעלאָפן זשאַנדאַרן און אַרײַנגעטריבן אַלעמען צוריק אין די שטי־בער. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך נישט געקענט דערוויסן, וואָס איז געשען. און ארן איז זיך געשלאָפן רויִק, גלײַך ווי עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען, אופוועקן אים און פרעגן, צי ווייסט ער עפּעס וועגן דעם אופּרײַס, האָט קיינער פון אונדז נישט געוואַגט.

אינדערפרי האָט דער גאַנצער לאַגער געראַשט, אף יעדנס פּאָנעם איז געלעגן שרעק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַנאַכט האָט מען אופגעריסן די שטוב, ווו עס האָט געוווינט דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק, וואָס האָט נישט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן וווינען נאָענט פון אים.

יאָ, טראַכט איך בא זיך, עס האָט זיך אָנגעהויבן, דער אופּרײַס אין דער נאַכט איז געווען א רוף צו נעקאָמע. ארן שלאָפט און וועט מיסטאם שלאָפן דעם גאַנצן טאָג. געבענטשט זאָלן זײַן די, וואָס קענען נעמען נעקאָמע.

אין לאַגער איז געוואָרן שטאַרק שטרענג. נאָך אין דעם טאָג האָט מען אַרויסגעהאַנגען אף די ווענט א באַפעל, אַז קיין איין ייִד זאָל נישט וואַגן אַרויסגיין פונעם לאַגער. יעדערער, וואָס וועט אַרויסגיין, וועט ווערן דערשאָסן.

דעם אַנדערן טאָג א נײַער באַפעל:

— אַלע ייִדן דאַרפֿן זיך צונויפֿקומען צו דער קולטוס־געמיינדע. מע וועט מאַכן אַן אַפּעל, ווער עס פֿעלט.

די ייִדישע פּאָליצײַען זײַנען אַרומגעלאָפֿן און אַרויסגעטריבן אַלעמען פֿון די שטיבער, יונג און אַלט, אַלע — צו דער קולטוס־געמיינדע.

בײַ דער קולטוס־געמיינדע איז געשטאַנען איינער אַ העכערער טשין, עטלעכע זשאַנדאַרן, מוישעלע פּרימאַר, רעסלער און ווינדיש. ווינדיש איז געשטאַנען מיט אַ בוך, און יעדערער, וועמען ער האָט אויסגערופֿן, האָט געדאַרפֿט איבערגיין אין דער אַנדערער זײַט. די זשאַנדאַרן האָבן אָנגעקוקט יעדן באַזונדער.

נאָכדעם האָט דער עלטסטער געזאָגט:

— ווער פֿון אײַך עס וועט האָבן אַ שײַכעס מיט די פּאַרטיזאַנער, אָדער וועט פּרוּוון זיי העלפֿן אַפֿילו מיט אַ קלייניקייט, וועט ער און די גאַנצע מישפּאָכע זײַנע דערשאָסן ווערן, דאָ, פֿאַר דער קולטוס־געמיינדע.

בײַם דעם אַפּעל האָט אַרן אָנגענומען דעם טאַטן און איז דורכגעגאַנגען פֿאַר די זשאַנדאַרן צוזאַמען מיט אים. פֿון דער קולטוס־געמיינדע איז ער גלײַך אַוועקגעגאַנגען צו דאָמקען. שפּעטער איז ער צוריק געקומען. מיר האָבן באַמערקט, אַז עפּעס האַלט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר? — פֿרעגט אים דער טאַטע.

— די מאַמע וועט שוין נישט וויינען, וואָס איך בין נישטאָ, איך וועל שוין זײַן אינדערהיים, מע וויל מיך אויסהיטן, — פֿאַר קאַס האָט ער זיך קיין פּלאַץ נישט געקאָנט געפֿינען און זיך ווידער געלאָזט אַוועקגיין.

— וווּהין זשע גייסטו? זײַ כאָטש הײַנט אינדערהיים.

— איך וועל אַרײַנגיין צו די קופּערמאַנס.

— איך ווייס, מאַמע, וווּהין ער גייט, — זאָגט יאָסל, — בײַ די קופּערמאַנס איז דאָ אַ שיין מיידל. זי הייסט ליובע. איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל געזען גיין מיט איר.

אַרן ווײַזט יאָסלען אַ קולעק.

אינדערפֿרי איז געקומען דאָמקע, אַרויסגערופֿן אַרענען און אים עפּעס געזאָגט אָפּגעיך.

— הײַנט גיי איך אַרבעטן אין באָד, — זאָגט אַרן, — עס זײַנען אָנגעקומען דײַטשן. זיי וועלן זיך הײַנט באָדן...

אָפּדערנאַכט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים פֿריילעכער.

— וויאַזוי קומסטו אין באָד אַרײַן, אַרן?

— איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט שלעפּן ייִדן אויף אַרבעט אַהין, האָב איך גערופֿן ליקען, דאָס טשערנעוויצער ייִנגל, מיט מיר. מיר זײַנען נאָר אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, האָבן אונדז טייקעף דערזען די פּאָליצײַען, און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ייִדן האָט מען אונדז גלײַך געפֿירט אַהין.

— צו וואָס האָסטו געדאַרפֿט ליקען?

— ער רעדט גוט דײַטש.

— וואָס זשע האָט איר דאָרט געטאָן, אין באָד?

— מיר האָבן געהייצט דעם אויוון, געקאָכט וואַסער, געהאַקט האָלץ. אַלעס, וואָס זיי האָבן געהייסן, האָבן מיר געטאָן.

— פֿון וואָס זשע ביסטו אַזוי צופֿרידן? — פֿרעגט ווײַטער די מאַמע.

— וואָס פֿאַרשטייסטו ניט, מאַמע. אַז מע הייסט דיר זיך עפּעס דערוויסן און עס גיט זיך דיר אײַן, מעג מען זײַן צופֿרידן?

— גיב אים בעסער אָפּעסן, — זאָגט דער טאַטע. — וואָס האָסטו אים אָנגעכאַפּט מיט פֿרעגענישן?

באַם עסן האָט אַרן די גאַנצע צײַט געקוקט צו דער טיר און זיך צוגעהערט. אַז דאָמקע איז אַרײַנגעקומען, האָט ער גיך אַוועקגעלייגט דאָס עסן און אַרויס מיט איר אין קאַלטן צימער. פֿון דאָרטן איז ער אַרײַנגעקומען מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל. פֿאַרענדיקט דאָס עסן.

— איצט גיי איך מיר אַ ביסל.

— צו ליובען, — זאָגט יאָסל מיט א געלעכטער.

ארן קוקט אים אָן בייז, נאָר טייקעף צעשמייכלט ער זיך און גייט אוועק.

— איך פארשטיי נישט די וועלט, — זאָגט די מאמע צום טאטן, — אזא מילכאָמע, א לאגער, מיר ליגן אזוי אין דער ערד, און ער האָט נאָך אין זינען א מיידל, א ליובע.

דער טאטע טוט א שמייכל:

— פרומע, די ליבע פרעגט נישט, ווען זי מעג קומען.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען ווידער געטריבן אלע ייִדן צו דער קולטוס-געמיינדע.

צוערשט האָבן מיר געמיינט, אז ווידער אף אן אפעל. נאָר אז ווינדיש איז ארויסגעקר־מען אָן דעם בוך, האָבן מיר פארשטאנען, עס איז עפּעס געשען נײַס. דערווײַל פאָרן צו צוויי שליטנס מיט זשאנדארן, אףביידע שליטנס ליגט עפּעס איבערגעדעקט מיט ברעזענט. די זשאנדארן שפּרינגען אראָפּ און רופן צו עטלעכע ייִדן. די ייִדן דעקן אוף די ברעזענטן און הייבן אָן אראָפּלייגן אפן שניי פאר דער קולטוס-געמיינדע זעקס טויטע קערפּערס. עס ווערט א טויטע שטילקײַט. אויסגעלייגט זיי גלײַך אלע אין איין ריי, האָט א זשאנדאר אראָפּ־גענומען פונעם שליטן א שילדל, אָנגעשריבן אף דײַטש, רומעניש און אוקראַיִניש: „פּאר־טיזאנער". דער עלטסטער פון די זשאנדארן האָט געוויזן מיט דער לעדערנער הענטשקע אף די טויטע און גערעדט צו אונדז:

— אזא סאָף וועלן האָבן אלע די, וואָס וועלן העלפן די פארטיזאנער. מיר וועלן זיי אלעמען אויסשיסן אָדער כאפּן לעבעדיקערהייט און זיי אופהענגען אף די טעלעפאָן-סטויפּעס.

דעם גאנצן טאָג זײַנען געלעגן די זעקס פּארטיזאנער פאר דער קולטוס-געמיינדע אפן שניי. דער ווינט האָט צעבלאָזן זייערע בלאָנדע האָר. די פּנעמער זײַנען נאָך געווען פריש, גלײַך ווי זיי לעבן. אפן שניי האָבן זיך ארויסגעזען רויטע פלעקן בלוט, וואָס האָט נאָך גערונען פון די וווּנדן.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז קיין שום פּארטיזאנער האָבן די זשאנדארן נישט געכאפּט, זיי האָבן פּאָשעט גענומען און דערשאָסן יונגע אוקראַיִנער, קעדיי אָנצוּוואַרפן א מוירע אף אונדז אלעמען.

באנאכט האָבן די פּארטיזאנער פארנומען די טויטע.

15. דער צווייטער זומער

צוביסלעך האָט אָנגעהויבן ווערן שטילער. די זשאנדארן האָבן באנאכט זיך נישט גע־וויזן אין לאגער און אפילע אין דאָרף ארײַן אויך. צו דאָמקען אין שטוב ארײַן זײַנען זיי אויך מער נישט געקומען. דער ווינטער האָט זיך געענדיקט. עס איז נאָר געוואָרן א ביסל ווארעמער, האָבן ווידער ייִדן אָנגעהויבן גיין פון איין לאגער אין אנדערן זוכן זייערע אייגע־נע. אין א טאָג קומט ארײַן א יונגערמאן און פרעגט זיך נאָך אף עסטערן.

— אײַער מומע מאלקע פון בעלץ איז דאָ נישט ווײַט אין לאגער אף דער דובינע, זי האָט זיך דערוווּסט, אז איר זענט דאָ, בעט זי, איר זאָלט קומען צו איר. זי מאטערט זיך אליין.

— ווּ זשע איז דער פעטער כאַיִם?

— איך ווייס נישט פון קיין פעטער, איך קען נאָר זי. זי האָט געהאט גוטע זאכן, האָט מען זיי בא איר צוגענומען. זי האָט נישט וואָס צו עסן. וואָס זאָל איך איר זאָגן, איר וועט קומען?

עסטער קוקט צו מיר, וואָס וועל איך זאָגן.

— מיר וועלן קומען, — זאָג איך, — נאָר וואָס איז עס אזוינס, די דובינע, און ווּ איז עס?

— ס'איז א פיר צי פינף קילאָמעטער פונדאנען, — זאָגט דער יונגערמאן, — אמאָל איז דאָרט געווען א סאָווכאָז, וואָס מע האָט אים גערופן דובינע. רופן מיר אונדזער לאגער אויך אזוי.

— איז דאָ דאָרטן אַ סאַך ייִדן?

— געווען איז אַ סאַך, געבליבן זײַנען מיר זייער ווייניק. וואָס פרעגט איר אַזויפיל, איר ווייסט דען נישט, וואָס בײַ אײַך איז געבליבן. איז ווען וועט איר קומען? אײַער מומען גלייבט זיך נישט, אַז זי האָט נאָך ערגעץ עמעצן.

— זאָגט איר, אַז ווען מיר וועלן קענען אַרויסגיין פונעם לאַגער, וועלן מיר קומען צו איר.

— דאָס בעסטע איז באַנאַכט, איך בין אויך געקומען באַנאַכט און באַנאַכט גיי איך צוריק.

צוערשט האָט מען געדאַרפט פאַרזאָרגן אַ פּלאַץ, וווּהין מיר זאָלן נעמען די מומע מאַלקע, אויב זי קען נאָך גיין. און אויף מאָרגן פאַרנאַכט זײַנען מיר אַראָפּגעגאַן צו דער ריטשקע, אַריבערגעגאַן אין דאָרף אַרײַן און מיט אַ הינטערוועג, וואָס אַ פויערטע האָט אונדז געוויזן, זײַנען מיר אָנגעקומען אויף דער דובינע.

פרעגן, ווו צו געפינען די ייִדן, האָט מען נישט געדאַרפט. דער לאַנגער באַראַק האָט זיך טייקעף געוואָרפן אין די אויגן. אייניקע ייִדן האָבן זיך נאָך געדרייט אין דרויסן. זיי האָבן אונדז געזאָגט, ווו צו געפינען די מומע.

דאָס איינציקע קאַנעצל, וואָס האָט באַלויכטן דעם לאַנגן באַראַק, האָט מיר דערמאָנט די מאַלאַטשנע. די מומע איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ קילימל. ווען מיר זײַנען אַרײַנגע־קומען, האָט זי זיך אויפגעזעצט און לאַנג געקוקט אויף אונדז.

דאָס קאַנעצל האָט מען צוגעטראָגן נאָענט צו דער מומען.

— עסטערל, דו ביסט גראָו אַזוי ווי איך, און דיך, מוישע, דערקען איך גאָרנישט. וואָס איז פון אײַך געוואָרן...

— מומע, פון אונדז וועלן מיר דערציילן שפּעטער. ווו איז דער פעטער?

— דער פעטער... ווען די דײַטשן זײַנען נאָר אַרײַן קיין בעלץ, האָבן זיי גענומען די פײַנסטע ייִדן, זיי אַרײַנגעפירט אין אַ קעלער און אים אויפגעריסן. אַלע ייִדן זײַנען פאַרשיט געוואָרן.

די מומע דערציילט און וויינט נישט. מע איז שוין אַזוי געוווינט געוואָרן מיט אַזוינע זאַכן, גלײַך ווי מע דערציילט עפּעס אַ פרעמדע געשיכטע.

— און דו, וויאַזוי ביסטו געקומען אַהער? — פרעגט עסטער.

— איך האָב געהאַט אַ סאַך גוטע זאַכן, האָב איך געגעבן, מע זאָל מיר העלפן טראָגן. דאָ האָב איך די זאַכן אויסגעביטן אויף עסן. ווינטער בין איך קראַנק געוואָרן. אַ סאַך זאַכן האָט מען בײַ מיר צוגענומען, איצט לעב איך פון דעם, וואָס די ייִדן טיילן מיר אָפּ.

— מומע, איר פילט זיך נאָך אין קויעך צו גיין?

— איר ווילט מיך נעמען צו אײַך, קינדער? איך וועל זיך פּרוּוון גיין, נאָר צי איך וועל אָנקומען, ווייס איך נישט.

— אויב גיין, מומע, מוז מען באַנאַכט, עס איז טאַקע נישט ווײַט, נאָר אַרויסגיין דאַרף מען שוין.

דאָס איינציקע קישעלע און דאָס קילימל, וואָס זי איז געלעגן מיט דעם צוגעדעקט, איז געווען איר גאַנץ פאַרמעגן. עסטער האָט אײַנגעוויקלט מיטן קילימל דאָס קישעלע, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין, טעלעכע ייִדן האָבן אונדז באַגלייט ביז צום וועג.

זייער פּאַוואָליע, טריט אין טריט, האָבן מיר די גאַנצע נאַכט זיך געשלעפּט. באַם אַריבערגיין די ריטשקע אין לאַגער אַרײַן איז שוין געווען ליכטיק. אויף דער לײַצע, וואָס איך מיט אַרענען האָבן פון פריִער צוגעגרייט, האָט זיך די מומע צוגעלייגט אָפּרוען.

— גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר האָט געבראַכט די מומע מאַלקע, קינדער, — זאָגט די מאַמע, — גייט רוט זיך אויך אויס, איך וועל שוין אַלעס פאַרזאָרגן.

אָבער נישט דער לאַגער איז געגעבן געוואָרן צו רוען. אין אַ שאָ אַרום וועקט מיך אָרן:

— מוישע, שטיי אויף, מע האָט יאַסלען מיט לייזערן פאַרנומען צו דער זשאַנדאַר־מעריע.

— וואָס פאַר אַ לייזער?

— לייזער, ליובעס א ברודערל, — זאָגט ארן און ווערט רויט אפן פּאָנעם.

— פארוואָס האָט מען זיי פארנומען?

— יאָסל מיט לייזערן זײַנען נעכטן פארנאכט געווען בא דער ריטשקע און האָבן געפונען עפּעס א גארטעלע.

— איז וואָס זשע, איבער א גארטעלע האָט מען זיי פארנומען?

— נעכטן האָט מען באגאנוועט לעווענטאלן...

— וואָס פאר א לעווענטאלן, ארן? דערצייל, וואָס איז געשען.

— נו, דו ווייסט שוין נישט, וואָס פאר א לעווענטאל... דער לעווענטאל, וואָס זײַן מיידל ווױנט מיטן פּרעטער[1]. וואָס זשע, דו האָסט זי נאָך נישט געזען ארומפּאָרן מיט אים אין דער בריטשקע?

— זאָלן זיי פאָרן צו אלדי רוכעס, אָבער וואָס איז מיט יאָסלען, ווי קומט יאָסל אהין?

— יאָסל האָט געפונען דאָס גארטעלע, איז א סימען, אז ער האָט זיי באגאנוועט. זי האָט מיסטאמע דערציילט דעם פּרעטער, און ער האָט געהייסן, מע זאָל זיי ארעסטירן.

די מאמע, וואָס האָט זיך נאָך פארנומען מיט דער מומע מאלקע, לאָזט איבער אלץ און לויפט אוועק צו לעווענטאלן, ער האָט געווױנט אין איין שטוב מיט די קופּערמאנס, ליובעס עלטערן. נאָר זי האָט בא אים גאָרנישט ניט געפּועלט. „ער איז טאקע נאָך א קליינער, אײַער ייִנגל, — האָט איר לעווענטאל געזאָגט, — נאָר א גאנעװ איז ער א גרויסער, ביזוואנען איר וועט נישט אָפּגעבן וואָס ער האָט צוגעגאנוועט, וועלן מיר אים נישט ארויסלאָזן. גייט אײַך פונדאנען, מע וועט אים דאָרט אזוינס טאָן, אז ער וועט מוזן אויסזאָגן, ווו ער האָט פארבאהאלטן די זאכן“. קופּערמאן אָבער האָט יאָ געפּועלט בא לעווענטאלן, מע זאָל אָפּלאָזן זײַן לייזערן.

ארן, וואָס איז געשטאנען א גאנצן טאָג נישט ווײַט פון דער זשאנדארמעריע און געווארט, עפּשער וועט ער זיך עפּעס דערוויסן, האָט פּלוצעם דערזען, ווי עס גייט פון דאָרטן ארויס לעווענטאלס טאָכטער און נאָך איר גייט לייזער.

ווען זיי זײַנען ארײַנגעקומען אין לאגער, איז ארן צוגעלאָפן צו זיי און געפרעגט:

— לייזער, ווו איז יאָסל?

— ער ליגט דאָרט אין קעלער. ער וועט מוזן אלץ אויסזאָגן, — האָט אָפּגעענטפערט די פרײַלן לעווענטאל.

די אנדערע צוויי טעג האָבן מיר זיך גאָרנישט געקענט דערוויסן, וואָס איז מיט יאָסלען. ערשט אפן דריטן טאָג קומט צו לויפן טײַבל, דאָס מיידעלע, וואָס די מאמע האָט געהאלטן לעבן זיך, און זאָגט אָן:

— איך האָב גערעדט מיט יאָסלען.

— ווו האָסטו גערעדט מיט יאָסלען?

— אין זשאנדארמעריע. איך בין דורכגעקראָכן דורכן פּלויט פון יענער זײַט צווישן דיביימער און דורכן פענצטערל פונעם קעלער האָב איך גערעדט מיט אים. ס'שטייט דאָרט אן אלטער זשאנדאר און היט אים. ער האָט מיר דערלויבט, איך זאָל ברענגען יאָסלען עסן, פון זינט מע האָט אים ארעסטירט, האָט ער נאָך נישט געגעסן.

— ווּעסטו גיין נאָכאמאָל?

— איך ווייס שוין וויאַזוי. גיט מיר גיכער עפּעס, ער איז שטארק צעשלאָגן און הונגעריק.

טײַבעלע האָט זיך געפּרוּווט אלע טאָג צוצוגיין צו יאָסלען, נאָר עס זײַנען שוין געשטאנען דאָרט אנדערע זשאנדארן און זי פארטריבן. ערשט אפן זיבעטן טאָג האָט זי ווידער געטראָפן דעם אלטן זשאנדאר. זי האָט זיך נאָר געוויזן לעבן פּלויט, האָט ער זי צוגערופן, גענומען דאָס עסן און אים איבערגעגעבן.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען אפן מארק דערקענט בא איינעם אן אופקויפער דער פרײַלן לעווענטאלס צוויי קליידלעך. יענער האָט געזאָגט, ווו ער האָט זיי געקויפט און גע־

[1] פּרעטער — א רומענישער ציווילער נאטשאלניק (רומ.).

וויזן, ווו דער גאנעוו וווינט. דאָרט האָט מען געטראָפן נאָך אייניקע זאכן, וואָס דער גאנעוו האָט נאָך נישט באוויזן צו פארקויפן.

די ערשטע, וואָס האָט דערזען יאָסלען פון דער זײַט טויער, איז געווען טײַבל. אלע נײַן טעג האָט זי דעזשורעט בא דער זשאנדארמעריע און זי האָט אים אהיים געבראכט. ער איז געווען אזוי צעקלאפּט, אז ער האָט אפילע רעדן ניט געקאָנט.

די צוויי ײִדישע פּאָליצײַען האָבן זיך דערוווּסט, אז איך מאך היטלען און פארדין אף צו עסן, האָבן זיי אוואדע עס נישט געקענט פארלײַדן. אלע טאָג זײַנען זיי מיך געקומען נעמען אף ארבעט. טאָן מײַן ארבעט איז מיר אויסגעקומען פארנאכט אָדער באנאכט באם קאנעצל. צוערשט האָב איך ניט פארשטאנען, וואָס די פּאָליצײַען ווילן פון מיר, פארוואָס פונקט מיך אָדער עסטערן דארפן זיי האָבן אף ארבעט.

— עפשער ווילן זיי, זאָלסט זיי געבן געלט, וועלן זיי אײַך אָפּלאָזן? — זאָגט דער טאטע.

— עס פעלט זיי נאָך מײַן געלט? זיי האָבן זיך שוין אזויפיל אָנגעראבעוועט, אז עס וועט זיי סטײַען צו שפּילן אין קאָרטן און עסן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וויפל דער לאגער זאָל זיך נישט ציִען, — ענטפער איך דעם טאטן. פונדעסטוועגן זאָג איך עסטערן: — קען זײַן, דער טאטע איז גערעכט, אָבער וויִאזוי זאָגט מען זיי וועגן געלט?

— איך וועל זיי מאָרגן זאָגן, — רופט זיך אָן עסטער, — און דו וועסט זיך באהאלטן.

אינדערפרי, ווען די פּאָליצײַען האָבן מיך ניט געטראָפן, האָבן זיי גענומען שלעפּן אף ארבעט עסטערן.

— וואָס וואָלט איר געוואָלט, איר זאָלט אונדז לאָזן צורו, מיר זאָלן קענען עפּעס פאר־דינען אף צום לעבן? — האָט עסטער זיי פּאָשעט געפרעגט.

— און מיר דארפן נישט לעבן? — רופט זיך אָן איינער פון זיי. — טאָמער האָט זיך מוישע איצט באהאלטן, וועלן מיר אים טרעפן שפּעטער.

— איז וואָס זשע ווילט איר?

— א מארק א טאָג, און נאָר פאר מוישען, און דו קום אף ארבעט.

אין דרויסן איז געשטאנען א זשאנדאר מיט עטלעכע מענער און פרויען. עסטער האָט געמוזט ארויסגיין און זיך אוועקשטעלן אין דער קאָלאָנע.

דעם גאנצן טאָג האָבן די פּאָליצײַען געהיט די שטוב. איך בין נאָר ארויסגעקראָכן פון מײַן באהעלטעניש און זיך גענומען עפּעס טאָן, — זיי גייען שוין ווידער.

— באהאלט אײַך, — זאָגט די אלטע עסטער, וואָס איז געזעסן פאָרנט לעבן דער טיר.

פארנאכט, אז עסטער איז געקומען מיד און בייז פון דער שווערער ארבעט, זי האָט נאָך נישט באוויזן אפילע עפּעס אָפּצועסן, זײַנען זיי שוין ווידער געווען.

— נו, איר האָט זיך שוין איבערגערעדט מיט מוישען?

— רעדט אליין מיט מוישען, וועל איך אים ארײַנרופן.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — פרעג איך זיי.

— דרײַסיק מארק א כוידעש, דאָס געלט פאָרויס. און א צוויי מאָל אין דער וואָך וועסטו מוזן גיין אף ארבעט. עסטערן, אז מיר וועלן טרעפן, וועלן מיר זי נעמען, גלײַכער זי זאָל זיך באהאלטן. און דו אויך. ווען מיר גייען נעמען אף ארבעט, זאָל מען אײַך נישט זען.

עטלעכע מאָל כאזער איך איבער:

— דרײַסיק מארק, דרײַסיק מארק. ס'איז מער פון האלב, וואָס איך קאָן פארדינען.

— דו ווילסט זיך עפשער נאָך דינגען מיט אונדז?

— איך דינג זיך נישט מיט אײַך, אָבער איך גיב אײַך אוועק דאָס לעצטע.

— וועמען גייט עס אָן, צי דאָס לעצטע, צי ניט. צערעכן זיך מיט אונדז, און ווער פארטיק. מאָרגן וועסטו ארבעטן, וועסטו האָבן אנדער געלט.

נאָר מאָרגן איז מיר נישט אויסגעקומען צו ארבעטן. שפּעט אין דער נאכט איז געקו־מען ארן מיט א נײַס:

— מאָרגן וועט מען כאפּן אף ארבעט און אוועקשיקן קיין טולטשין אף א פּאָר וואָכן.

— פונוואנען ווייסטו דאָס, ארן?

— פרעגסט מיך ווידער אויס. איך בין אײַך געקומען רופן, שוין קומט זיך באהאלטן.

— לייבן האָסטו געזאָגט?

— איך בין שוין געווען אומעטום, בא דאַמקען איז דער בוידעם שוין פול. קומט גיכער צו אן אנדער שכיינע. דאַמקע האָט זיך שוין מיט איר צונויפגערעדט.

אינמיטן נאכט זײַנען מיר אוועק צו דאַמקעס א שכיינע אפן בוידעם, און דאָרט צוזא־מען מיט נאָך עטלעכע מענער און פרויען זיך אויסבאהאלטן איבער צוויי וואָכן.

יאָסל אָדער טײַבל האָבן אונדז געבראכט עסן און נײַסן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין לאגער. די זשאנדארן מיט די פּאָליצײַען האָבן געבושעוועט. אלע ייִדן, וואָס האָבן נאָך געקענט ארבעטן, האָבן זיי אוועקגעשיקט קיין טולטשין. אף די גאסן האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן, כוץ די פון דער קולטוס־געמיינדע און זייערע נאָענטע. ארויסגיין פון דער באהעלטעניש האָבן מיר געמעגט ערשט דעמלט, ווען די ייִדן האָבן זיך אומגעקערט פון טולטשין און עס איז ווידער א ביסל שטיל געוואָרן. אין עטלעכע טעג ארום, ווען מיר זײַנען מיט עסטערן ארויסגעגאן אף דער גאס, האָבן מיר באגעגנט בוקען פון זגוריצע.

— דו געדענקסט נישט? מיר זײַנען מיט אים געווען צוזאמען אין לינבען און דערנאָך אין ווערטוזשען.

— פונוואנען קומסטו, בוקע, — פרעג איך.

— פון בערשאד.

— וואָס טוען דאָרט אונדזערע, בוקע?

— דײַן ייִדלען וואָלסטו נישט דערקענט, אזוי פארשווארצט איז ער. נאָר ער באָרעט זיך מיטן טויט. ארבעט ווי א רועך, אָבי איבערצולעבן.

— ריווקען מיטן קינד האָסטו געזען?

— ייִדל ארבעט שוין פאר אלע דרײַ.

— וואָס טוסטו דאָ?

— אין בערשאד נעמט מען אף ארבעט, בין איך אנטלאָפן, איך זוך דערווײַל מײַנע אייגענע, עפשער איז עמעצער געבליבן לעבן. שא, זאָג מיר נאָר, מוישע קערצמאַן איז, דאכט זיך, געווען אײַערער א קאָרעוו?

— יאָ, ער איז מײַן ראָזעס א שוואָגער.

— ער איז געווען ראָזעס שוואָגער, און זי, פריידע, איז שוין אויך נישטאָ. עס זײַנען נאָר איבערגעבליבן זייערע צוויי מיידעלעך, נאָך גאָר קליינע קינדער.

— איך געדענק אפילע נישט, ווי זיי הייסן.

— אידעלע און ציליע, — זאָגט בוקע, און פארטראכט זיך, — ווען איר זאָלט זען, וויִאזוי די קינדער מוטשען זיך און פון וואָס זיי לעבן.

— בוקע, זיי קאָנען נאָך גיין?

— וואָס זשע, דו טראכסט זיי נעמען צו זיך?

— אויב זיי וועלן נאָר קאָנען גיין.

— איך קען זיי אײַך ברענגען. באצאָל מיר פארן וועג, קער איך זיך אום קיין בערשאד און באנאכט ברענג איך זיי אײַך.

— וויפל דארף איך באצאָלן?

— פּופּציק מארק, גיי איך די נאכט צוריק קיין בערשאד. באטאָג גרייט איך זיי צו, און באנאכט פיר איך זיי ארויס פון בערשאד. עס זאָל נאָר זײַן בעשאָלעם דער וועג, בין איך איבערמאָרגן אינדערפרי דאָ מיט זיי.

— וואָס זאָגסטו, עסטער?

— איך געדענק אפילע נישט די קינדער, איך האָב זיי איין מאָל געזען אין קאָסעוץ אין וואלד. נאָר זאָל ער זיי ברענגען. פאר הונגער וועלן זיי בא אונדז נישט שטארבן.

— איך האָב געוווּסט, אז דו וועסט אזוי ענטפערן. גיי, בוקע.

דעם אנדערן טאָג האָבן מיר זיך געגרייט צו זייער קומען, ארויסגעקוקט באנאכט, אלץ געמיינט, באלד וועלן זיי זײַן. דערווײַל אינדערפרי שלעפּט מען שוין אף ארבעט. מיר גייען

זיך באהאלטן, די פּאָליציַיען גייען אוועק. עס איז שוין באַלד האַלבער טאָג. עס נעמט זיך צו מיר נישט קיין ארבעט. איך קוק אַלץ אפן וועג, ערשט נאָך האַלבן טאָג דערזע איך בוקען פירן די צוויי מיידעלעך.

ביז איך האָב זיך צערעכנט מיט בוקען, האָט עסטער שוין געמאַכט וואסער, פאַרהאַנגען א ווינקל פון אונדזער צימער, באוואשן די קינדער, זיי אָנגעהאָדעוועט און געלייגט שלאָפן. איידעלע איז דעמאָלט אַלט געווען נַיַן יאָר, צילע — זיבן יאָר. ווען די קינדער זיַינען אופגעשטאנען, זיַינען זיך צונויפגעקומען אלע אייגענע, און, ווי דער שטייגער איז געווען, אויסגעפרעגט פון יעדן, ווער ס'געפינט זיך, ווער ווו ס'איז אומגעקומען צי פאַרפאַלן געוואָרן.

איידעלע קוקט זיך ארום, ווו זי געפינט זיך, און דערציילט:

— דעם פאפען האָט מען אוועקגענומען נאָך אין קאָסעווע, אין וואַלד, די דיַיטשן האָבן אים געכאַפּט, אריַינגעוואָרפן אין א מאַשין מיט נאָך עטלעכע ייִדן, און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען, מיר מיט דער מאַמען זיַינען געגאַן אף די וועגן ביז בערשאַד. ווינטער איז די מאַמע שלאָף געוואָרן, איז אונדז געוואָרן זייער שווער. איך מיט צילען האָבן געדאַרפט עפּעס אָפּקאָכן, געפינען א פּאָר ברעטלעך מיט וואָס אָפּצוקאָכן. צולעצט, אז די מאַמע האָט שוין נישט געקענט רעדן, האָט זי געוויזן די גאַנצע צַיַט מיט דער האַנט צום האַלדז. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל, כ'האָב געמיינט, עס בַיַסט זי, האָב איך זי געקראַצט, געגלעט. און אז זי איז געשטאָרבן, האָב איך אָנגעטאַפּט בא איר אפן האַלדז א בינטעלע מיט איר צירונג, וואָס מע האָט איר געגעבן צו דער כאַסענע.

די מאַמע האָט נאָך א פּאָר טעג פאַרנומען דאָס פּורל, וואָס האָט אוועקגעפירט די מייסים, און איך מיט צילען זיַינען געבליבן אַליין, ווי אפן וואַסער. שכיינים פון דער שטוב, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן אונדז אויסגעביטן דער מאַמעס צירונג פאַר א ביסל פּאַפּשוימעל, געגעסן האָבן מיר איין מאָל אין טאָג א ביסל זשאַנדרע, געוואָרעמט זיך לעבן די שכיינימס הרובקעלע, און אזוי איבערגעלעבט דעם ערשטן ווינטער. דאָס צירונג האָט זיך גיך געענדיקט, וויַיל מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וויפל צו מאָנען פאַר דעם, און איך האָב געמוזט זוכן עפּעס ארבעט. א שכיינע האָט מיך אויסגעלערנט העקלען, אויסהעקלען פון אַלטער וואָל הענטשקעס צי זאָקן. דערפאַר האָב איך געהאַט א האַלבן מאַרק א טאָג. אף איין מאָל אין טאָג אָפּצועסן איז עס אויך געווען ווייניק. זומער האָבן מיר קיין אנדער ברייַרע נישט געהאַט, און צילע איז ארומגעגאַן בעטן עפּעס אף צו עסן, אמאָל איז זי געקומען מיט עפּעס, אמאָל — ליידיק. איך האָב נישט געקענט גיין בעטן, איך האָב גיכער געהונגערט. ווינטער האָב איך ווידער געהעקלט, אפילע באַנאַכט באַם קאַנעצל און עפּעס פאַרדינט. צילע האָט געבראַכט האָלץ. אז בוקע איז געקומען און אונדז גענומען מיט זיך, האָבן מיר אפילע נישט געוווּסט, ווּהין ער פירט אונדז.

די מאַמע ווישט זיך די אויגן, זי וויל ניט וויינען, נאָר עס וויינט זיך בא איר פון זיך אַליין. ערן נעמט אָן צילען בא דער האַנט.

— איידעלע וועט זיַין דאָ, בא מוישען, און דו, צילקע, קום, וועסט זיַין מיַין שוועסטערל.

צילע קוקט אף איידעלען:

— ווּהין וויל ער מיך נעמען?

— שרעק זיך נישט, עס איז די אנדערע שטוב, מיר וועלן זיַין צוזאַמען, א גאַנצן טאָג.

די מישפּאָכע האָט זיך פאַרגרעסערט, ארבעטן האָבן מיר געדאַרפט מערער, און עס איז אָנגעקומען אַלץ שווערער און שווערער. כאָטש ניַיסן פונעם פראָנט האָבן מיר נישט געוווּסט, נאָר מיר האָבן שוין דערקענט אין די זשאַנדאַרן, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט, אז בא די דיַיטשן גייט עס גאָר נישט פריגלדיק.

די זשאַנדאַרן האָבן אויסגעלאָזט זייער קאַס צו אונדז, געטריבן אף ארבעט, געשלאָגן, געמאַכט אפּעלן. קאָנטראָלירט, צי קיינער איז נישט אוועקגעגאַן צו די פּאַרטיזאַנער. ערנען פונעם לאַגער האָט מען מער נישט אוועקגעשיקט. ער האָט געאַרבעט בא דאָמקען און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט, אַליין געגאַן אף ארבעט צו די זשאַנדאַרן.

(פּאָרזעצונג קומט)

טאנכום קאפלאן

אילוסטראציעס צו שאָלעם-אַלייכעמס ווערק

„שיר האשירים״. שארבלאט צו א בוך.

«Песня песней». Заглавный лист к книге.



„קאסרילעווקע״. די באָבע.

«Қарсиловка». Бабушка.

„קאסרילעווקע‟. א שאפע.

